STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01463

BERIHMTE ERTSEHLUNGEN FUN DEM ALGEMEYNEM LEBEN

Permanent preservation of this book was made possible
by Lawrence A. Riemer
in memory of
Morris & Bella (Hirschhorn) Riemer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּיראזשניקאווס אויסגאבע

בעריהמטע ערצאהלונגען

פון דעם

אלגעמיינעם לעבען

פערפאסט

פון פערשיעדענע בעריהמטע שריפטשטעלער.

66

ווילנא, תרס"ג, דרוק פון י. פּיראָזשניקאָוו.

ISIDOR HURWITZ
LIBRARY
OF THE

РАЗСКАЗЫ

Знаменитыхъ писателей.

Изданіе И. І. Пирожникова.

Вильна, Типографія И. І. Пирожникова,
Завальная улица, д. № 1147.
1903.

Дозволено цензурою 16-го Іюля 1903 г.
Вильна.

אינהאַלטס פערצייכניס:

1 דער געפאַנגענער אין קאַווקאַז. פון ל. טאָלסטאָי.

2 דער סיגנאַל. פון ו. גאַרשין.

3 דער באַשערטער טויט פון מ. לערמאָנטאָוו

4 דער וואָראָבייציק פון א. פרעסס.

5 דער מבול. פון ע. זאָלאַ.

6 די שפיאָנין. פון ק. אָרט.

7 דיא נקמה פון ז. דעלים.

8 די קראַפט פון ליעבע. פון ע. ד'אַמיטשיס.

9 ליעבע און פאַטערלאַנד פון מאַקס נאָרדאָו.

10 אייזענבאַהן-געשיכטע " "

11 דער לעצטער עקזאַמען. פון א. העדענסטערן

12 דער שטאָלצער פערד " "

13 שטאָרונגען אין ליעבע " "

14 גראָבעס ברויט " "

גראף ל. נ. טאָלסטאָי.

דער געפאַנגענער אין קאווקאז.

אַ מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה.

I.

אויף קאווקאַז האָט אַמאָהל געדינט אַ רוסישער אָפיציר מיטן נאָמען זשילין. איין מאָהל בעקומט ער אַ בריף פון דער היים, זיין אַלטע מוטער שרייבט איהם: „איך בין שוין אַלט, עס ווילט זיך מיר זעהען פאַר מיין טויט מיין ליעבינקען זונעלע. קום צו פאָהרען זיך זעגנען מיט מיר (מיינע טאָג זיינען שוין געציילטע) און נאַכהער קענסט דו זיך געזונדער הייט אַוועק פאָהרען צוריק דיענען. און איך האָב שוין פאַר דיר אַכַּלָּה אויך אויסגעזוכט; אַ קלוגע, אַ שיינע מיט אַ היבשען נָדָן. אויב זי וועט דיר געפעלען—קען זיין אז דו וועסט שוין גאָר חֲתוּנָה האָבען און אין גאַנצען פערבלייבען אין דער היים".

זשילין האָט זיך בעטראַכט: „די מַעֲשֶׂה איז דאָך טאַקע אַזוי: די אַלטע האַלט שוין שלעכט; עס קען זייער זיין, אַז עס

ווערט מיר שוין מעהער ניט אויסקומען צו זעהען איהר. מען דאַרף פֿאָהרען, און אויב די כּלה איז בּאֱמת עפּעס רעכסט — קען מען שוין טאַקע פֿאַראיינם אָבשפּילען אַ חתונה".

ער איז אַוועק צום פּאָלקאָווניק, אַרויס־בעקומען אַנ'אָטפּוסק, געזעגענט זיך מיט זיינע חברים, געשטעלט פֿיר עמער בראַנפֿען זיינע סאָלדאַטען צום זעגענען זיך, און האָט זיך צוזאַמענגעקליעבען אוועק צוא פֿאָה־רען.

אויף קאַווקאַז איז דאַמאָלסט געוועזן מלחמה צייט. אויף די וועגען איז ניט זיכער געוועזן צו פֿאָהרען ניט ביי טאָג און ניט ביי נאַכט. ווי נאָר ווער פֿון די רוסען פֿלעגט אָבטרעטען פֿון פֿעסטונג — פֿלעגען איהם די טאָטערן אַוועקהרגע'ן אָדער אַוועקפֿיהרען געפֿאַנגען אין די בערג. און עס איז געוועזן אַיינגעפֿיהרט אַז צוויי מאָהל אין וואָך פֿלעגען פֿון פֿעסטונג צו פֿעסטונג גיין סאָלדאַטען צו בעשיצען די וועג. פֿון פֿאָרענט און פֿון הינטען פֿלע־גען גיין סאָלדאַטען, און אין מיטען—די רייזענדער.

די מעשׂה איז געוועזן זומער. גאַנץ פֿריה האָבען זיך צוזאַמענגעקליעבען דיא אָבאָזען הינטער'ן פֿעסטונג; עס זיינען אַרויסגעגאַנגען די סאָלדאַטען וואָס האָבען

גערדאַרפֿט בעגלייטען, אונ מען האָט זיך געלאָזען אין וועג אַריין.

זשילין אַליין האָט געריטען, אונ דיא פֿוהר מיט זיינע זאַכען איז מיטגעפֿאָהרען אין אָבאָז.

צו פֿאָהרען איז געווען פֿינף-און-צוואַנציג וויאָרסט. דער אָבאָז איז געגאַנגען לאַנגזאַם — דאָ האָבען זיך די סאָלדאַטען אָבגעשטעלט, דאָ איז ביי אימיצען אַראָבגעפֿאַלען אַראָד פֿון וואָגען, אָדער אַפֿערד האָט זיך אָב געשטעלט — שטייען ואַללע אונ וואַרטען.

די זון איז שוין אַריבער דעם מיטען הימעל און דער אָבאָז איז נאָך ערסט אָבגעפֿאָהרען אַהעלפֿט וועג. עס ואיז אַשטויב, אַהיטץ, די זון באַקט און עס איז גאָר ניטאָ וואו זיך צו בעהאַלטען פֿון איהר — אַרום אונ אַרום איז אַהוילער מִדְבָּר; אינערגע׳ן איז ניטאָ קיין בוימעלע, קיין שטרויכעלע איז ניטאָ אויפֿ׳ן גאַנצען וועג.

זשילין האָט אַרויסגעריטען פֿאָראויס; ער האָט זיך אָבגעשטעלט און וואַרט, ביז דער אָבאָז וועט אונטער פֿאָהרען. ער הערט — פֿון הינטען האָט מען אָנגעהויבען צו טרומייטערן, — מען שטייט ווייטער. זשילין האָט אַקלער געטאָהן: „אָפֿשַר זאָל איך גאָר אַוועק פֿאָהרען אַליין, אָהן די סאָלדאַטען? מיין פֿערד איז אַגוטער.

ווען איך וועל אֲפִילוּ אָנטרעפֿען טאַטערען וועלען זיי מיך ניט דער יאָגען. אָדער ניט פֿאָהרען ?..."

ווי ער שטייט דאָ אַזוי און קלערט, רייט צו איהם צו נאָך איין אָפֿיציר, קאָסטילין, מיט אַ ביקס און רופֿט זיך אָב:

— זשילין, לאָמיר נאָר אוועקפֿאָהרען אַליין; איך גיי אוים פֿון די כּחות, עסען ווילט זיך, און דער צו איז אַזא היטץ, איך בין אויסצודרייען פֿון שוויים.

קאָסטילין איז אַמאַנספּערזאָן אַשווערער, אַדיקער; די גענזיכט איז ביי איהם רויט, און דער שוויים גיסט זיך פֿון איהם. זשילין גיט אַקלער און פֿרעגט:

— דיין ביקס איז אָנגעלאָדען?

— אָנגעלאָדען.

— נו, אויב אַזוי — לאָמיר פֿאָהרען. אָבער אָבגעמאַכט — מען זאָל זיך ניט דערוויי־טערן אין וועג איינער פֿון צווייטען.

און זיי האָבען אוועק געריטען פֿאָר־אוים מיט'ן וועג. זיי רייטען אויפֿ'ן פֿריי־ען פֿעלד, שמועסען צווישען זיך און גיבען אַכטונג אין די זייטען, אַרום זעהט זיך זייער ווייט.

ווי עס האָט זיך געענדיגט דער פֿעלד איז די וועג אַוועק צווישען צוויי בערג אין אַ שמאָלען טאָהל. זשילין רופֿט זיך אָב:

— מען דאַרף אַרויפֿרייטען אויפֿ'ן באַרג אַ בליק טאָהן — דאָ קען נאָך ווער עס איז אַרויםשפּרינגען פֿון הינטערן באַרג, און מען וועט גאָר ניט זעהן.

— וואָס איז דאָ וואָס צו זעהען? — ענטפֿערט קאָסטילין — לאָמיר רייטען ווייטער. זשילין הערט איהם אָבער ניט.

— ניין, — זאָגט ער — דו וואַרט אונטען און איך וועל נאָר אַ בליק טאן פֿון אויבען.

און ער האָט זיך אַלאָז געטאָן מיט'ן פֿערד לינק'ס, אויפֿ'ן באַרג. זשילינ'ס פֿערד איז געוועזען אַ יאַגט-פֿערד, ער האָט פֿאַר איהם, נאָך אַלס זשערעבטשיק, בעצאָהלט הונדערט רובעל, און האָט אים אַליין בע-ריטען, ער איז מיט איהם אַרויפֿגעפֿלויגען אויפֿען באַרג ווי אויף פֿליגלען. ער גיט אַ בליק — ניט ווייט פֿון איהם שטייען אַמאַן 30 טאָטערן, אויף פֿערד. וויא ער האָט זיי דערזעהען, האָט ער זיך אַקעהר געגעבען צוריק; די טאָטערן אָבער האָבען איהם בעמערקט און זיך אַיאָג געטאָן צו איהם, אַרויסחאַפּענדיג די גע-וועהר פֿון די שיידען. זשילין האָט גע-געבען אַלאָז דעם פֿערד מיט אַללע כּחות פֿון באַרג אַראָב און שרייט צו קאָסטי-לינ'ען:

— נרייט אָן די געוועהר! — און אַליין

טראַכט ער אויפ'ן פערד: „האַלט זיך נאָר ברודער! פאַרטשעפּע זיך נאָר ניט מיט אַפּוס — ווען ניט בין איך פערפאַלען. ווי נאָר איך וועל :צו קומען צום ביקס וועלען זיי שוין מיך אַליין אויך ניט נעהמען".

קאַסטילין אָבער, ווי נאָר ער האָט דערזעהען די טאָטערן, האָט ער אַנשטאָט צו וואַרטען, זיך אַלאָז געטאָן אַנ'אָטהעם צום פעסטונג צו. דורכ'ן שטויב זעהט זיך נור, ווי ער פלעמט דעם פערד מיט'ן בייטש פון ביידע זייטען און וויא דער פערד דרייהט מיט'ן עק.

זשילין זעהט — עס האַלט שמאָל. קיין ביקס האָט ער ניט, מיט'ן שווערד אַליין איז גאָר ניט צו מאַכען. ער האָט געגעבען אַלאָז דעם פערד צוריק צו די סאָלדאַטען — ער האָט געמיינט ער וועט זיך אֶפְשַר אַרויס דרייען. ער זעהט אָבער אַז עס לאָזען זיך זעכס רייטער צו פערצוימען איהם די וועג. זיין פערד איז אֲפִילוּ אַ גוטער, אָבער זייערע פערד זיינען נאָך בעסערע, און זיי יאָגען זיך גלייך איהם די וועג צו פערצוימען. ער האָט געוואָלט אַקעהר טאָן אָן אַזייט — האָט זיך שוין אָבער זיין פערד פאַנאַנדערגעלאָזען, אַז עס איז איהם שוין ניט מעגליך איינצוהאַלטען און טראָגט איהם גלייך אויף

זיי. זשילין זעהט עס יאָגט איהם אָן אַ טאָ-
טער מיט אַ רויטען באָרד אויף אַ גראָען
פערד. דער טאָטער קוויטשעט, שצירעט
די ציינער און האַלט דעם ביקס אָנגע-
גרייט.

— נו, — טראַכט זיך זשילין — איך קען
זיי, די טייוולען: אויב זיי נעהמען אַלע-
בעדיגען זעטצען זיי אַריין אין אַגרוב
און שמייסען מיט אַ בייטש. איך וועל
זיך אַבער לעבעדיג ניט לאָזען נעהמען.

זשילין איז אַפילו געווען ניט זעהר
הויך געוואַקסען, אָבער זעהר געשיקט.
ער האָט אַרויסגעהאַפּט זיין שווערד, אַלאָז
געטאָן דעם פערד גלייך אויפ'ן רויטען
טאָטער, און קלערט: „אָדער איך וועל איהם
צוטרעטען מיט'ן פערד, אָדער צו האַקען
מיט'ן שווערד".

זשילין האָט אָבער ניט דערגרייכט צו
איהם; מען האָט אויף איהם געשאָסען
פון הינטען און געטראָפען אין פערד.
דער פערד האָט זיך אַוואָרף געגעבען
אויף דער ערד מיט'ן גאַנצען קראַפט און
האָט צוגעדריקט זשילינ'ס פוס.

זשילין האָט זיך געוואָלט אויפהויבען—
זיינען שוין אָבער אויף איהם געזעסען
צוויי שמוציגע טאָטערן און האָבען איהם
געדרייט די הענד אויף הינטען. ער
האָט זיך אַרים געגעבען און האָט אַראָב-

געוואָרפֿען פֿון זיך די טאָטערן — זיינען אַרויפֿגעשפּרונגען אויף איהם פֿון די פֿערד נאָך דריי טאָטערן און האָבּען איהם אָנגעהויבּען צו שלאָגען איבּער'ן קאָפּ מיט די ביקסען. עס איז איהם געוואָרען פֿינסטער אין די אויגען און ער איז געבּליעבּען אָן כּחות. די טאָטערן האָבּען איהם געפּאַקט, פֿערבּונדען די הענד אויפֿ'ן רוקען, פֿערקניפּט מיט אַ טאָטערשען קנופּ און אַוועקגעשלעפּט צום זאָטעל. זיי האָבּען פֿון איהם אַראָפּגעוואָרפֿען די היטעל, אַראָבּגעשלעפּט די שטיוועל, אומעדום אַרום געזוכט, אַרויסגענומען זיינע געלד, זיין זייגער, און אַללע זיינע קליידער צוריסען אויף שטיקלעך. זשילין האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין פֿערד — ער זעהט ווי ער איז אַנידערגעפֿאַלען אויפֿ'ן זייט, אַזוי ליגט ער נעבּאַך; ער וואַרפֿט נור מיט די פֿיס, און צו דער ערד דערגרייכט ער ניט מיט זיי. אין קאָפּ איז בּיי איהם אַלאָך, אין פֿון לאָך פּייפֿט שוואַרצע בּלוט — אויף אַנ'אַרשין אַרום איז פֿון איהר דורכגענעצט די שטויבּ.

איינער פֿון די טאָטערן איז צוגעגאַנגען צום פֿערד און האָט אָנגעהויבּען אַראָבּ צו נעמען פֿון איהם דעם זאָטעל, דער פֿערד הערט אַלס ניט אויף זיך צו וואַרפֿען. דער טאָטער האָט אַרויסגענומען

זיין שטעכמעסער און איהם איבערגע-
שניטען די האַלז. עס האָט געגעבען אַפּייף
פון האַלז; דער פערד האָט אַציטער גע-
טאָן און איז טויט געבליעבען.

די טאָטערן האָבען אַראָבגענומען פון
פערד דעם זאָטעל און די איבעריגע זאַ-
כען. דער טאָטער מיט די רויטע באָרד
האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין פערד,
און די איבעריגע טאָטערן האָבען זשילינ'ן
ארויפגעזעצט צו איהם אויפ'ן זאָטעל פון
הינטען, און כְּדֵי ער זאָל ניט אַראָבפאַ-
לען האָבען זיי איהם צוגעבונדען מיט
אַ רימען צום טאָטערס גאַרטעל, און
אַוועקגעפיהרט איהם אין די בערג.

זשילין זיצט הינטערן טאָטער, וואַקעלט
זיך אום, און זיין געזיכט שטויסט זיך אָן
דעם טאָטערס שמוציגען רוקען. פאַר
זיך זעהט ער נור דעם טאָטערס ברייטע
פלייצעס, זיין קרעפטיגע האַלז און זיין
בלאָע געגאָלטע פּאָטיליצע פון אונטערען
היטעל. זשילינס קאָפּ איז צושלאָגען, די
בלוט איז פערבאַקען איבער די אויגען;
ניט ער קען זיך פעריכטען אויפ'ן פערד ניט
ער קען די בלוט אָבווישען, די הענד
זיינען אַזוי שטאַרק פערדרייט, אַז עס
ברעכט אין די אַקסלען.

אַ לאַנגע צייט האָבען זיי גערטיען פון
באַרג אויף באַרג, אריבער געבראָדזעט

אַ טייך און ארויסגעפֿאָהרען אויף אַ וועג אין אַשמאָלען טהאָל. זשילין האָט גע-וואָלט בעמערקען דיא וועג, וואוא מען פיהרט איהם — זיינען אָבער דיא אויגען בייא איהם פֿערשמירט מיט בלוט, אונ ער קען זיך ניט אוימ-קעהרען.

עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען טונ-קעל; זיי זיינען אַריבער נאָך אַטייכעל אונ אָנעגהויבען צו רייטען ארויף אַשטיי-נערנעם באַרג. עס האָט זיך אָנגעהויבען צו הערען רויך, הינד האָבען אָנגעהויבען צו בילען — זיי זיינען געקומען אין אַ טאָטער-שען דאָרף. די טאָטערן זיינען אַראָבגע-קראָכען פֿון די פֿערד; עס האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען טאָטערשע קינדער אונ האָבען אַרומגערינגעלט זשילינ'ען; פֿון פֿרייד האָבען זיי אָנגעהויבען צו קוויטשען אונ צו וואַרפֿען אויף איהם מיט שטיינער.

דער טאָטער האָט אָבגעטריבען דיא קינדער, אַראָבגענומען זשילינ'ען פון פֿערד אונ האָט צוגערופֿען אַ קנעכט. עס איז צוגענאַנגען אַ יונג מיט ביינער אין אֵיין העמד, אונ דער צו נאָך אַצו-ריסענע מיט אַ הוילע האַרץ. דער טאָטער האָט איהם עפּעס וואָס געזאָגט, אונ דער קנעכט האָט געבראַכט אַפּענטע: צוויא דעמבענע קלעצלעך אָנגעזעצט אויף איי-

זערגע רינגען. און אויף איין רינג איז אַפּראָבויציק מיט אַ שלעסעל.

מען האָט זשילינען אָבגעבונדען דיא הענד, אָנגעטאָן איהם די פּענטע אויף די פֿיס און אַוועקגעפֿיהרט אין אַ שטאַדאָלע. מען האָט איהם אַהין אַריינגעשטופּט און פֿער־שלאָסען די טיהר. זשילין איז אַנידער געפֿאַלען אויף אַ קופּע מיסט. ער איז אַ ווײַלע געלעגען, אָנגעטאַפּט אין דער פֿינסטער וואו עס איז ווייכער און האָט זיך דאָרט אַוועקגעלייגט.

II.

כּמעט די גאַנצע נאַכט האָט זשילין ניט געשלאָפֿען. די נעכט זיינען געווען קורצע. ער זעהט — אין שפּעלטעל האָט אָנגעהויבען צו ווערען ליכטיג. ער איז אויפֿגעשטאַנען, פֿאַנאַנדער געגראָבען דעם שפּעלטעל ברייטער און האָט אָנגעהויבען צו קוקען אויף דרויסען.

פֿון שפּאַלט זעהט ער די וועג — זיא גייהט אַראָב באַרג; רעכטס שטייט אַטאָ־טערשע הייזעל און לעבען איהר צוויי בוימער. אויפ'ן וועג ליגט אַ שוואַרצער הונד, עס גייט אַרום אַציג מיט ציגעלעך און וואַרפֿט אום מיט'ן עקיל.

פֿון אַראָב באַרג זעהט ער ווי עס גייט
אַיונגע טאָטערשע מיידעל אין אַ פֿאַרביגע
העמד, אין ברייטע הויזען און אין שטי-
וועל. דיא קאָפּ איז בייא איהר צוא
געדעקט עפּיס מיט אַקלייד, און אויפֿ'ן
קאָפּ טראָגט זי אַגרויסען בלעכענעם קרוג
מיט וואַסער. זי גייט און פֿיהרט פֿאַר'ן
האַנד אַקליינעם געגאָלטען טאָטער'ל, אין
איין העמדעל. די מיידעל איז אַריין מיט
די וואַסער אין הייזעל, און פֿון דאָר-
טען איז אַרויסגעגאַנגען דער נעכטיגער
טאָטער מיט'ן רויטען באָרד אין אַזיידע-
נעם בעשמעט מיט אַ זילבערנעם קינזשאַל
אויף אַ רימען און מיט שיך אויף די הוי-
לע פּיס. אויפֿ'ן קאָפּ טראָגט ער אַהויכע
באַראַנקענע היטעל אַ שוואַרצע, אָבגעבוי-
גען אויף אַ הינטער. ער איז אַרויסגעגאַנ-
גען, זיך אויסגעצויגען און געגלעט דיא
רויטע בערדעל. ער איז אַווײלע געשטאַ-
נען, נאַכהער האָט ער עפּעס געזאָגט
דעם אַרבייטער און איז ערגעץ וואו אַוועק-
געגאַנגען.

נאַכהער האָבען צוויי טאָטערלעך פֿאַר-
בייגעריטען אויף פֿערד צום ברונעם.
עס זיינען אַרויסגעלאָפֿען נאָך גע-
גאָלטע טאָטערלעך, אין איינע העמדלעך; זיי
האָבען זיך צוזאַמענגעקליעבען אין אַהויי-
פֿעל, צוגעגאַנגען צום שטאַדאָלע, גע-

נומען אַשטעקעלע און אָנגעהויבען צוא רוקען אין שפּאַלט, דורך וועלכען זשילין האָט געקוקט. זשילין האָט נאָר אַברום געטאָן אויף זיי — האָבען זיי זיך געלאָזען לויפען, אַז עס האָבען זיך נור געזעהען די נאַקעטע פיסלעך פון ווייטען.

זשילינ'ען ווילט זיך טרינקען, עס איז איהם טרוקען אין האַלז; ער טראַכט זיך: „וואָלטען זיי האָטש קומען גיוואָר ווערען.״ ער הערט — מען שליסט אָב די שטאַדאָלע. עס איז אַריין דער רויטער טאָטער און מיט איהם נאָך אַ טאָטער, נידעריגער פון איהם, אַשוואַרצינקער. די אויגען זיינען ביי איהם שוואַרצע, ליכטיגע, די באַקען רויטינקע, די בערדיל אַקליינע, אונטערגעשאָרען; די געזיכט אַפרייליכע, אַליץ ער לאַכט. געקליידעט איז דער שוואַרצער נאָך בעסער פאַר'ן רויטען, ער טראָגט אַ זיידענעם גרינעם בעשמעט בעניית מיט אַ טאַשמע, אויפ'ן גאַרטעל הייננגט אַ גרויסער זילבערנער קינזשאַל, אויף די פיס טראָגט ער רויטע סאַפיאַנענע שיכלעך מיט זילבער בעניית, און אויף די דינע שיכלעך — אַנדערע גראָבע שיך. זיין היטעל איז אַ הויכע, פון ווייסע באַראַנקעס.

דער רויטער טאָטער איז אַריין, עפּעס וואָס געזאָגט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך

זידלען, און האָט זיך אַװעקגעשטעלט, אָבגעשפּאַרטער הייד אָן װאַנדבּרעט; ער שאָקעלט מיט דעם קינזשאַל און װאַרפט אויף זשילינען בייזע בליקען, װי אַ װאָלף, און דער שװאַרצינקער — אַהאַסטיגער, אַלעבעדיגער, אזױ װי ער װאָלט אין גאַנצען גײן אויף פּרוזשינעס — איז גלייך צו געגאַנגען צו זשילינ'ען און איהם אַ קלאַפּ געטאָן איבּערן פּלײצע, ער האָט עפּעס אנגעהױבּען צו רײדען גיך אויף זיין לשון, װינקען מיט דיא אױגען און קנאַקען מיט'ן צונג.

זשילין פערשטײט גאָר ניט װאָס ער װיל, ער רופט זיך אָב:

— טרינקען, װאַסער גיט טרינקען!

דער שװאַרצער לאַכט: „קאָראָש אורוס" און פּלאַפּעלט אַלץ אויף זיין לשון.

זשילין האָט בּעװיזען מיט די הענד און מיט דיא ליפּען אַז מען זאָל איהם געבּען טרינקען.

דער שװאַרצער האָט פערשטאַנען און האָט אַ שמײכעל געטאָן; ער האָט געגע־בּען אַ בּליק דורכ'ן טיר און אַרוף גי־טאָן:

— דינה!

עס איז אַרײנגעלאָפען אַמאָגערע, אַ דאַרינקע מײדעלע פון אַ יאָהר דרײצעהן, אויפ'ן געזיכט אָהנליך צום שװאַרצען,

קאָנטיג, אַ טאָכֿטער. ביי איהר איז אויך די אויגען שוואַרצע, ליכֿטיגע און אַ שיינע געזיכֿט. זי טראָגט אַלאַנגע בלאָע העמד מיט ברייטע אַרבעל, אָהן אַ גאַרטעל, אויף די פּאָלעס, אויפֿ'ן ברוסט און אויף די הענד, איז אַרומגענייט מיט רויטע. זי טראָגט אויך הויזען, שיכֿלעך און אויף די שיכֿלעך אַנדערע שיך מיט הויכֿע פּאָדבאָרען. אויפֿ'ן האַלז — אַ האַלזבאַנד פֿון רוסישע זילבערנע האַלבע רובלס. זי גייט מיט אַ הוילע קאָפּ, און אין שוואַרצען צאָפּ איז איינגעפֿלאָכֿטען אַבאַנד, אין וועלכֿען עס זיינען אָנגעהאַנגען בלעכֿלעך און אַזילבערנער רובל.

דער פֿאָטער האָט איהר עפּעס געזאָגט. זי איז אַוועקגעלאָפֿען און צוריק געקומען מיט אַ בלעכֿענעם קריגעל. זי האָט דערלאַנגט די וואַסער, אַוועקגעזעצט זיך מיט די פֿיס פֿאַר זיך און אין גאַנצען זיך אַזוי אויסגעבויגען, אַז די פּלייצעס זיינען אויסגעקומען נידעריגער פֿון די קניע. זי האָט זיך געזעצט, פֿאַנאַנדערגעעפֿענט ברייט די אויגען און קוקט אויף זשילינין ווי ער טרינקט, אַזוי וויא אויף אַ ווילדע חיה.

זשילין האָט איהר דערלאַנגט צוריק דעם קרוג. זי איז אָבגעשפּרונגען וויא אַ ווילדע ציג. דער פֿאָטער האָט זיך

פֿאַנאַג'ערגעלאַכט, און נאָך אַ מאָהל גע-
שיקט איהר נאָך עפּעס. זי האָט גענומען
דעם קרוג, אַוועקגעלאָפֿען און געבראַכט
אויף אַ קיילעכדיגע ברעטעלע אונגעזייער-
טע ברויט. זי האָט זיך ווידער אַוועקגע-
זעצט אויסגעבויגען, קוקט און לאָזט די
אויגען ניט אַראָב.

די טאָטערן זיינען אַרויסגעגאַנגען און
ווידער פֿערשלאָסען די טיר.

אַ ביסעל שפּעטער איז געקומען צוא
זשילין'ען דער קנעכט און זאָגט עפּעס
אויף זיין לשון — ער קאָן אויך ניט קיין
רוסיש. זשילין האָט נאָר פֿערשטאַנען אַז
ער הייסט איהם ערגיץ וואו גיין.

זשילין האָט אָנגעהויבען גיין מיט זיין פּענ-
טע. ער הינקט, עס איז איהם שווער
צו טרעטען — עס דרייט די פֿיס אָהן
אַ זייט, ער איז אַרויס נאָך דעם קנעכט,
און זעהט פֿאַר זיך אַ טאָטערשען דאָרף;
עס שטייען אַ הייזער צעהן און זייער
מעטשעט מיט אַ טורעמיל פֿון אויבען
לעבען אַ הויז שטייען דריי געזאָטעלטע
פֿערד, און קינדער האַלטען זיי פֿאַר'ן
צוים. פֿון הויז איז אַרויסגעשפּרונגען דער
שוואַרצער טאָטער און האָט אָנגעהויבען
צו מאַכען מיט די הענד זשילין זאָל צו
גיין צו איהם. ער לאַכט און זאָגט עפּעס
אויף זיין שפּראַך און איז צוריק אַריין

דורכ'ן טיר. זשילין איז אריין אין הויז. דער צימער איז ניט קיין שלעכטער, די ווענד זיינען גלאַט אויסגעשמירט מיט ליים. ביי די פאָדערשטע וואַנד זיינען אַרום געליינט פאַרביגע פערענעס, אין די זייטען היינגען טייערע דיוואַנעס; אויף די דיוואַנעס זיינען אָנגעהאַנגען געוועהר, רעוואָלווערען שווערדען — אַלעס געפּאַסט אין זילבער. אין איין וואַנד איז אַריינגעשטעלט אַנ'-אויוועלע, גלייך מיט'ן פאַדלאָגע. דיא פאַדלאָגע איז אַנ'ערדענע, אַריינע. דער גאַנצער פאָדערשטער ווינקעל איז אויסגעליינט מיט וואָיליק; אויף די וואָיליקעס ליגען דיוואַנעס, אונ אויף די דיוואַנעס— פוכאָווע קיסינס. אויף די דיוואַנעס זיצען טאָטערען אין איינע שיך. דער שוואַרצער, דער רויטער אונ דריי געסט. הינטערן רוקען איז ביי יעדערן אונטערגעליינט פוכאָווע קיסינס. לעבען זיי ליגט אויף אַ קיילעכדיגע ברעטעלע לאַטקעס פון הירז, צולאָזענע פוטער אין אַטאַס אונ טאָטערשע ביר — „בוזע" אין אַקריגעל זיי עסען מיט די הענד, אונ די הענד זיינען ביי אַלעמען איינגעריכט אין פוטער.

דער שוואַרצער איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט אונ האָט געהייסען אַוועקזעצען זשילינ'ען אַן אַזייט ניט אויפ'ן

דיוואַן, נור אויפ׳ן הוילען ערד. נאָכהער איז ער צוריק אַרויפגעקראָכען אויפ׳ן די-וואַן און טראַקטירט די געסט מיט לאַט-קעס און מיט בוזע. דער קנעבט האָט אָוועקגעזעצט זשילינ׳ען און אַליין האָט ער אַראָבגענומען זיינע אויבערשטע שיך און אַוועקגעשטעלט ביין טיר, צוזאַמען מיט די איבעריגע. ער האָט זיך אַוועק-געזעצט אויפ׳ן וואָליק נעהנטער צו די בַּעֲלֵי-בָתִּים. ער קוקט ווי זיי עסען און שלינגט די שפייעכ׳ץ.

די טאָטערן האָבען אָבגעגעסען דיא לאַטקעס; נאָכהער איז אַריין אַטאָטערן אין אַזאַ קלייד ווי די מיידעל, אויך אין הויזען, און די קאָפּ צוגעדעקט מיט אַ טיכעל. זי האָט אַוועקגעטראָגען דיא פּוטער מיט די לאַטקעס און האָט דער-לאַנגט אַגוטע האַנדפאַס און אַקרוג מיט אַ שמאָלע העלדזעל. די טאָטערען האָבען זיך אָנגעהויבען צו וואַשען די הענד, נאָכהער האָבען זי צוזאַמענגעלייגט, די הענד געשטעלט זיך אויף דיא קניע און גע-בענצט ווי זייער מִנְהָג איז. נאָכהער האָבען זיי אָנגעהויבען צו שמועסען אויף זייער לָשון. איינער פון די געסט האָט זיך געווענדעט צו זשילינ׳ען און האָט אָנגעהויבען צו ריידען מיט איהם אויף רוסיש:

— דיך — זאָגט ער — האָט גענומען קאַזי־מַחְמֶד — ער ווייזט אויפ'ן רויטען טאָטער—און האָט דיך אַוועקגעגעבען אַבדול־מוראַט'ן — ער ווייזט אויפ'ן שוואַרצען. אַבדול מוראַט איז יעצט דיין ווירטה.

זשילין שווייגט.

אַבדול מוראַט האָט אָנגעהויבען צוא ריידען; ער ווייזט אַלץ אויף זשילינ'ען און לאַכט. „סאָלדאַט אורוס! קאָראָשאָ אורוס!"

דער טאָלמאַטש זאָגט איבער:

— ער הייסט דיר שרייבען אַבריף אַהיים אַז מען זאָל פאַר דיר אַרויסשיקען אויס־קויף־געלט; ווי מען וועט נאָר צושיקען די געלט, וועט ער דיך גלייך בעפרייען.

זשילין האָט אַקלער געגעבען און רופט זיך אָב:

און וויפיעל וויל ער אויסקויף־געלד?

די טאָטערן האָבען אָנגעהויבען צו ריידען צווישען זיך; דער טאָלמאַטש זאָגט צו איהם:

— דריי טויזענד מַטְבְּעוֹת.

— ניין, — זאָגט זשילין, — איך קאָן דאָס ניט בעצאָלען.

אַבדול איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט און האָט אָנגעהויבען צו מאַכען מיט די הענד ער זאָגט עפעס צו זשי־לי'נען: ער מיינט אַז ער וועט פערשטיין,

דער טאָלמאַטש האָט איבערגעזעצט זיינע רייד און פֿרעגט:

— וויפֿיל – זשע ועסט דו געבען?

זשילין האָט געגעבען אַקלער און רופֿט זיך אָב:

— פֿינף הונדערט רובעל.

דאָ האָבען די טאָטערן אָנגעהויבען צו ריידען געדיכט, אַללע מיט איין מאָהל.

אַבדול האָט אָנגעהויבען צו שרייען אויפֿ'ן רויטען אַז עס האָט ביי איהם גע-שפריצט פֿון מויל.

דער רויטער זשמורעט נאָר מיט דיא אויגען און קנאַקט אונטער מיט'ן צונג.

זיי זיינען אַלע אַנטשוויגען געוואָרען, און דער טאָלמאַטש רופֿט זיך אָב:

— דעם ווירטה איז ווייניג פֿינף הונ-דערט רובעל אויסקויף–געלד. ער האָט אַליין בעצאָהלט פֿאַר דיר צוויי הונדערט רובעל. קאַזי–מַחְמֶד איז איהם שולדיג געוועזען, האָט ער דיר גענומען פֿאַר'ן חוב ביי איהם. דריי טויזענד רובעל, ווייני-גער קען מען ניט לאָזען. און אויב דו וועסט ניט שרייבען אַהיים — וועט מען דיך אַראָפּלאָזען אין אַגרוב און שמייסען מיט אַבייטש.

„ע" — טראַכט זיך זשילין, — „מיט זיי וואָס מעהר מען שרעקט זיך איז אַלס

ערגער". ער איז אויפגעשפרונגען אויף די פיס און רופט זיך אָב:

— דו זאָג איהם, אַז אויב ער וויל מיך שרעקען וועל איך איהם קיין קאָפּיקע ניט געבען און איך וועל ניט אָנהויבען צו שרייבען, איך האָב זיך פאַר אייך ניט געשראָקען און איך וועל זיך פאַר אייך ניט שרעקען.

דער טאָלמאַטש האָט איבערגעזאָגט און אללע האָבען ווייטער אָנגעהויבען צו ריידען מיט אַ מאָהל.

אַלאַנגע צייט האָבען זיי געפלאַפּעלט צווישען זיך; דער שוואַרצער איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט און איז צוגעגאַנגען צו זשילינ'ען.

— אורוס, — זאָגט ער, — דזשיגיט, דזשיגיט אורוס!

"דזשיגיט„ איז אויף זייער לָשון אַ גישייטער יונג, אַ העלד.

און אַליין לאַכט ער; ער האָט עפּעס געזאָגט דעם טאָלמאַטש, און דער טאָלמאַטש רופט זיך אָב צו זשילינ'ען:

— גיב טויזענד רובעל!

זשילין איז אָבער געבליבען ביי דאָס זייניגע.

— מעהר ווי פינף הונדערט וועל איך ניט געבען און אַז איהר וועט מיר טויטען וועט איהר גאָר ניט בעקומען.

די טאָטערן האָבען אָנגעהויבען ריידען

צווישען זיך, אונ האָבען אַוועקגעשיקט דעם קנעכט ערגעץ וואו, זייא קוקען אויפ׳ן טיר אונ קוקען אויף זשילינ׳ען. דער קנעכט איז געקומען אונ הינטער איהם גייט נאָך עפּעס אַ דיקער מענש, באָרוועס אונ אַרום געריסען, אונ אויף די פּים טראָגט ער אויך אַפּענטע.

זשילין איז ערשטוינט געוואָרען — ער האָט דערקענט קאָסטילינ׳ען. איהם האָט מען אויך געהאַפּט. מען האָט זיי אַוועק-געזעצט צוזאַמען. זיי האָבען אָנגעהויבען צו דערציילען איינער דעם צווייטען ווי עס איז צוגעגאַנגען מיט זיי ביז יעצט; די טאָטערען שווייגען אונ קוקען. זשי-לין האָט דערציילט ווי די מַעֲשֶׂה איז מיט איהם געווען, קאָסטילין האָט דער-ציילט אַז זיין פערד האָט זיך געשטעלט אונ דער ביקס האָט ניט געשאָסען, אונ דערזעלביגער אַבדול האָט איהם אָנגעיאָגט אונ גענומען.

אַבדול איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, ער ווייזט אויף קאָסטילינ׳ען אונ זאָגט עפּעס. דער טאָלמאַטש האָט איבער-געזעצט, אַז ער זאָגט דאָס זיי געהערען יעצט ביידע צו אייןווירטה. אונ ווער עס וועט זיך פריהער אויסקויפען, דעם וועט מען פריהער פריי לאָזען.

— אָט, — זאָגט ער זשילינ׳ען — דוא

ווערסט אלץ אין כַּעַס, אונ דיין חָבֵר איז אַ רוהיגער! ער האָט געשריבען אַהיים בריף אונ מען וועט צושיקען פֿינף טויזענד מַטְבֵּעוֹת. אָט וועט מען איהם טאַקע געבען גוט עסען אונ מען וועט זיך מיט איהם גוט בעגייהן.

— זאָל זיך מיין חָבֵר טאָן ווי ער וויל— רופֿט זיך אָב זשילין — ער, קען זיין, איז רייך, אונ איך בין ניט רייך; וויא איך האָב געזאָגט אזוי וועט זיין. אויב איהר ווילט — טויט מיך, קיין נוטץ וועט איהר דערפֿון ניט האָבען, אונ איך וועל מעהר ווי פֿינף הונדערט רובעל ניט שרייבען.

די טאָטערן האָבען אַביסעל אונטערגעשוויגען פלוצלינג איז אַבדול אויפֿגעשפרונגען, געבראַכט אַקעסטעלע אונ ארויסגענומען פֿון דאָרטען אַפּעדער, אַשטיקעל פּאַפּיר אונ טינט. ער האָט דאָס האַסטיג דערלאַנגט זשילינ'ען, אַקלאַפּ געטאָן איהם איבער'ן פּלייצע אונ ווייזט איהם: „שרייב". ער האָט איינגעשטימט אויף פֿינף הונדערט רובעל.

— וואַרט נאָך — רופֿט זיך אָב זשילין צום טאָלמאַטש — דו זאָג איהם אַז ער זאָל אונז געבען גוט עסען, קליידען, שוכען, ווי עס דאַרף צו זיין; ער זאָל אונז האַלטען צוזאַמען, וועט אונז זיין פֿריילִיכער און ער זאָל אַראָבנעהמען די פענטעס.

— ער קוקט אויפ'ן ווירטהה, און לאַכט; דער ווירטהה לאַכט אויך. ער האָט אויס-געהערט זיינע טַעֲנוֹת און רופט זיך אָב:
— קליידונג וועל איך אייך געבען פון די בעסטע: אי אַטשערקעסקע, אי שטי-וועל — האָטש חֲתוּנָה צו האָבען און עסען וועל איך זיי אויך געבען ווי דיא פיר-סטען, און אויב זיי ווילען — קענען זיי זיין צוזאַמען אין שטאַדאָלע. די פענטעס אָבער קען מען ניט אַראָבנעהמען פון זיי — זיי קאָנען מאַכען אַ פְּלֵיטָה. מעהר ניט ביינאַכט וועל איך אַראָבנעהמען. — ער איז צוגעשפרונגען צו זשילינ'ען, קלאַפּט איהם איבער'ן פלייצע און שמייכעלט צו איהם:
— „טוואָיא חאָראָש פיסאל, — מאָיא חאָ-ראָש" (דו ווערסט שרייבען גוט וועל איך צו דיר זיין גוט.)
זשילין האָט אויפגעשריבען אַ בריעף. נאַכהער האָט מען איהם מיט קאָסטילינ'ען אָבגעפיהרט אין שטאַדאָלע, געבראַכט זיי קוקורוזענע שטרוי. וואַסער אין אַקרוג, ברויט, צוויי אַלטע טשערקעסקעס און שטיוועל סאָלדאַטסקע — קענטיג, אַראָב-געצויגענע פון געהאַרגעטע סאָלדאַטען. ביינאַכט האָט מען אַראָבגענומען פון זיי די פענטעס, און מען האָט זיי פער-שפאַרט אין שטאַדאָלע.

III.

אַזוי האָט זיך זשילין געלעבט מיט זיין טאָוואַ-
רישץ אַגאַנצען מאָנאַט. דער ווירטה לאַבּטאַלין.
— „טוואָיאַ איוואַן האָראָש, מאָיאַ אַבדול
האָראָש" — (ד. ה. דו, איוואַן פיהרסט
זיך גוט, בין איך צו דיר גוט) אָבער
קעסט האָט מען זיי דאָך געגעבען שלעכ-
טע — מעהר ניט וויא אונגעזויערטע
ברויט פון הירזענע מעהל, געבאַקען אין
קליינע קוכעלעך. אונ אַנ'אַנדערשט מאָהל
גאָר אונגעבאַקענע רויע טייג.

קאָסטילין האָט נאָכאַמאָהל געשריבען
אַהיים; ער האָט אַלץ געוואַרט אויף געלט
אונ האָט זייער געלאַנגעווייליגט. גאַנצע
טעג פלעגט ער אָבזיצען אין שטאַדאָלע
אונ אויסרעכענען די צייט, ווען וועט
אָנקומען אַבריף, אָדער ער פלעגט זשלאָ-
פען. אונ זשילין טראַכט זיך: „וואו וועט
די מוטער נעהמען אַזוי פיל געלד צוא
בעצאָלען פאַר מיר? אַזוי פלעגט זי דאָך
אויך מעהרסטענטיילס לעבען נאָר פון וואָס
איך פלעג איהר צושיקען. אויב זיא
וועט צוזאַמענקלייבען פינף הונדערט רו-
בעל, דאַרף זי דאָך מאַכען פון זיך אַ תל,
אויב גאָטט וועט געבען, וועל איך זיך
אַליין ווי עס איז אַרויסדרייען."

אונ אַליין גייט ער אַרום איבערן אַאול

און פייפט זיך אונטער, ווען ניט זיצט ער און טהוט עפעס א האנדארבייט: אדער ער מאכט ליאלקעס פון ליים, אדער ער פלעכט קערבלעך פון ריטטער; ער איז געווען א בריה אויף אלערליי האנדארבייט.

איין מאהל האט ער אויסגעקלעבט פון ליים אליאלקע מיט א נאז מיט הענד, מיט פיס, אנגעטאן איהר אטאטערשע העמדיל, און אוועקגעשטעלט אויפ'ן דאך.

די טאטערען זיינען געגאנגען נאך וואסער, דעם ווירטה'ס טאכטער, דינקע, האט דערזעהען די ליאלקע און האט צונערופען איהרע חברטעס. זיי האבען אראבגעשטעלט דיא קריג, זיי קוקען און לאכען. זשילין האט אראבגענומען דיא ליאלקע, און האט זיי איהר דערלאנגט, זיי לאכען און וואגען דאס ניט צו נעה-מען ער האט זיי געלאזען די ליאלקע, אליין אריין אין שטאדאלע און קוקט וואס דא וועט זיין.

דינה איז אונטערגעלאפען, ארום גע-קוקט זיך א האפ געטאן די ליאלקע און אוועקגעלאפען.

אויף מארגען גאנץ פריה זעהט ער: דינה איז ארוים אויפ'ן שוועל מיט דיא ליאלקע אין האנד. זיא האט איהר שוין בעפוצט מיט רויטע שטיקלעך צייג. זיא שאקעלט איהר אום ווי אקליין קינד און

פערוויגט איהר אויף איהר לשון. עס איז אַרויס אַנ'אַלטע אונ האָט אָנגעהויבען צו שרייען אויף איהר, אַרויסגעחאַפּט דיא ליאַלקע, צובראָכען אונ אַוועקגעשיקט דינה'ן ער- גען וואו אויף אַנ'אַרבייט.

זשילין האָט געמאַכט אַנ'אַנדער ליאַל- קע, נאָך אַבעסערע, אונ האָט איהר אַוועק- געגעבען דינה'ן. איינמאָהל ברייננגט איהם דינה אַקריגעל; זי האָט איהם אַוועקגעשטעלט, אַוועקגעזעצט זיך אונ קוקט אויף זשילינ'ען. זי לאַכט אונ ווייזט איהם אויפ'ן קרוג.

— וואָס פרייט זיא זיך? — טראַכט זיך זשילין. ער האָט גענומען דעם קרוג אונ הויבט אָן צוא טרינקען. ער האָט געמיינט אַז עס איז וואַסער, ערשט דאָרטען איז גאָר מילך, ער האָט אויסגעטרונקען די מילך, אונ זאָגט: „גוט!" דינה האָט זיך דערפרייט. זי איז אויפגעשפרונגען אונ אָנגעהויבען צו פּאַצען מיט די הענד. זי האָט אַרויס- געריסען דעם קרוג אונ אַוועקגעלאָ- פען.

פון דאַמאָלסט אָן פלעגט זי איהם ברייננגען מילך אַללע טאָג בעהאַלטענער הייד, די טאַטערן מאַכען קעזענע גאָמעל- קעס פון ציגענע מילך אונ טריקענען דאָס אויף די דעכער; פון די זעלביגע גאָמעלקעס פלעגט זי איהם אויך אָפט- מאָהל ברייננגען. איינמאָהל האָט דער

ווירטה געקוילעט אַ באַראַן, האָט זי איהם
אויך געבראַכט אין אַרבעל אַשטיק פֿלייש;
זי פֿלעגט דאָס אַוואָרף טאָן און אַנטלוי-
פֿען.

איין מאָהל איז געוועזן אַ שטאַרקער
שטורעם—ווינד. און דער רעגען האָט
אַ גאַנצע שטונדע געגאָסען ווי פֿון אַן׳עמער.
אַללע טייכען זיינען געוואָרען מוטנע. וואו
עס איז פֿריער געוועזן מעהר ניט אַשמאָ-
לינקער און פֿלאַכער טייכעלע, האָט זיך
דער וואַסער אויפֿגעהויבען אויף אַנ׳אַרשין
דריי און אומגעדרייט שטיינער. אומעדום
פֿליסען שטראָמען, אויף די בערג רוישט
פֿון אַללע זייטען; אין דאָרף זיינען נאָכ׳ן
רעגען אומעדום געוועזן טייכעלעך. זשי-
לין האָט אויסגעבעטען ביי׳ן ווירטה אַ מע-
סערל און אויסגעשניטען אַ וואַליק, ברעט-
לאַך, נאָכהער האָט ער געמאַכט אַ רעדעל
מיט פֿעדערן, און אין רעדעל אויף ביידע
עקען האָט ער אַריינגעשטעלט ליאַלקעס.

דיא קינדער האָבען איהם געבראַכט
שטיקלעך צייג; ער האָט אָנגעטאָן דיא
ליאַלקעס — איינע וויא אַ מאַנספּערזאָן,
און די אַנדערע — ווי אַ פֿרויענצימער; ער
האָט זיי צוגעפֿאַסט פֿעסט צום רעדעל
און האָט די גאַנצע מאַכעריי אַוועקגע-
שטעלט אויפֿ׳ן שטראָם. דיא רעדעלע
דרייט זיך, און די ליאַלקעס שפּרינגען.

עס האָט זיך צוזאַמענגעקליבען דער גאַנצער דאָרף: אינגלעך, מיידלעך, פרוי-ען. די טאַטערן זיינען אויך געקומען און קנאַקען מיט׳ן צונג.

— אַיי, אורוס! אַיי, איוואַן!

ביי אַבדול׳ן איז געווען אַן אַלטער רו-סישער זייגער אַ צובראָכענער. ער האָט גערופען זשילין׳ען, איהם בעוויזען און קנאַקט מיט׳ן צונג, זשילין רופט זיך אָב:

— ווייז, איך וועל צורעכטמאַכען.

ער האָט גענומען דעם זייגער. פאַנ-נאַנדערגענומען איהם מיט׳ן מעסערעל, פאַנאַנדערגעלייגט שטיקלעך ווייס און ווייטער צוזאַמענגעשטעלט. דער זייגער גייט.

דער ווירטה איז געוואָרען מָלֵא שִׂמְחָה ער האָט איהם געבראַכט זיינעם אַן אַלטען בעשמעט, וואָס עס איז שוין געהאַנגען פון איהם שטיקער, און האָט איהם גע-געבען אַ מַתָּנָה. מֵילָא וואָס זאָל ערמאַכען— ער האָט איהם גענומען: עס וועט צו-ניץ קומען זיך צו צודעקען ביינאַכט.

פון דאַן אָן האָט זשילין בעקומען אַ נאָמען פאַר אַ מייסטער. מען האָט אָנגע-הויבען צו קומען צו איהם פון ווייטע דערפער, דער פלעגט איהם ברייגנען אַשלאָס פון אַ ביקס אָדער פון אַ רעוואָל-

ווער צו פֿעריכֿטען, דער־אַזייגער. דער ווירטה האָט איהם געגעבען געצייג: אַ צוויינגעל, דרעטלעך, פֿיילכֿלעך.

זשילין האָט שוין אָנגעהויבען אַביסעל צו פֿערשטיין אויף זייער שפּראַך. אַנדע־רע טאָטערן האָבען זיך צוגעוואָהנט צוא איהם, בְּשַׁעַת זיי פֿלעגען איהם דאַרפֿען, פֿלעגען זיי איהם רופֿען: איוואַן, איוואן!— נור אַנדערע פֿלעגען נאָך קוקען אויף איהם מיט האַס, ווי אויף אַחַיָּה רָעָה.

דער רויטער טאָטער האָט זשילינ'ן ניט געקאָנט ליידען; ווי ער פֿלעגט איהם נאָר דערזעהען, פֿלעגט ער זיך אָנבלאָזען אונ אָבקערען זיך אָן אַזייט, אָדער ער פֿלעגט איהם אויסזידלען. אויך איז ביי זיי געווען עפּעס אַנ'אַלטער טאָטער; ער האָט ניט געוואָהנט אין דאָרף, נור ער פֿלעגט קומען פֿון הינטער די בערג. זשי־לין האָט איהם מעהר ניט געזעהן בְּשַׁעַת ער פֿלעגט קומען אין מעטשעט מִתְפַּלֵל זיין. דער אַלטער איז געווען פֿון קליינעם וואוכס, דיא בערדיל אונ דיא וואָנצעס אונטערגעשאָרען אונ ווייס ווי פּוך; דיא געזיכֿט צונויפֿגעקנייטשט אונ רויט וויא ציגעל. דער נאָז זיינער איז געווען פֿערדרייט מיט אַשפּיץ ווי ביי אַקאָרשון, אונ דיא אויגען גראָע, שלעכֿטע. קיין ציינער האָט ער ניט געהאַט, מעהר ניט ווי צוויי

גרויסע, פֿאָדערשטע. ער פלעגט זיך אַרום גיין אין זיין טורבאַן, אונטערגע־שפּאַרט אויף אַקולע, און אַרום קוקען זיך ווי אַוואָלף. ווי נאָר ער פֿלעגט דער־זעהן זשילינ׳ן פֿלעגט ער אָנהויבען צו חראָפּען פון כּעַס און פֿלעגט זיך אָבקע־רען.

איינמאָהל איז זשילין אַוועק אַראָב באַרג אַ קוק טאָן וואו וואָהנט דער אַלטער, ער איז אַראָב מיט אַקליינע וועגעלע, זעהט ער אַגאָרטענדיל מיט אַ שטיינערנעם פּאַרקאַן. דורכ׳ן פּאַרקאַן זעהען זיך קאַר־שען-ביימער, פֿלוימען-ביימער און אַ הייזעל מיט אַ פֿלאַכען דאַך. ער איז צו־געגאַנגען נעהנטער — ער זעהט עס זיינען אָנגעשטעלט בינשטאָקען געפֿלאָכטענע פֿון שטרוי, און עס פֿליהען אַרום בינען און הוזענען, דער אַלטער שטייט אויף די קניע ביי אַבינשטאָק און טוט עפּעס, זשילין האָט זיך אויפֿגעהויבען העכער, צוצוקוקען זיך בעסער. און האָט ניט ווילענדיג אַקלאַפּ געטאָן מיט די פּענטע, דער אַלטער האָט זיך אַרום געקוקט און אַקוויץ געטאָן. ער האָט אַרויסגעחאַפּט זיין רע־וואָלווער פֿון גאַרטעל, און האָט אויסגע־שאָסען גלייך אויף זשילינען. זשילין האָט קוים אויסגעפּעט אַרונטערצוהאַפּען זיך אונטער אַ שטיין.

דער אַלטער איז געקומען קלאָגען זיך אויף איהם ביי'ן ווירטה. דער ווירטה האָט גערופען זשילינען און פרעגט איהם לאַכענדיג:

— צו וואָס ביזטו געגאַנגען צום אַלטען?

— איך האָב איהם קיין שלעכטעס ניט געטאָן — זאָגט זשילין — איך האָב נאָר געוואָלט זעהן ווי ער וואָהנט.

דער ווירטה האָט איבערגעזעצט.

און דער אַלטער ערגערט זיך און קאָכט זיך; ער פּלוידערט עפּעס אויף זיין לשון, שצירעט אויס די פאָדערשטע ציינער און מאַכט מיט די הענד אויף זשילינ'ען.

זשילין האָט ניט פערשטאַנען אַלעס וואָס ער האָט גערעדט, ער האָט נאָר פערשטאַנען אַז דער אַלטער הייסט דעם ווירטה טיידטען דיא רוסישע גע-פאַנגענע, און ניט האַלטען זייא אין דאָרף. נאָכהער איז דער אַלטער אַוועק-געגאַנגען.

זשילין האָט אָנגעהויבען נאָכצופרעגען ביי דעם ווירטה וואָס איז דאָס פאַר אַן אַלטער. דער ווירטה רופט זיך אָב:

— ער איז אַגרויסער מענש! אַ מאָהל איז ער געווען דער ערשטער דזשיגיט (העלד), ער האָט פיהל רוסישע אויסגעטיידט און איז געווען זייער רייך. ער האָט געהאַט דריי ווייבער און אַכט זיהן און אַללע

האבען געוואוינט אין איין דארף. אויף דעם דארף איז א מאהל בעפאלען די רוסישע מיליטער; זיי האבען געמאכט פון דארף אתל אונ אויסגעהארגעט דעם אלטענ'ס זיעבען זיהן. איין זוהן איז געבליעבען לעבען אונ האט זיך איבערגעגעבען צוא די רוססען. דער אלטער איז אוועקגעפאהרען אונ האט זיך אליין אויך איבערגעגעבען צו די רוססען אונ איז געוועזען מיט זיי דריי חדשים, דארטען האט ער אויפגעזוכט זיין זוהן, געטיידט איהם מיט דיא אייגענע הענד אונ איז אנטלאפען. פון דאמאלסט אן האט ער אויפגעהערט צו גיין אויף מלחמה. ער איז אוועק אין מעקקא מתפלל זיין. דער פון האט ער בעקומען זיין טורבאן — ווער עס איז געוועזען אין מעקקא רופט זיך אן „חאדזשי" אונ טוט אן א טורבאן — ער קען ניט לייַדען אייערע רוססען, ער הייסט דיך טיידטען, אבער איך קאן דיך ניט טיידטען. איך האב פאר דיר געלד בעצאלט. אויך האב איך דיך ליעב בעקומען; ניט נאר וואס איך וואלט דיך ניט געטיידט, איך וואלט דיך גאר ניט אוועקגעלאזען פון זיך, ווען איך וואלט דיר ניט געגעבען מיין ווארט צו בעפרייען דיך. ער לאכט אלץ אונ זאגט: „טוואיא, איוואן, חאראש. מאיא, אבדול חאראש".

IV.

אַזויא האָט זיך זשילין אָבגעלעבט אַחדש. ביטאָג פֿלעגט ער אומגיין איבערן דאָרף, אָדער טאָן עפּעס אַ האַנד-אַרבייט, אונ ווי נאָר עס פֿלעגט ווערען נאַכֿט אונ אין דאָרף פֿלעגט ווערען שטיל — פֿלעגט ער אונטערגראָבען בייא זיך אין שטאַדאָלע. איבער די שטיינער איז גע-ווען שווער צו גראָבען, אָבער ער פֿלעגט רייבען די שטיינער מיט אַ פֿייהל אונ האָט דורכֿגעגראָבען אונטערן וואַנד אַלאָך דורך וועלכֿע מען האָט שוין געקענט דורכֿקריכֿען. „איך וואָלט נאָר קענען גוט בעזעהען דעם אַרומיגען געגענד — טראַכֿט ער זיך — איך זאָל וויסען אין וועלכֿען זייט צו גיין; זאָגען זיי אָבער ניט קיינער פֿון די טאָטערן„.

אײַן מאָהל האָט ער אויסגעקליבען אַ צייט ווען דער ווירטה איז אַוועקגעפֿאָ-רען. נאָך מיטאָג צייט איז ער אַוועק הינטערן דאָרף, אויפֿן באַרג, צו בעטראַכֿ-טען פֿון דאָרטען דעם געגענד ווען דער ווירטה פֿלעגט אַוועקפֿאָהרען, פֿלעגט ער אָנזאָגען זיין קליינעם זוהן ער זאָל היטען זשילינ׳ען אונ זאָל פֿון איהם קיין אויג ניט אַראָבלאָזען. דער קליינער לויפֿט נאָך זשילינ׳ען אונ שרייט:

— גיי ניט! דער טאַטע האָט ניט גע-הייסען. איך רופֿ שוין מענשען!

זשילין האָט איהם אָנגעהויבען איינצורוידען:

— איך וועל ניט אַוועקגיין ווייט — זאָגט ער איהם — איך וועל מעהר ניט אַרויף גיין אויף יענעם באַרג. קום מיט מיר, איך וועל דאָך מיט די פענטע ניט אַנטלויפען, און מאָרגען וועל איך דיר דערפאַר מאַכען אַפּייל־און־בויגען.

ער האָט אַיינגערעדט דעם קליינעם און זיי זיינען אַוועק אויפ'ן באַרג. עס איז אָפּילו ניט ווייט, נאר מיט דיא פענטע איז אָבער שווער צוא גיין. זשילין איז געגאַנגען, געגאַנגען און מיט גרויס מיה קוים אַרויפגעקראָכען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבען בעטראַכטען דעם גע־גענד אין דרום זייט: הינטערן שטאַדאָלע איז אַ שמאָלער טהאָל, דאָרטען פּאַסעט זיך אַשטאַדע פערד, און אַראָב־צו צו, נידעריגער, זעהט זיך נאָך אַדאָרף. פון יענעם דאָרף הויבט זיך אָן נאָך אַבאַרג, מעהר מְשופּע'דיג, און הינטער דעם באַרג — נאָך אַבאַרג. צווישען די בערג. זעהט זיך אַבלאָהליכער וואַלד, און ווייטער איז נאָך בערג, וועלכע הויבען זיך אַלץ העכער און העכער. און גאָר אויבען זעהען זיך ווייסע בערג ווי צוקער, בע־דעקט מיט שניי. איין שנייבאַרג שטייט העכער פאַר אַללע איבעריגע, און ווייזט אויס ווי אַ ווייסע היטעל אין מִזְרָח זייט און מַעֲרָב זייט זיינען אַל אַזעלכע בערג;

וואו ניט וואו צווישען זיי זעהען זיך דערפלעך. „נו — טראַכט ער זיך, — דאָס זיינען אַלץ זייערע קאַנטען". נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען קוקען אין די רוסישע זייט: אונטער זיך זעהט ער אַ טייכעל, זיין יעצטיגען אַאול מיט גאָרטענדליך אַרום. אויפ'ן טייכעל זעהען זיך אַזוי ווי קליינע ליאַלקעס פרויען שווייַנקען גרעט. הינטערן דאָרף, ניעדריגער, הויבט זיך אויף אַ באַרג, נאָך איהם – נאָך צוויי בערג, און הינטער זיי איז אַוואַלד, צווישען די צוויי בערג זעהט זיך אַגלייכער פלאַץ, און אויף דעם פלאַץ זעהט זיך ווייט, ווייט אַזוי ווי אַרויך. זשילין האָט זיך אָנגעהויבען צו דערמאָנען וואו די זוהן פלעגט אויפגיין און אונטערגיין זייענדיג ביי זיך אין פעסטונג. נאָך■דעם צייכען האָט ער דערקענט אַז טאַקע דאָרטען, אין דעם טהאָל דאַרף זיין די רוסישע פעסטונג. טאַקע אַהין, צו די צוויי בערג דאַרף מען לויפען.

די זוהן האָט אָנגעהויבען אונטערצוגיין. די שניי-בערג זיינען געוואָרען פון וויים-העל-רויטלעך און צווישען די שוואַרצע בערג איז געוואָרען פינסטער פון די שמאָלע טאָהלען האָט זיך אויפגעהויבען אַ פאַרע, און דער טאָהל, וואו עס דאַרף זיין די רוסישע פעסטונג, איז געוואָרען אַזוי ווי איינגעטונקט אין פייער.

זשילין האט אנגעהויבען גוט צו צוקוקען זיך, אונ האט בעמערקט ווי דארט זעהט זיך עפעס אזוי וויא ארויך פון קוימענ'ס, אונ עס קומט איהם פאר, אז דארטען מוז טאקע זיין דיא רוסישע פעסטונג.

עס איז שוין געווארען שפעט. עס הערט זיך ווי דער מוללא האט אויסגערופען. מען טרייבט דיא שטאדע פון פעלד — די קיה ברומען, דער קליינער רופט אלץ זשילי'נען „לאמיר שוין גיין" אונ זשילינ'ען ווילט זיך גאר ניט אוועקגיין פון דארטען.

זייא זיינען צוריק געקומען אהיים. „נו, — טראכט זיך זשילין, — יעצט ווייס איך שוין דעם געגענד, מען דארף אנטלויפען. ער האט געוואלט אנטלויפען טאקע יענע נאכט. די נעכט זיינען פינסטערע, די לבנה איז געוועזן זעהער קליין. צום אונגליק זיינען די טאטערן אנגעקומען ביינאכט. אז זיי פלעגען קומען פלעגען זיי טרייבען מיט זיך בהמות אונ זיין פרייליך. אויף דעם מאהל אבער האבען זיי גאר ניט געבראכט צוטרייבען, נאר זיי האבען געבראכט אויף א זאטעל זייערן אנגעהרג'טען טאטער, דעם רויטענס אברודער, זיי זיינען געקומען בייז אונ האבען זיך אלע צוזאמענקליבען בעגראבען דעם

טויטען .זשילין איז אויך אַרויס זעהען ווי מען בעגראָבט ביי זיי טויטע. דעם טויטען האָט מען איינגעוויקעלט אין אַליי־זוענד, אָהן אַ קאַסטען, אַרויסגעטראָגען הינטערן דאָרף און אַוועקגעלייגט איהם אויפ׳ן גראָז אונטער די בוימער. נאַכדעם איז געקומען דער מוללאַ, עס האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען די אַלטע לייט, אַרום געבונדען די היטלען מיט האַנטיכער, אויס־געטאָן די שיך און אַוועקגעזעצט זיך מיט די פּים פֿאַר זיך לעבען טויטען.

פֿאָראויס האָט זיך אַוועקגעזעצט דער מוללאַ, הינטער איהם דריי אַלטע לייט אין טורבאַנעס, און הינטער זיי — נאָך טאָטערן. זייא זיצען אַראָבגעלאָזען דיא אויגען און שווייגען. אַזויא האָבען זייא געשוויגען אַלאַנגע צייט. ענדליך האָט דער מוללאַ אויפֿגעהויבען די קאָפּ.

— אַללאַה! (גאָט). ער האָט געזאָגט דעם איין וואָרט, און זייא האָבען ווייטער אַראָבגעלאָזען דיא אויגען און אַלאַנגע צייט געשוויגען. זייא זיצען און ריהרען זיך ניט. דער מוללאַ האָט ווייטער אויפֿ־געהויבען די קאָפּ.

— אַללאַה! — און אַללע האָבען אויס־גערופֿען: אַללאַה! און ווייטער אַנטשווי־גען געוואָרען. דער טויטער ליגט אויפ׳ן גראָז און ריהרט זיך ניט, און זיי אליין

זיצען אויך ווי טויטע. קיינער בעוועגט זיך ניט, עס הערט זיך נאָר וויא דיא בלעטלעך שאָקלען זיך אויפ'ן בוים פון ווינד. נאַכהער האָט דער מוללאַ מִתְפַּלֵל געווען. אַללע זיינען אויפגעשטאַנען, אויפגעהויבען דעם טויטען אויף די הענד און צוגעטראָגען איהם צום גרוב. דיא גרוב איז געווען אויסגעגראָבען ניט קיין געוואוינליכע, נאָר אונטערגעגראָבען אונטער דער ערד, וויא אַקעלער, זיי האָבען גענומען דעם טויטען אונטער די אָרעמס און פאַר די פיס, איבערגעבויגען איהם, פאַמעלעך אַראָבגעלאָזען, אַרונטערגעשטופּט איהם זיטצענדיג אונטער דער ערד און די הענד אַוועקגעלייגט אויפ'ן בויך.

דער קנעכט האָט געבראַכט צו שלעפען אַבינטעל גרינעם קאַמיש, מיט דעם קאַמיש האָבען זיי פערלייגט די גרוב, אויפגיך פערשאָטען מיט ערד, פערגלייכט, און צו קאָפּען ביים טויטען אַוועקגעשטעלט אַ שטיין שטייענדיג. זיי האָבען איינגעקלאַפּט די ערד און ווייטער זיך אַוועקגעזעצט אין צייל ביים קֶבֶר. אַלאַנגע צייט האָבען זיי געשוויגען.

— אַללאַה! אַללאַה! אַללאַה! — האָבען זיי זיך אָבגעזיפצעט און אויפגעשטאַנען.

דער רויטער האָט פאַנאַנדערגעטיילט געלד די אַלטע לייט; נאַכהער איז ער

אויפגעשטאַנען, גענומען אַ בייטש, דריי מאָהל זיך אַשמיין געטאָן איבערן שטערן אונ אַוועק אַהיים.

אויף מאָרגען פריה זעהט זשילין וויא דער רויטער פיהרט אַוועק אַקלאַטשע הינטערן דאָרף אונ נאָך איהם גייען דריי טאָטערן. אַז זיי זיינען געקומען הינטערן דאָרף האָט דער רויטער אַראָבגענומען פון זיך זיין שטעך-מעסער אונ אָנגעשאַרפט אויף אַ שלייפשטיין. די טאָטערן האָבען די קלאַטשע פאַררי‌סען די קאָפ אַרויף; דער רויטער איז צוגעגאַנגען, איבערגעשניטען איהר די האַלז, אַנידערגעוואָרפען אונ מיט דיא געזונדע פויסטען אָנגעהויבען אָבצושינדען די פעל. עס זיינען אָנגעקו-מען ווייבער, מיידלעך אונ האָבען גענו-מען וואַשען די געדערים אונ די אינגע-ווייד. נאָכדעם האָט מען דיא קלאַטשע צו האַקט אויף שטיקער, אַריינגעשלעפט אין שטוב — אונ דער גאַנצער דאָרף האָט זיך צוזאַמענגעקליבען צום רויטען מַזְכִּיר-נְשָׁמוֹת זיין דעם טויטען.

דריי טעג האָבען זיי געגעסען דיא קלאַטשע אונ געטרונקען „בוזע” לְכָבוֹד דעם זֵכֶר פון טויטען. אויפ'ן פערטען טאָ[illegible] זעהט זשילין אַז זיי קלייבען זיך עפע[illegible] וואו. מען האָט געבראַכט פערד, צוזאַ[illegible] מענגעקליבען זיך אונ אַמאַן צעהן זיינ[illegible]

אַוועקגעריטען. דער רויטער איז אויך אַוועק געפֿאָהרען, מעהר ניט אַבדול איז געבלי־בען. דער מוֹלֵד האָט זיך נאָר וואָס בעוויזען, די נעכט זיינען נאָך געווען פֿינסטערע.

— נו, — טראַכט זשילין — היינט דאַרף מען לויפֿען פֿון דאַנען. ער האָט דאָס געזאָגט קאָסטילינ׳ען. אָבער קאָסטילין האָט זיך אָנגעהויבען צו שרעקען.

— ווי אַזוי אָבער אַנטלויפֿט מען? מיר ווייסען דאָך אַפֿילו די וועג ניט.

— איך ווייס די וועג.

— מיר וועלען אָבער איבער נאַכט ניט דערגרייכען צו אונז אַהיים.

— אויב מיר וועלען ניט דערגרייכען — וועלען מיר נעכטיגען אין וואַלד. אָט האָב איך אָנגעקליבען קוכענס. וואָס וועסט דו דאָ אויסזיצען? דאָס איז גוט אַז מען וועט אונז צושיקען געלד. עס קען דאָך אָבער זיין אַז מען וועט ניט צוזאַ־מענקלייבען פֿאַר אונז וויפֿיל מען דאַרף. אונ די טאָטערן זיינען יעצט בייז ווייל דיא רוסישע האָבען געהאַרגעט זייערן אַטאַטער. זייריידען עפּעס צווישען זיך זיי ווילען אונז אַוועקהרגנ׳ען.

קאָסטילין האָט געקלערט, געקלערט.

— נו, זאָגט ער — לאָמיר גיין!

V.

זשילין איז אַריינגעקראָכֿען אין לאָך, פֿאַנאַנדערגעגראָבען איהר ברייטער כְּדֵי קאָסטילין זאָל אויך קענען דורכֿקריכֿען; זיי זיצען און וואַרטען נאָר עס זאָל ווערען שטיל אין דאָרף.

ווי נאָר עס איז שטיל געוואָרען אין דאָרף איז זשילין באַלד אַרונטער אונטערן וואַנד און איז דורכֿגעקראָכֿען. ער זאָגט שטיל צו קאָסטילינ'ען: „קריך!". קאָסטילין איז אויך אַריינגעקראָכֿען אין לאָך, אָבער ער האָט מיט'ן פֿוס פֿערטשעפּעט אַשטיין, און עס האָט געגעבען אַ הילך. ביין ווירטה איז געווען אַ הונד, זייער אַבייזער מען האָט איהם גערופֿען „אוליאַשין". זשילין האָט איהם שוין פֿריהער געקאָרמעט צו צוגעוואוינען צו זיך. ווי אוליאַשין האָט דערהערט דעם גערויש, האָט ער אָנגעהויבען צו בילען און זיך אַוואָרף געטאָן צו זיי, און נאָך איהם נאָך הינד. זשילין האָט נאָר צו איהם קוים אַ פֿייף געטאָן און צוגעוואָרפֿען אַ שטיקעל קוכֿען — האָט איהם אוליאַשין גלייך דערקענט. ער האָט אָנגעהויבען צו מאַכֿען מיט דעם עק און האָט אויפֿגעהערט צו בילען.

דער ווירטה האָט דערהערט, האָט ער

צוגעברומט פֿון שטוב: „הייט, הייט, או־ליאַשין!“...

זשילין גלעט אוליאַשינ׳ען בײַ די אויערן און דער הונד שווייגט שטיל; ער לאַשצעט זיך צוא איהם און מאַכט מיט׳ן עק.

זייא זיינען אַביסעל אָבגעזעסען אין ווינקעל. עס איז אַלעס געוואָרען שטיל, עס הערט זיך נאָר אַשעפּס הראָפּעט אין שטאַל, און באַרג אַראָפּ רוישט דער וואַסער צווישען די שטיינדלעך. עס איז פֿינסטער, די שטערן שטייען הויך אויפ׳ן הימעל; די יונגע לְבָנָה איבער׳ן באַרג איז געוואָרען רויטלעך, זי פֿאַרגייט מיט די עקען אַרויף. אין די שמאָלע טאָהל׳ען זעהט זיך אַטומאַן ווייס ווי מילך.

זשילין האָט זיך אויפֿגעהויבען און רופֿט זיך אָב צום טאָוואַרישטש: „נו, ברודער, היידאַ!“

זיי האָבען גענומען גיין. ווי זיי זיינען נאָר עטוואָס אָבגעגאַנגען — זיי הערען דער מוללאַה אויפ׳ן דאַך הויבט אָן אויסצווינגען: „אַללאַ! בעסמיללאַה אול־רַחְמַן“, — דאָס איז אַסימָן אַז דער עוֹלָם וועט באַלד אָנהויבען גיין אין מעטשעט.

זיי האָבען זיך ווייטער אַוועקגעזעצט, בעהאַלטען זיך אונטערן ווענטעל. אַלאַנגע צייט זיינען זיי געזעסען און איבער־

געוואַרט ביז די טאָטערן זיינען אַריבערגע-
גאַנגען; נאָכהער איז וויטער געוואָרען שטיל.

— נו, אין אַגוטע שָׁעָה!

זיי האָבען זיך איבערגעצֶלֶמט און אָנ-
געהויבען גיין. זיי זיינען אַוועק איבערן
הויף, צום טייכעל. זייא זיינען אַריבער דעם
טייכעל און אַוועק מיט אַ שמאָלען טאָהל.
אַגעדיכטער טומאַן שטייט ניעדריג און
עס זעהען זיך די שטערן איבערן קאָפּ.
זשילין קוקט נאָך די שטערן אין וועל-
כען זייט מען דאַרף גיין, אין טומאַן איז
קיהל און גרינג צוא גיין, נאָר אין דיא
אויסגעטראָטענע שטיוועל איז זייער
ניט בעקוועם, זשילין האָט זיי אויסגע-
טאָן, אַוועקגעוואָרפען און געבליבען באָר-
וועס, ער שפּרינגט אונטער פון שטיינדעל
אויף שטיינדעל און קוקט אויף דיא
שטערן. קאָסטילין האָט אָנגעהויבען אָב-
צושטיין.

— גיי לאַנגזאַמער — זאָגט ער — דיא
פערפלוכטע שטיוועל האָבען מיר נאָר צו-
ריסען די פיס.

— דוא נעהם בעסער אַראָב, וועט דיר
גרינגער זיין.

קאָסטילין איז אויך אַוועק באָרוועס.
עס איז אָבער נאָך ערגער; ער האָט זיך
צושניטען די פיס פון די שטיינער. און
שטייט אַלץ אָב. זשילין רופט זיך אָב צו איהם:

— אַז דו וועסט זיך די פֿיס צו רייסען ווילען זיי זיך פֿערהיילען. אָבער אַז מען וועט אונז דעריאָגען וועט זיין ערגער — מען וועט אונז הַרְגֶנ׳ען אויף טויט.

קאָסטילין רעדט גאָר ניט; ער גייט און קרעכצעט אונטער. אַלאַנגע צייט זיינען זיי געגאַנגען באַרג אַראָב. זיי הע־רען רעכטס האָבען הינד אָנגעהויבען צו בילען. זשילין האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרום געקוקט זיך און האָט אָנגעפֿאַנגען צו קריכען אויפ׳ן באַרג טאַפּענדיג מיט די הענד.

— איי! — רופֿט ער זיך אָב — מיר האָ־בען אַטעות געהאַט; מיר האָבען זיך גענומען רעכטס; דאָ איז גאָר אַ פֿרעמדער דאָרף, איך האָב איהם געזעהען פֿון באַרג יעצט דאַרף מען גיין צוריק לינקס באַרג אַרויף, דאָ דאַרף זיין אַ וואַלד.

און קאָסטילין בעט זיך ביי איהם:

— וואַרט האָטש אַ ווייל, לאָז אָבאָט־העמען — די גאַנצע פֿיס זיינען ביי מיר אין בלוט.

— עט, ברודער, זיי ווילען זיך פֿער־היילען; שפּרינג גרינגער; אָט אַזוי!

און זשילין האָט אָנגעהויבען לויפֿען צוריק, לינקס, באַרג־אַרויף, צום וואַלד צו. קאָסטילין שטייט אַלץ אָב און קרעכצט; זשילין שטילט איהם איין און אַליין גייט ער ווייטער.

זיי זיינען אַרויף אויפֿ'ן באַרג. דאָרטען איז טאַקע, געווען אַ וואַלד זיי זיינען אַריינ־געגאַנגען אין וואַלד. די לעצטע קליידער האָבען זיי צוריסען אויף זיך. זיי האָבען אָנגעטראָפֿען אַשטעגעלע אין וואַלד, און גייען.

„שטיי!" — עס האָט זיך אָנגעהויבען צו הערען טריט פֿון קאָפּיטעס אויפֿ'ן וועג. זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט. ווי זיי האָ־בען אָנגעהויבען צו גיין, האָבען זיך די טריט ווייטער אָנגעהויבען צו הערען. זיי שטעלען זיך אָב — שטעלט מען זיך דאָרט אויך אָב. זשילין איז אונטערגעקראָכען, ער קוקט זיך איין און שיין אויפֿ'ן וועג — עס שטייט דאָרט וואָס עס איז. עפּעס אַ פֿערד, — און ניט קיין פֿערד, און אויפֿ'ן פֿערד איז עפּעס אַ מְשוּנֶה'דיגע זאַך ניט אָהנליך צוא אַ מענשען. ער הערט — עס פאָרשקעט זיך אָב. „וואָס איז דאָס אַזוינס?" — זשילין האָט פּאַמע־לאַך געגעבען אַ פֿייף — אַז דאָס ניט זיך ניט אַלאָז פֿון וועג אין וואַלד אַריין, און עס האָט אָנגעהויבען צו קנאַקען אין וואַלד — עס ברעכט די צווייגען אַזוי ווי פֿון אַ שטורם־ווינד.

קאָסטילין איז פֿון שרעק אַנידערגעפֿאַ־לען, און זשילין לאַכט.

– דאָס איז אַ הירש — זאָגט ער — הערשט ווי ער בריעכט דעם וואַלד מיט די הער־נער? מיר שרעקען זיך פֿאַר איהם, און ער שרעקט זיך פֿאַר אונז.

זיי זיינען אַוועק ווייטער. צום בעגינען איז שוין ניט ווייט, און צו גייען זיי ריכטיג, צו ניט — ווייסען זיי ניט. זשי־ליג'ען דוכט זיך אַז מיט די זעלביגע וועג האָט מען איהם געפֿיהרט, און ביז זיי אַ היים וועט נאָך זיין אַ וויאָרסט צעהן — אָבער קיין געוויסער צייכען איז ניטאָ, און צו דערצו איז נאַכט – מען קען ריכטיג ניט דערגיין. זייא זיינען אַרויס אויף אַ קליינעם פֿעלד, קאָסטילין האָט זיך אַוועקגעזעצט און רופֿט זיך אָב:

– טו ווי דו ווילסט איך וועל ניט גיין מעהר — די פֿים טראָגען מיך מעהר ניט.

זשילין האָט איהם אָנגעהויבען איינ־צורוידען.

– ניין, — זאָגט ער, — איך וועל ניט גיין איך קען ניט.

זשילין איז געוואָרען אין כּעס; ער האָט אויסגעשפּויגען און איהם אָנגע־זידעלט.

– אויב אַזוי, — זאָגט ער — וועל איך אַליין אַוועקגיין, — זיי געזונד!

קאָסטילין איז אויפֿגעשפרונגען און האָט פֿאָרט אָנגעהויבען צו גיין. זיי זיינען אַבגעגאַנגען נאָך אַ וויאָרסט פֿיר, דער טומאַן אין וואַלד איז אַראָב נאָך נידעריגער, עס איז ניט צו זעהען קיין זאַך פֿאַר זיך. קוים וואָס מען זעהט דיא שטערען.

פלוצלונג הערען זיי — טריט פֿון אַפֿערד. עס הערט זיך ווי עס טשעפען זיך דיא פּאָדקאָוועס אָן שטיינער; זשילין האָט זיך אויסגעצויגען אויפֿ'ן בויך און האָט אָנגעהויבען צו צו הערען זיך, צולייגענדיג דעם אויער צו דער ערד.

— יע, עס פֿאָרט צו אונז אַרייטער.

זיי זיינען אַראָבגעלאָפֿען פֿון וועג, אַוועקגעזעצט זיך אין דיא קוסטעס און וואַרטען. זשילין איז צוגעקראָכען צום וועג, ער זעהט — עס רייט אַ טאָטער אויף אַ פֿערד, טרייבט אַקוה, און ברומט זיך עפּעס צו אונטערן נאָז. דער טאָטער איז פֿערבייגעריטען. זשילין האָט זיך אומגעקעהרט צו קאָסטילינ'ען.

— נו, — זאָגט ער — ער איז שוין גאָט צו דאנקען אַריבער. שטיי אויף לאָמיר גיין.

קאָסטילין האָט אָנגעהויבען אויף צושטיין און איז אַנידערגעפֿאַלען צוריק.

איך קען ניט אויף נֶאֱמָנוֹת, איך קען ניט! איך האָב קיין כּח ניט.

קאָסטילין איז געווען אַמאַנספּערזאָהן אַ שווערער, אַ פולער; ער איז געוואָרען זייער דורכגעשוויצט, און ווויא עס האָט איהם געהאַפּט אין וואַלד אַקאַלטער טומאַן, און דיא פיס האָט ער צוריסען ער איז גאָר צוקראָכען געוואָרען. זשי-לין האָט איהם אָנגעהויבען אויף צו הוי-בען איבער געוואַלד. קאָסטילין האָט אָבער אָנגעהויבען צו שרייען:

– אַיי, אַיי! עס טוט וויי!

זשילין איז געוואָרען אויסער זיך.

– וואָס שרייסט דו? דער טאָטער איז נאָהנט ער קען דאָך דערהערען! — און ער בייזיך טראַכט: ער איז טאַקע גאָר שוואַך געוואָרען, וואָס זאָל איך דאָ טאָן מיט איהם? אַוועקוואַרפען אַ טאָוואַרישטש טויג אויך ניט.

– נו, — רופט ער זיך אָב — שטיי אויף. זעץ זיך ביי מיר אויף די פּלייצעס, איך וועל דיך אונטערטראָגען, אויב דו קענסט שוין ניט גייהן.

ער האָט אַוועקגעזעצט קאָסטילינ׳ען אויף זיך, אָנגענומען איהם פאַר די פיס, אַרויס אויפ׳ן וועג און זיך אָנגעהויבען צו שלעפען מיט איהם.

– נאָר ווי גאָט איז דיר ליעב — זאָגט זשילין — קוועטש מיר ניט דעם גאָרגעל מיט די הענד; האַלט זיך פאַר מיינע פּלייצעס.

זשילינ׳ען איז שווער, די פֿים זיינען אויך פֿערבלוטיגט, אונ ער איז געבליבען גאָר אָהן כּחות, ער בייגט זיך אונטער אַלע ווײלע. מאַכט צורעכט זיין מַשָׂא, וואַרפֿט אונטער קאָסטילינ׳ען, ער זאָל זיצען אויף איהם הע׳כער אונ שלעען זיך מיט איהם אויפֿ׳ן וועג.

ווי עס ווייזט אוים האָט דער טאָטער דערהערט ווי קאָסטילין האָט יאַ געשריי געטאָן. זשילין הערט — עס רייט עפּעס ווער פֿון הינטען אונ שרייט. זשילין האָט זיך אַוואָרף געטאָן אין דיא קוסטעס, דער טאָטער האָט אַרויסגעחאַפּט זיין ביקס אויסגעשאָסען אָבער ניט געטראָפֿען; ער האָט אָנגעהויבען צו קוויצען אונ איז האַסטיג אַוועקגעריטען מיט׳ן וועג.

— נו, זאָגט זשילין — מיר זיינען פֿערלאָרען, ברודער! ער וועט גלייך צוזאַמען רופֿען טאָטערן אונז נאָכצויאָגען; אויב מיר וועלען ניט אָבגיין נאָך אַוויאָרסט דריי — זיינען מיר פֿערפֿאַלען! — אונ ביי זיך קלערט ער אויף קאָסטילינ׳ען: „דער שוואַרציאָהר האָט מיך געריסען מיטצונעהמען מיט זיך אָט די קלאָץ! איינער אַליין וואָלט איך שוין לאַנג אַוועק!״.

קאָסטילין רופֿט זיך אָב צו איהם:

— גיי אַליין, צו וואָס דאַרפֿסט דו לייַדען צוליב מיר?

— ניין, איך וועל ניט גיין, עס טויג ניט צו לאָזען אַטאָוואַרישטש אין סַכָּנָה.

ער האָט איהם ווייטער געחאַפּט אויף די פּלייצעס און איז אוועק. ער איז אָבגעגאַנגען ביי אַוויאָרסט. עס גייט אַלץ וואַלד און עס נעמהט גאָר ניט קיין סוֹף. דער טומאַן האָט שוין אָנגעהויבען פאַנאַנדער־צושלאָגען זיך, עס האָבען אָנגעהויבען פאַנאַנדערצוגיין אזוי ווי קליינע וואָלקענד־ליך; עס זעהען זיך שוין ניט קיין שטערן. זשילין איז געבליבען גאָר אָהן קרעפטען. ביין וועג איז גערונען אַקוואָלבעל, ארומגע־זעצט מיט שטיינדלעך. זשילין האָט זיך אָבגעשטעלט און אַראָבגעזעצט פון זיך קאָסטילינע׳ן.

— לאָז — זאָגט ער — איך וועל זיך אָב־רוהען, אָנטרינקען, און מיר וועלען צו בייסען קובען. עס מוז שוין זיין ניט ווייט.

ווי ער האָט זיך נאָר צוגעבויגען טרינקען, ער הערט האַסטיגע טריט פון פערד הינטער זיך. זיי האָבען זיך ווייטער אַוואָרף געטאָן רעבט׳ס, אין די קוסטעס אונטערן באַרג, און זיך אַוועקגעלייגט.

ער הערט — די שטימען זיינען טאַ־טערשע; די טאָטערן האָבען זיך אָבגע־שטעלט אויפ׳ן זעלביגען אָרט וואו זיי האָבען אָבגעקעהרט פון וועג. און די טאָטערן האָבען זיך דורכגערעדט צווישען, זיך אָנ־

געהויבען צו פייפען, ווי מען רייצט אָן הינד. זיי הערען — עס קנאַקט עפּעס אין די קוסטעס — גלייך צו זיי לאָזט זיך עפּעס וועמעס אַ פרעמדער הונד. דער הונד האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט אָנגעהויבען צו בילען.

באַלד האָבען זיך בעוויזען די טאָטערן — אויך פרעמדע; זיי האָבען זיי געפּאַקט, געבונדען, אַוועקגעזעצט אויף פערד און אַוועקגעפיהרט. ווי זיי האָבען אָבגעריטען אַוויאָרסט דריי בעגעגענט זיי אַבדול, זייער ווירטה, מיט נאָך צוויי טאָטערן. ער האָט זיי עפּעס געזאָגט, איבערגעזעצט דיא געפאַנגענע אויף זיינע פערד און אַוועקגעפיהרט זיי אין דאָרף.

אַבדול לאַכט שוין ניט מעהר און רעדט אַוואָרט ניט מיט זיי.

פאַרטאָג האָט מען זיי געבראַכט אין דאָרף און אַוועקגעזעצט אויפ'ן גאַץ. עס זיינען צוזאַמענגעלאָפען קינדער און האָבען אָנגעהויבען צו שלאָגען זיי מיט שטיינער, מיט בייצלעך, און קוויצען.

די טאָטערן האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין אַ רעדעל; דער אַלטער פון אונטערן באַרג איז אויך געקומען. זיי האָבען אָנגעהויבען צוא ריידען. זשילין הערט — מען רעדט וועגען זיי, וואָס מען זאָל מיט זיי טאָהן. אַ טייל

זאָגען: מען דאַרף זיי אַוועקשיקען נאָך ווייטער אין די בערג. אונ דער אַלטער זאָגט: מען דאַרף זיי אַוועקהאַרגענ'ן! אַבדול איז ניט מַסְכִּים, ער זאָגט: „איך האָב פֿאַר זיי בעצאָלט מיט מְזוּמָנִים! איך וועל פֿאַר זיי נעהמען אויסקויף געלד!" אונ דער אַלטער זאָגט: „זיי וועלען קיין גראָשען ניט געבען". זיי וועלען נאָר אָנ-מאַכען צָרוֹת, עס איז גאָר אַנ'עֲבֵרָה רוס-סען צו געבען עסען, מען דאַרף זייא אַוועקהאַרגענען — אונ אַנ'עק!".

די טאָטערן זיינען פֿאַנאַנדערגעגאַנגען דער ווירטה איז צוגעגאַנגען צו זשילינ'ען אונ רופֿט זיך אָב צו איהם.

— אויב מען וועט מיר ניט צושיקען פֿאַר אייך אויסקויף געלד, וועל איך אייך אין צווייי וואָכען אַרום פֿערשמייסען צום טויט, אונ אויב דו וועסט נאָך אַמאָהל מאַכען אַזעלכע שטיק צו אַנטלויפֿען — וועל איך דיר האַרגענען ווי אַהונד, שרייב אַבריעף, שרייב גוט!" —

מען האָט זיי געבראַכט פּאַפּיר אונ זיי האָבען אָנגעשריעבען בריף, נאַכדעם האָט מען זיי ווידער אָנגעטאָן פּענטעס אויף די פֿיס אונ אוועקגעפֿיהרט הינטערן מעטשעט. דאָרטען איז געווען אַגרוב, אַנ'אַרשין פֿינף טיף אונ אָט אין די גרוב האָט מען זיי אַראָבגעלאָזען.

VI.

יעצט איז זיי גאָר געוואָרען שלעכֿט. די פּענטעס פֿלעגט מען שוין אין גאַנצען ניט אַראָבנעהמען פֿון די פֿיס און מען פֿלעגט זי גאָר ניט אַרויסלאָזען אויף דער ווייסער וועלט. מען פֿלעגט זיי צו וואַרפֿען אין גרוב אַריין אונגעבאַקענע טייג, ווי פֿאַר הינד. און וואַסער פֿלעגט מען זיי אויך אַראָבלאָזען פֿון אויבען אין אַ קרוג, אין גרוב איז אַ געשטאַנק, אַ היטץ, אַ פֿייכֿטקייט. קאָסטילין איז דאָרטען גאָר צו קגראָבֿען געוואָרען: ער איז געוואָרען געשוואָלען און עס האָט איהם געבראָכֿען דער גאַנצער קערפּער, ער קרעכֿצעט אַלץ אָדער ער שלאָפֿט. זשילין איז אויך געוואָרען אומעדיג — ער זעהט, עס האַלט שמאָל ער ווייס שוין גאָר ניט וויא אַרויס צו דרייען זיך.

ער האָט אַפֿילו אָנגעהויבען אונטער צוגראָבען די גרוב — עס איז אָבער ניטאָ וואו אַרויס צו וואַרפֿען די ערד; דער ווירטה האָט דאָס בעמערקט האָט ער זיי געטראַשעט צו טויטען.

אײַין מאָהל זיצט ער אין גרוב מיט די פֿיס פֿאַר זיך, טראַכֿט וועגען פֿרייען לעבען, און עס איז איהם אומעדיג אויפ'ן זהאַר-

צען. פלוצלונג איז איהם גלייך אויף די קניע ארויפגעפאלען אקוכען, נאך, איינער, אונ עס האבען זיך אנגעהויבען צו שיטען קארשען, ער גיט אבליק ארויף – ער זעהט דארטען שטייט דינה. זי האט געטאן אקוק אויף איהם, אלאך געטאן אונ אוועקגע־לאפען. זשילין גיט זיך אקלער: „אפשר וועט דינה אויסהעלפען?"

ער האט אבגעליידיגט אין גרוב אקליי־נעם ארט, אנגעגראבען מיט'ן האנד ליים אונ האט אנגעהויבען אויסצומאכען דער פון ליאלקעס. ער האט אנגעמאכט מענשען, פערד, הינט, אונ טראכט: „ווי דינה וועט קומען וועל איך איהר דאס ארויפווארפען".

אויפ'ן אנדערן טאג איז אבער דינה ניטא, נאר ער הערט פון אייבען טריט פון פערד, אימיצער איז דורכגעפאהרען; די טאטערן האבען זיך צוזאמענגעקליבען ביין מעט־שעט. ער הערט וויא זייא ספארען אונ שרייען אונ דערמאנען די רוסען. ער הערט אויך דעם אלטענס שטימע. אלץ וואס מען האט גערעדט האט ער ניט געקענט גוט דערהערען, נאר ער האט דאך פערשטאנען פון זייערע רייד, אז די רוסישע מיליטער איז נאהנט אונ־טערגעגאנגען צו דעם געגענד אונ דיא טאטערן האבען מורא זיי זאלען ניט אריין

אין דאָרף, און ווייסען ניט וואָס צו טאָן מיט די געפאַנגענע.

די טאַטערן האָבען גערעדט, גערעדט און זיינען אוועקגעגאַנגען. פלוצלונג הערט ער פון אויבען האָט עפּעס אָנגעהויבען צו רוישען. ער זעהט דינהו האָט זיך אַראָבגעכויגען צום גרוב, איהר האַלזבאַנד פון די מַטְבֵּעוֹת היינגט אַראָב פון האַלז און שאָקעלט זיך איבער'ן גרוב. די אויגלעך בלישצען אַזוי ווי שטערנדליך. זיא האָט אַרויסגענומען פון אַרבעל צוויי קעזענע גאָמעלקעס און האָט איהם אַריינגעוואָרפען. זשילין האָט צוגענומען און פרעגט:

— פאַר וואָס ביזט דו אַזוי לאַנג ניט געוועןַ? איך האָב דאָך דיר צוגעגרייט צאַצקעס. נאַ, אָט! — ער האָט אָנגעהויבען אַרויף צו וואַרפען זיי איינציג ווייס. זי שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און קוקט גאָר ניט. „מען דאַרף ניט" — זאָגט זי. זיא איז געזעסען אַווילע שטיל, און רופט זיך אָב: „איוואַן! מען וויל דיך האַרגענען" זי ווייזט מיט'ן האַנד ביי זיך אויפ'ן האַלז.
— ווער וויל האַרגענען? —
— דער טאַטע, די אַלטע הייסען איהם. איך האָב רַחְמָנוֹת אויף דיר.
זשילין רופט זיך אָב:

– אויב דו האָסט רַחֲמָנוֹת אויף מיר, טאָ ברײנג, מיר אַלאַנגען שטעקען.

זי שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אַז „מען קען ניט". ער האָט צוזאַמענגעלייגט די הענד און בעט זיך ביי איהר:

– דינה, איך בעט דיך! דינושקאַ, ברײנג!

– מען קען ניט — זאָגט זי — מען וועט דערזעהען; אַללע זיינען אין שטוב. — און איז אַוועקגעגאַנגען.

פון אָבענד זיצט אַזוי זשילין און טראַכט. „וואָס וועט זיין?". — ער קוקט אַלץ אַרויף, עס זעהען זיך דיא שטערן; דיא לְבָנָה איז נאָך ניט אויפגעגאַנגען. דער מוללאַ האָט אויסגערופען; עס איז אַלץ שטיל געוואָרען. זשילין האָט שוין אָנגעהויבען איינצודרעמלען. ער טראַכט: „די מיידעל וועט מוֹרָא האָבען".

פלוצלונג האָט זיך אַשאָט געטאָן אויפ'ן קאָפּ ליים; ער גיט אַבליק אַרויף — עס רוקט זיך אַשטאַנג פון יענעם זייט גרוב. דער שטאַנג האָט זיך אַריינגעשטעקט פון אויבען און הייבט זיך אָן אַראָבצולאָזען אין גרוב. זשילין איז אַלעבעדיגער געוואָרען. ער האָט איהם אָנגעהאַפּט מיט'ן האַנד און אַראָבגעצויגען. דער שטאַנג איז אַגעזונטער, ער האָט איהם נאָך פריהער געזעהן ביין ווירטה אויפ'ן דאַך.

ער גיט אַקוק אַרויף — דיא שטערן בלישצען הויך אין הימעל, און אויפ'ן סאַמע גרוב לייכטען דינה'ס אויגען אין דער פינסטער ווי ביי אַ קאַטץ. זי האָט זיך איינגעבויגען מיט'ן געזיכט איבערן ברעג גרוב און רעדט צו איהם אין דער שטיל:

– איוואַן, איוואַן! — און מאַכט מיט די הענד ביין געזיכט, ס'הייסט — שטילער.

– וואָס? — פרעגט זשילין.

– אַללע זיינען אַוועקגעפאָרען, עס זיינען געבליבען נאָר צוויי.

זשילין רופט זיך אָב צו קאָסטילינ'ען:

– נו, לאָמיר גיין; מיר וועלען פּרובי-רען צום לעצטען מאָהל; איך וועל דיר אַרויפזועצען.

קאָסטילין וויל גאָר ניט הערען.

– ניין — זאָגט ער — מיר איז שוין מִכְּתָמָא ניט בעשערט פון דאַנען אַרויס-צוגיין, — וואוהין וועל איך גיין, אַז איך האָב אֲפִילוּ קיין כֹּחַ ניט אַקער זיך צו גע-בען? —

– נו, טאָ זיי געזונד, דערמאָן מיר ניט צום שלעכטען. — ער האָט זיך צוקושט מיט קאָסטילינ'ען.

זשילין האָט זיך אָנגעחאַפּט אָן שטאַנג געהייסען דינה'ן האַלטען, און אָנגעהוי-בען צו קלעטערן. אמאָהל צוויי האָט

ער זיך אָבגעריסען — די פּענטע האָט איהם געשטערט. קאַסטילין האָט איהם אונטער געהאַלטען, און ער איז ווי עס איז אַרויפ-געקלעטערט. דינה שלעפּט איהם מיט די הענדטלעך פאַר זיין העמד מיט אַללע כחות און אַליין לאַכט זי. זשילין האָט גענומען דעם שטאַנג און זאָגט:

— גיי, דינה, און לייג איהם אַוועק אויף אַנ׳אָרט, וואָרום ווען זיי וועלען זיך האַפּען וועט זיין מיט דיר ניט גוט.

זי האָט אַוועקגעשלעפּט דעם שטאַנג און זשילין איז אַוועק אַראָב באַרג.

ער איז אַרונטערגעקראָכען אונטערן משופּע׳דיגען זייט גענומען אַשאַרפען שטיין און האָט אָנגעהויבען אַרויסצודרייען דעם שלאָס פון פּענטע. דער שלאָס איז אָבער אַ שטאַרקער — ער קען איהם בשום אופן ניט אַראָבדרייען, און דערצו איז ניט בעקוועם. ער הערט — עס לויפט אימי-צער פון באַרג, אונטערשפּרינגענדיג. „אַודאי ווייטער דינה“ — טראַכט ער זיך. דינה איז צו געלאָפען, גענומען אַשטיין און רופט זיך אָב צו איהם.

— גיב, איך וועל פּרוּווען!

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דיא קני. און האָט אָנגעהויבען אַרויסדרייען דעם שלאָס. די הענדטלעך זיינען אָבער דינינקע ווי שטעקלעך — עס איז אין זיי

קיין קראַפֿט ניטאָ. זי האָט אַוועקגעוואָר-
פֿען דעם שטיין און אָנגעהויבען צו וויי-
נען. זשילין האָט זיך ווייטער גענומען
צום שלאָס, און דינה האָט זיך אַוועק-
געזעצט לעבען איהם מיט די פֿיס פֿאַר
זיך און האַלט איהם פֿאַר'ן פּלייצע. זשי-
לין האָט זיך אַרומגעקוקט — ער זעהט
לינקס, הינטערן באַרג, איז דער הימעל
רויט געוואָרען; די לְבָנָה הויבט אָן אויף צו
גיין „נו, טראַכט ער זיך — ביז די לְבָנָה
וועט אויף גיין דאַרף מען נאָך אַריבער-
גיין דעם שמאָלען טהאָל און צו קומען
ביז'ן וואַלד". ער האָט זיך אויפֿגעהויבען
און אַוועקגעוואָרפֿען דעם שטיין, מען מוז
דאָך גיין, האָטש אין די פּענטע.

— זייַ געזונד, דינושקאַ — רופֿט ער זיך אָב
צו איהר — איך וועל דיך געדיינקען צייט
איך וועל לעבען.

דינה האָט זיך אָנגעהאַפּט אָן איהם און
שאַרט איהם אַרום מיט איהרע הענד, זי זוכט
וואו אַריינצולייגען איהם קוכענס, ער האָט
זיי צוגענומען.

— אַ דאַנק דיר — זאָגט ער — מיין חֲכָמָה,
ווער וועט דיר מאַכען ליאַלקעס אָהן מיר —
און האָט איהר אַגלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

דינה האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוויינט, זי
האָט פֿערדעקט די געזיכט מיט די הענד און
אַוועגעלאָפֿען אַרויף באַרג, שפּרינגענדיג

ווי אַציקעלע. עס הערט זיך מעהר ניט אין דער פֿינסטער ווי עס קלינגען אונטער ביי איהר אויפֿען פֿלייצע די מַטְבְּעוֹת פֿון צאָפּ.

זשילין האָט זיך איבערגעצֶלמט, אַ חאַפּ געטאָן מיט'ן האַנד, דעם שלאָס פֿון די פענטע זאָל ניט קלאַפּען, און איז אַוועק מיט'ן וועג.

ער איז צוגעגאַנגען ביז'ן וואַלד — קיינער האָט זיך דערוויילע ניט געטראָפֿען. זשילין האָט אויסגעקליבען אין וואַלד אַנ'אָרטעל וואָס טינקעלער, און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ ביסעל אָברוהען. ער האָט געפֿונען אַשטיין און האָט זיך ווייטער גענומען אַראָבקלאַפּען די פענטע. ער האָט זיך אינגאַנצען צוקלאַפּט די הענד — און ניט אַראָבגעקלאַפּט. ער האָט זיך אויפֿגעהויבען און איז אַוועק מיט'ן וועג. ער איז אָבגעגאַנגען אַוויאָרסט און איז געבליעבען גאָר אָהן קרעפֿטען, די פֿיס ברעכֿען איהם. ער גייט אָב אַ טריט צעהן און שטעלט זיך אָב. „עס איז גאָר ניטאָ וואָס צו מאַכֿען„ טראַכֿט ער זיך — איך וועל זיך שלעפען כָּל זְמַן איך וועל האָבען קרעפֿטין און אויב זעצען זיך — וועל איך שוין ניט קענען זיך אויפֿהייבען. ביז'ן פֿעסטונג וועל איך ביז טאָג ניט אוספעיען צו קומען און ווי עס וועט ווערען טאָג, וועל איך זיך אַוועקלייגען אין וואַלד, איבער זיין דעם טאָג. און ביינאַכֿט וועל איך ווייטער גייהן".

ער איז געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט. אויפ׳ן וועג האָט ער נאָר בעמערקט צוויי טאָ-טערן רייטענדיג; ער האָט זיי אָבער נאָך פֿון וויטען דערהערט און האָט זיך בע-האַלטען הינטער אַ בוים.

די לְבָנָה האָט שוין אָנגעהויבען בלייך צו ווערען, דער טהוי איז געפֿאַלען — עס טאָגט שוין באַלד — און זשילין איז נאָך ניט דערגאַנגען צום ברעג וואַלד. „נו״, — טאַרכט ער זיך — איך וועל אָבגיין נאָך אַדרייסיג טריט, זיך פֿערקעהרען אין וואַלד און אַוועקזעצען זיך דאָרטען״. ער איז אָבגעגאַנגען אַ דרייסיג טריט, ער זעהט דער וואַלד ענדיגט זיך שוין ער איז אַרויס צום ברעג וואַלד — עס איז שוין גאָר ליכטיג. פֿאַר איהם ליגט קלאָר דער פֿעלד און דער פֿעס-טונג, און לינקס, גאָר נאָהנט אונטערן באַרג, ברענען פֿייערלעך און לעשען זיך; עס לייגט זיך אַרויך, און מענשען זיינען אַרום פֿייער. ער קוקט זיך גוט צו — ער זעהט עס גלאַנצט גע-וועהר; עס זעהען זיך קאָזאַקען, סאָלדאַטען.

זשילין האָט זיך דערפֿרייט; ער האָט זיך געשטאַרקט מיט די לעצטע כּחות און איז אַוועק אַראָב באַרג. ער טראַכט ביי זיך: „זאָל גאָט אויסהיטען, דאָ, אויפ׳ן פֿרייען פֿעלד, קען דערזעהען אַטאָטער אויף אַ פֿערד. עס איז אַפֿילו נאָהנט, פֿון דעבטוועגען וועל איך ניט קענען אַנטלויפֿען״.

ער גיט דאָס נאָר אַקלער — אַהאַ: לינקס־אויפ'ן בערגעל שטייען דריי טאָטערן, אַדעסיאַטין צוויי ווייט פֿון איהם. ווי זיי האָבען איהם דערזעהען האָבען זיי זיך אַלאָז געטאָן צו איהם. די האַרץ האָט זיך ביי איהם אָבגעריסען. ער האָט אָנגעהויבען צו מאַכען מיט די הענד, און צו שרייען מיט אַלע כּחות:

ברידער! ראַטעוועט! ברידער!...

מען האָט דערהערט זיין געשריי; עס זיינען אַרויסגעשפּרונגען קאָזאַקען אויף פֿערד זיי האָבען זיך אַלאָז געטאָן צו איהם אַנטקעגען די טאָטערן.

די קאָזאַקען זיינען ווייט און די טאָטערן — נאָהנט דאָ האָט זיך שוין זשילין גענומען מיט די לעצטע כּחות, אַחאַפּ געטאָן די פּענטע און זיך געלאָזען לויפֿען צו די קאַזאַקען ער צעלמט. זיך און שרייט אויסער זיך אין איין קול:

– ברידער! ברידער! ברידער!...

די קאַזאַקען זיינען געווען אַמאַן פֿופֿצעהן. די טאָטערן האָבען זיך דערשראָקען און האָבען זיך אָנגעהויבען אָבצושטעלען. און זשילין לויפֿט אַלץ צו די קאַזאַקען. די קאַזאַקען האָבען איהם אַרומגערינגעלט; זיי פֿרעגען: „ווער איז ער, וואָס פֿאַר אַ מענש, פֿון וואַנען?" — און זשילין שרייט אַלץ אויסער זיך:

– ברידער! ברידער!

עס זיינען אַרויסגעלאָפֿען סאָלדאַטען, און האָבען זיך גענומען צו זשילינען: דער גיט איהם ברויט, דער קאַשע, דער בראַנפֿען, דער דעקט איהם צו מיט אַ שינעל און דער שלאָגט איהם אַראָב די פענטע. די אָפיצירען האָבען איהם דערקענט און אַוועקגעפֿיהרט אין פֿעסטונג. די סאָלדאַטען האָבען זיך דערפֿרייט און זיינע טאָוואַרישטשעס זיינען צוזאַמענגעקומען צו איהם

זשילין האָט דערציילט די גאַנצע מַעֲשֶׂר ווי עס איז מיט איהם צוגעגאַנגען, און רופֿט זיך אָב:

– אָט בין איך דאָס געפֿאָהרען אַ היים אָבגעשפּילט אַ חֲתוּנָה!... ניין, מען זעהט, עס איז מיר שוין ניט בעשערט! —

און ער איז ווייטער געבליבען דינען אין קאַווקאַז. און קאָסטילינ'ען האָט מען נאָך ערסט אין אַ חוֹדֶש אַרום אויסגעקויפֿט פֿאַר פֿינף טויזענד רובעל און איהם געבראַכט קוים אַלעבעדיגען.

ענדע

וסעוואלאָד גאַרשין.

דער סיגנאַל.

סעמיאָן איוואַנאָוו איז געוועזען אַ וואַכטער אויף דער אייזענבאַהן, זיין בודקע איז געשטאַנען צוועלף ווערסט ווייט פון איין סטאַנציאָן און צעהן — פון דער אַנדערע, אין אַ ווערסט פיער אַרום האָט מאַן מיט אַ יאָהר צוריק געעפענט אַ גרויסע שפּינפאַבריק; איהר הויכער שווארצער קוימען האָט זיך געזעהען הינטער'ם וואַלד. נאָהנטער איז קיין אַנדערע וואָהנונגען ניט געוועזען, אויסער די בודקעס פון די אַרומיגע וואַכטער.

סעמיאָן איוואַנאָוו איז געוועזען אַ קראַנקער אַ צעבראָכענער מענש, פאַר ניין יאָהרען איז ער געוועזען אויף אַ שטרייט; ער האָט געדיענט אַלס דענשטשיק ביי איין אָפיציער, און איז ביי איהם געוועזען פון אָנפאַנג ביז ענדע שטרייט. עס איז איהם אויסגעקומען צו ליידען הונגער און קעלט, צו באַקען זיך אויף דער זונן, צו געהן פיערציג ווערסט

אַ טאָג אין היטץ און אין פראָסט. ניט אֵיין מאָל זיינען געפלויגען איבער זיין קאָפּ קוילען, אָבער, גאָטט צו דאַנקען, איהם האָט קיין מאָל ניט געטראָפען. איין מאָל איז דער פּאָלק געשטאַנען אין דער ערשטען ליניע, אַ גאַנצע וואָך איז געוועזען אַ שיעסעריי צווישען אונז און די טירקען: פון איין זייט גראָבען שטעהען אונזערע סאָלדאַטען, פון דער אַנדערען — טורקישע און מאָן שיעסט פון פריה־מאָרגען ביז נאַכט. סעמיאָן'ס אָפיציער איז אויך געוועזען אין דער ליניע. דריי מאָל אין טאָג פלעגט איהם סעמיאָן טראָגען פון דער קיך אַ הייסען סאַמאָוואַר און מיטטאָג. ער געהט מיט'ם סאַמאָוואַר אויפ'ם פרייען פעלד, אַרום פייפען קוילען, פויקען אין די שטיינער, סעמיאָן'ען שווידערט, עס גיעסען זיך ביי איהם טראָהרען פון די אויגען, און ער געהט דאָך. די אָפיציערען זיינען פון איהם זעהר צופריעדען געוועזען: זיי האָבען שטאָנדיג געהאַט הייסע טהעע. ער איז געקומען צוריק פון שטרייט אַ לעבעדיגער, אָבער מיט אַ ראָהמאַטיז אין די האַנד און אין די פיס. ניט ווייניג טרויערקייט האָט ער זיך אָנגע־ליטען פון יענער צייט אָן. ווי ער איז געקומען אַ היים: דער אַלטער פאָטער איז טויט; פיערטען יאָהר אַ יינגעל האָט ער געהאַט, איז ער אויך געשטאָרבען: עס האָט איהם געחאַפּט די האָליל. סעמיאָן איז געבליעבען

מיט דער ווייב אַליין. אין דער ווירטהשאַפט איז ביי זיי אויך קיין גליק ניט געוועזען; ווידער, איז טאַקי שווער צו אַקערן די ערד מיט געשוואָלענע האָנד און געשוואָלענע פים. ענדליך האָבען זיי שוין מעהר קיין קראָפטען ניט געהאַט זיך צו מאַטערן ביי זיך אים דאָרף און זיי זיינען געגאַנגען זוכען גליק אין נייע אָרטער. זיי זיינען אויסגעוועזען אין חערסאָן, אין דאָנשטשינע, נעבען גרענעץ; זיי האָבען אָבער נירגענדס קיין גליק ניט געפונען. די ווייב איז אַוועק דיענען, און סעמיאָן האָט זיך נאָך אַליין אַרומגעשלאָנדערט. אַמאָל איז איהם אויסגעקומען צו פאָהרען מיט דער באַהן; אויף איין סטאַנציאָן זעהט ער, דער נאַטשאַלניק קומט איהם פאָר ווי בעקאַנט, סעמיאָן קוקט אויף איהם און דער נאַטשאַלניק קוקט זיך אין סעמיאָן'ס געזיכט אויך איין. זיי האָבען זיך ערקענט איינער דעם אַנדערען: דאָס איז געוועזען איין אָפיציער פון סעמיאָן'ס פאָלק.

— דו ביזט ניט איוואַנאָוו? — פראָגט ער.

— טאַק טאָטשנאָ, וואַשע בלאַגאָראָדיע, איך בין דאָס אַליין.

— ווי קומסט דו אַהער?

— סעמיאָן האָט איהם ערצאָהלט: אַזוי און אַזוי.

— וואָהין זע געהסט דו יעטצט?

— איך ווייס אַליין ניט, וואַשע בלאַגאָראָדיע.

— וואָס הייסט, דוראַק, דו ווייסט אַליין ניט?
— טאַק טאָטשנאָ, וואַשע בלאַגאָראָדיע, איך ווייס ניט וואָהין זיך צו ווענדען, איך זוך אַרבייט וועלכע עס איז.
דער נאַטשאַלניק סטאַנציע האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן, אַביסעל געטראַכט און געזאָגט:
— ווייסט וואָס, ברודערל? — בלייב דערווייל דאָ אויף דער סטאַנציאָן. מיר דאַכט זיך, דו האָסט אַ ווייב, וואו איז דיין ווייב?
— טאַק טאָטשנאָ, וואַשע בלאַגאָראָדיע, איך בין אַבעווייבטער, מיין ווייב דיענט אין קורסק ביי אַ קויפמאַן אים הויז.
— נו, שרייב, דיין ווייב, זי זאָל קומען. אַ בילעט איין אומזיסטען וועל איך שוין זעהען פיר איהר צו בעקומען. דאָ ווערד ביי אונז די צייטען ליידיג אַבודקע: וועל איך שוין בעטען פיר דיך דעם נאַטשאַלניק דיסטאַנציע.
— איך דאַנק אייך טויזענד מאָל, — וואַשע בלאַגאָראָדיע! — האָט געאַנטוואָרטעט סעמיאָן.
ער איז געבליעבען אויף דער סטאַנציאָן. ער האָט געהאָלפען די מענשען ביים נאַטשאַלניק אין קיך, האָט האָלץ געהאַקט, געקעהרט דעם הויף, די פלאַטפאָרמע. אין צוויי וואָכען אַרום איז געקומען צו פאָהרען זיין ווייב, און ער איז מיט איהר אין אַ האַנדוואָגעל אַוועקגעפאָהרען צו זיך אין בודקע.
די בודקע איז אַ נייע, אַ וואַרעמע, האָלץ —

וויפיעל דו ווילסט, אַ גאָרטען אַ קליינער איז געבליעבען פון די פאָריגע וואָכטער, און ביי אַ האַלבע דעסיאַטינע אַקער ערד איז אויך געוועזען דערביי. סעמיאָן איז געוואָרען פראָהליך: ער האָט גענומען טראַכטען, ווי ער וועט פערפיהרען זיין ווירטהשאַפט און ער וועט זיך שאַפען אַ פערד, אַ קוה.

מאָן האָט איהם געגעבען אַלע קליפער־געצייג: אַ גרינע פאָהן, אַ רויטהע פאָהן, לאַנטערנעס, אַ טראָמייציק, אַ האַמער, אויך אַ שליסעל צו פערשרויפען די שרייפלאַך, אַ בראָכ־אַייזען (אַ קאָל), אַ רידעל, בעזימער, שטאַבעס; מאָן האָט איהם, דערצו אויך געגעבען צוויי ביכעלאַך מיט רעגעלן, פראַווילעס, און אַ ראָספּיסאַניע פון די צוגען. די ערשטע צייט פלעגט סעמיאָן קיין נאָכט ניט שלאָפען און אַלץ לערנען די ראָספּיסאַניע. דער צוג דאַרף נאָך ערשט געהן אין צוויי שטונדען אַרום, און ער האָט שוין דורכגעקוקט זיין שטיק וועג און זיטצט אויפ'ן באַנק נעבען בודקע און האָרכט זיך אַלץ איין, צו טרייםלען זיך ניט די רעלסען, צו רוישט ניט דער צוג, ער האָט די פראַווילעס אויך אויסגעלערנט, ער האָט קוים, קוים געקאָנט לעזען, און דעננאָך האָט ער אויס געלערנט.

די געשיכטע איז געוועזען זוממער, קיין שווערע אַרבייט איז ניט דאָ, שניי אָבגראָבען דאַרף מען ניט, צוגע געהען אין אַל־

גערמיין אויף יענער ליניע ניט אָפּט. סעמיאָן
פֿלעגט אַרומגעהן זיין וויאָרסט צוויי מאָל אין
טאָג, דאָ פֿלעגט ער שטאַרקער פֿרדרעהען
אַ שרייפּעל, דאָרט—פֿערשיטען אַ גריבּעל, בע=
טראַכֿטען די וואַסער רוהרעס און געהן צוריק
אַהיים אַיינאָרדנען זיין ווירטהשאַפֿט. אָבער
דאָ איז איהם געלעגען אַ קלאָטץ אין וועג,
וואָס ער זאָל ניט בעדענקען צו מאַכֿען, פֿראָג
פֿאָראוים ביי דעם וועג מייסטער, און דיעזער
וועט ראַפּאָרטירען דעם נאַטשאַלניק דיסטאַנציע.
איידער עס פֿלעגט קומען צוריק. אַין אַנט=
וואָרט, פֿלעגט שוין אַוועקגעהן די צייט. עס
איז געקומען צו דעם, דאָס סעמיאָן מיט די
ווייב האָבען זאָגאַר אָנגעפאַנגען זיך צו לאַנג=
ווייליען, ניט וויסענדיג וואו די צייט אַהין
צו טהאָן.

עס איז אַוועק צוויי מאָנאַטען. סעמיאָן
האָט זיך גענומען בעקענען מיט די וואָכֿטער
וואָס אַרום איהם. איינער פֿון זיי איז גע=
וועזען אַ גאַנץ אַלטער, מאָן האָט זיך אַלץ
געקליעבען איהם צו ענטזאַגען: קוים וואָס
ער פֿלעגט אַרויסקריעכֿען פֿון בודקע. די
ווייב פֿלעגט פֿיר איהם אַלצדינג טהאָן. דער
אַנדערער וואָכֿטער וואָס איז געוועזען נאָהנ=
טער צו דער סטאַנציאָן, איז געוועזען אַיונגער
מאַן, זעהר אַ דאַרער, עס האָבען זיך אויף
איהם די אָדערן געזעהען. דאָס ערשטע מאָל
האָט זיך מיט איהם סעמיאָן געטראָפֿען אויפ'ם

וועג צווישען זייערע בודקעס, וואָהרענד זיי האָבען בעקוקט דעם וועג, סעמיאָן האָט אַרונטערגענומען די מיטץ און זיך בעגריסט.

— גוט מאָרגען, שכן, — האָט ער צו איהם געזאָגט.

דער שכן האָט אויף איהם אַ קוק געגעבען פֿון דער זייט.

— גוט מאָרגען — גוט יאָהר! — האָט ער געאַנטוואָרט און זיך אומגעקעהרט און אַוועק. שפּעטער האָבען זיך אָנגעטראָפען די ווייבער, סעמיאָן'ס אַרינע האָט דער שכנה געזאָגט גוט מאָרגען; אָבער יענע האָט אויך פּ'על ניט גערעדט און איז אַוועקגעגאַנגען.

אַמאָל האָט איר בעגעגענט סעמיאָן:

— וואָס איז דאָס מיט דיין מאַנן, וואָס ער איז ביי דיר אַזאַ שוויינעדיגער? — האָט ער צו איהר געזאָגט.

די פֿרוי האָט אַ פּאָר מינוט געשוויעגען, נאָכהער געאַנטוואָרטעט:

— און וואָס פֿיר געשעפֿטען האָט ער מיט דיר צו רעדען? — יעדער האָט זיך דאָס זיי-ניגע... געה דיר מיט דיין וועג.

עס איז אַוועק נאָך אַ מאָנאַט און זיי זיינען דאָך בעקאַנט געוואָרען. אָפֿט פֿלעגען זיי זיך טרעפֿען אויפ'ן וועג, פֿלעגען זיך זעטצען אויפֿ'ן ברעג, רויכערן ביידע לולקעלאַך און ערצאָהלען איינער דעם אַנדערען ווי ער לעבט אויף דער וועלט. וואַסיל פֿלעגט אָפֿטער

שוויינען, אָבער סעמיאָן האָט ליעב געהאַט צו ערצעֶהלען וואָס עס האָט געטראָפען ביי איהם אין דאָרף און ווי ער איז געגאַנגען אויפ'ן שטרייט.

— איך האָב שוין גענוג צרות געהאַט אויף מיין לעבען, און איך האָב נאָך גאָר ניט אַזוי פיעל געלעבט. גאָטט האָט קיין גליק ניט געגעבען. ווען גאָטט גיט אַ שלעכטען מזל, העלפט שוין קיין זאַך ניט. אָט אַזוי איז דאָס, ליעבער ברודער, וואַסילי סטעפאַניטש.

וואַסילי סטעפאַניטש האָט אויסגעקלאַפּט די לולקע אָן רעלס, און זיך אויפגעהויבען און געזאָגט:

— ניט דער שלעכטער מזל נעהמט אַוועק ביי אונז די יאָהרען, נאָר שלעכטע מענשען. עס איז ניט דאָ אויף דער וועלט אַ ווילדערעס טהיער, וואָס איז שאֶדליכער און באֶזער ווי דער מענש. וואָלף עסען ניט איינע די אַנדערע, און מענשען שלינגען איין איינע די אַנדערע לעבעדיגערהייד.

— נו, ברודער, איין וואָלף דעם אַנדערען עסט יע, דאָס זאָג ניט.

— עס רעדט זיך אַזוי. אָבער קיין גרויזאַמערע בריאה ווי דער מענש, איז פאָרט ניט דאָ. ווען ניט די שלעכטקייט פון מענשען און זייער גיעריגקייט, וואָלט מאָן קאָנען לעבען. אָבער יעדער זעהט מעהר ניט ווי

דיר צו האַפּען פֿירן גאָרגעל און איינצושלינגען.

סעמיאָן האָט זיך פֿערטראַכט.

— איך ווייס ניט, ברודער, — זאגט ער — עס קאָן זיין, עס איז ווירקליך ווי דו זאָגסט, אָבער אויב עס איז יע אַזוי, איז דאָס געוויס אַזוי געשטעלט געוואָרען פֿון גאָטט.

— נו, אויב אַזוי, — זאָגט וואַסיל, — האָב איך מיט דיר ניט וואָס צו רעדען. מאָן זאָל אַלץ וואַרפֿען אויף גאָטט און אַליין זיטצען און ליידען, הייסט דאָס ניט זיין אַ מענש, נאָר אַ בהמה, דאָ האָסט דו מיין וואָרט.

ער האָט זיך אומגעקעהרט און אַוועקגע־גאַנגען אָהן אָבשיעד. סעמיאָן איז אויך אויפ־געשטאַנען.

— שכן, — שרייעט ער, — פֿיר וואָס בייזערסט דו זיך? —

דער שכן האָט זיך ניט אומגעקעהרט און אַזוי אַוועק. אַלאַנגע צייט האָט אויף איהם סעמיאָן געקוקט, ביז וואַנען די בערג פֿוןביידע זייטען וועג האָבען וואַסילען אין גאַנצען פֿערשטעלט. קומענדיג אַהיים, האָט סעמיאָן געזאָגט צו דער ווייב.

— נו, אַרינע, האָבען מיר אַ שכן.... אַ סם, ניט קיין מענש.

דעננאָך האָבען זיי זיך ניט צוקריעגט. זיי האָבען זיך נאָך אַמאָל בעגעגענט און ווידער גענוממען רעדען, און אַלץ פֿון דאָס אייגענע

— עה, ברודער, ווען ניט מענשען, וואָלטען מירביידע ניט געזעסען אין דיעזע בודקעס, — זאָגט וואַסילי.

— וואָס איז אין בודקע!.. קיין באָז ניט, לעבען קאָן מאָן.

— לעבען קאָן מאָן, לעבען קאָן מאָן... עה, ברודער! דו האָסט פיעל געלעבט, ווייניג דערלעבט... פיעל געקוקט, ווייניג געזעהען. אין בודקע אָדער אַנדערסוואו, וואָס פיר אַ לעבען איז דעם אָרעמאַנ׳ס, עס עסען איהם די שינדער, זיי צאַפּען אויס גאָר די בלוט, און אַז ער ווערד אַלט, וואַרפט מאָן איהם אַרויס פיר הזירים, אַזוי ווי אויס־געקוועטשטע פּסולת, וויפיעל געהאַלט בע־קומסט דו?

— נו יע, ווייניגלאַך, וואַסיל סטעפּאַניטש. צוואָלף רובל.

— און איך דרייצעהן רובל מיט פונפציג קאָפּעקען. פיר וואָס? — פראָג איך ביי דיר, לויט דעם געזעטץ, איז פיר אַלעמען גע־שטעלט איין געהאַלט: פופצעהן רובל אַ מאָ־נאַט מיט האָלץ און בעלייכטונג. ווער אָבער האָט דאָס אונז בעשטימט צוואָלף אָדער דרייצעהן מיט אַ האַלבען? איך פראָג ביי דיר, און דו זאָגסט, לעבען קאָן מאָן? איך רעד ניט וועגען די אַנדערטהאַלבען אָדער די דריי רובל. און ווען זיי וואָלטען אפילו גע־געבען די גאַנצע פופצעהן? דען פאַריגען

מאָנאַט בין איך געוועזען אויף דער סטאַנציע; דער דירעקטאָר איז דורכגעפֿאָהרען, האָב איך איהם געזעהען. איך האָב געהאַט די עהרע. ער פֿאָהרט זיך אין אַ בעזונדערען וואַגאָן, ער איז אַרוים אויף די פּלאַטפֿאָרמע און שטעהט.... ניין, איך וועל דאָ לאַנג ניט זיין, איך וועל אַוועקגעהן וואוהין די אויגען וועלען מיך פֿיהרען.

וואוהין אָבער וועסט דו אַוועקגעהן, סטעפּאַנימש? פֿון גוטס לויפֿט מאָן ניט. דאָ האָסט דו אַ וואָהנונג, האָלץ, ערד אַ שטיקעל. אַ ווייב האָסט דו אַ בריאה...

— ערד אַ שטיקעל! דו וואָלסט אַקוק געטהאָן אויף מיינע ערד. אפּילו אַ ריטעל איז אויף איהר ניט דאָ. אין פֿריהלינג האָב איך פֿערזעטצט קרויט, איז אויך געקומען דער וועג מייסטער: „וואָס איז דאָס? — זאָגט ער: — ביי קיינעם ניט געפֿראָגט? ביי קיינעם ניט גענומען ערלויבנים? — גלייך זאָל מיר ווערען אויסגעגראָבען!“ ער איז געוועזען שיכּור. איין אַנדערם מאָל וואָלט ער אַ וואָרט ניט גערעדט. אָבער דאָ האָט ער זיך פֿערנאַנדערגעלאָזען... „דריי רובל שטראָף!“...

וואַסיל האָט אַ קורצע ווײלע געשוויעגען, אַ ציעה געטהאָן די לולקע און זאָגט אין דער שטיל:

— נאָך אַ וואָ״ט, וואָלט איך איהם געשלאָגען צו טויד.

— נו, שכן, ביזט דו אַ כּעסן, זאָג איך דיר.

— איך בין ניט קיין כּעסן, אָבער איך רעד און טראַכט ווי דער אָמת איז. אָבער ער וועט זיך נאָך ביי מיר דערוואַרטען, דער רויטהער נאָז. איך וועל איהם אָנקלאָגען ביים נאַטשאַלניק דיסטאַנציע אַליין. מיר וועלען זעהען!

און ער האָט איהם ווירקליך אָנגעקלאָגט. דער נאַטשאַלניק דיסטאַנציע איז אַמאָל געפאָהרען בעקוקען די וועג, אין דריי טאָג אַרום האָבען בעדאַרפט גרויסע לייט פון פּע־טערסבורג פאָהרען איבער די וועג מאַכען אַ רעוויזיאָן. אַלזאָ איז נאַטהיג געוועזען פאַר זייער קומען אַלצדינג צו ברענגען אין אָרד־נונג. וואו מאָן דאַרף, האָט מאָן פעררירכט; מאָן האָט צוגעשאָטען באַלאַסט, גלייך גע־מאַכט די גריבלאַך, איבערגעקוקט די שפּאַ־לען, פעסטער צוגעשרויפט די רעלסען, צוגעפאַרבט די סטאָלבעם און אין די דורכ־פאָהר אָרטער האָט מאָן בעפאָהלען צו שיטען מיט געלבע זאַמד. די שכנה, די וואָכטערין האָט איהר אַלטינקען אויך אַרויסגעטריעבען ריין מאַכען די גראָז. סעמיאָן האָט געאַרבייט אַ גאַנצע וואָך, אַלץ געמאַכט ווי געהעריג, פעררירכט אויף זיך דעם קאַפטאַן, אָבגע־פוטצט און מיט אַציגעל אָבגעשייערט זיין בלעכעל, דאָס ער האָט געבלאַנקט. וואַסילי

האָט אויך געאַרבייט. דער נאַטשאַלניק די־
סטאַנציע איז געקומען אויף אַ דרעזינע. פֿיער
אַרבייטער האָבען געדרעהט די האַנדטעל,
די דרעה־רעדער זשוזשען, דער וואָגעל פֿליהט
צוואַנציג וויאָרסט אַ שטונדע, נאָר די ראָדער
יאָמערן. ער איז צוגעפֿלויגען צו סעמיאָנ׳ס
בודקע. סעמיאָן איז אַרויסגעשפּרונגען, אָב־
געגעבען ראַפּאָרט ווי אַ סאָלדאַט. עס איז
אַלץ געוועזען אין אָרדנונג.

— דו ביזט דאָ שוין לאַנג? — פֿרעגט
דער נאַטשאַלניק.

— פֿון צווייטען מאַי אָן, וואַשע בלאַגאָ־
ראָדיע.

— גוט, דאַנקע. און ווער איז אין הונ־
דערט פֿיער און זעבציגסטען נומער?

דער וועגמייסטער (ער איז אויך געוועזען
אויף דער דרעזינע) האָט געאַנטוואָרטעט:

— וואַסיל ספּירידאָוו.

— ספּירידאָוו, ספּירידאָוו, אַה, דערזעל־
בער וואָס איהר האָט זיך אויף איהם אינ׳ם
פֿאָריגען יאָהר געבאַזערט?

— דאָס איז ער אַליין.

— נו גוט, לאָמיר אַ קוק געבען ביי וואַסיל
ספּירידאָוו, פֿאָרוואָרטס.

די אַרבייטער האָבען זיך גענומען צום
האַנדטעל. די דרעזינע איז אַוועק.

סעמיאָן קוקט אויף איהר און טראַכט:
נו, עס וועט זיין ביי זיי אַ שפּיעל מיט׳ם שכן.

אין צוויי שטונדען אַרום איז ער געגאַנ־
גען ווי געוואָהנליך בעקוקען די וועג. ער
זעהט פֿון ווייטען: איינער געהט און ביי
איהם אויפֿ'ם קאָפּ זעהט זיך עטוואָס אַ ווייסע
זאַך. ער קוקט זיך גוט איין — וואַסיל, אין האַנד
אַ שטאָקען, אויף דעם רוקען אַ קליינער פּאָ־
קעלע, די באַק אונטערגעבונדען מיט אַ
טיכעל.

— וואָהין, שכן? — שרייעט צו איהם
סעמיאָן.

וואַסיל איז צוגעגאַנגען גאָר נאָהנט: עס
איז אַ שרעק אויף איהם צו קוקען — ווייס
ווי קאַלך, די אויגען ווילדע, ער האָט גע־
נומען רעדען — האַקט זיך ביי איהם אָב
די שטימע.

— אין שטאָדט, זאָגט ער, אין מאָסקווע...
אין פּראַוולעניע.

— גאָר אַזוי, אין פּראַוולעניע! מסתמא
געהסט זיך קלאָגען? האָר אויף, וואַסילי
סטעפּאַניטש, פֿערגעס אָן דעם.

— ניין, ברודער, איך וועל ניט פֿער־
געסען, עס איז שוין שפּאָט צו פֿערגעסען
דו זעהעסט ניט, ער האָט מיר געגעבען
אַ פּאַטש... צובלוטיגט... זאָ לאַנג איך
לעב, וועל איך דאָס ניט פֿערגעסען, איך
וועל דאָס אַזוי ניט לאָזען, ניין...

סעמיאָן האָט איהם גענומען פֿיר די
האַנד.

— האָר אויף, סטעפּאַניטש, גלויב מיר, דו וועסט בעסער ניט מאַכֿען.

— ווער רעדט בעסער! איך ווייס אַליין, איך וועל בעסער ניט מאַכֿען. ריכֿטיג האָסט דו געזאָגט, דאָס עס ווענדט זיך אַלץ אָן מזל. איך וועל זיך בעסער ניט מאַכֿען, אָבער מאָן דאַרף, ברודער, שטעהן פֿיר׳ן אֶמת.

— זאָג מיר, אָבער, פֿון וואַנען האָט זיך דיא גאַנצע געשיכֿטע אָנגעפֿאַנגען?

— פֿון וואַנען? — ער האָט אַלצדינג בעקוקט, איז אַראָב פֿון דרעזינע, אַריין אין בודקע. איך האָב שוין געוואוסט, ער וועט פֿראַגען שטרענג, און איך האָב אַלץ געמאַכֿט, ווי עס בעדאַרף צו זיין. ער האָט שוין געוואָלט פֿאָהרען ווייטער, דאָ בין איך צוגעגאַנגען מיט מיין פּרעטענזיע. אַז ער גיעט דאָס אָבער אויף מיר אַ געשריי: „דאָ איז אַ וויכֿטיגע רעוויזיע, און דו טומעלסט אַ קאָפּ מיט דיין נ[illegible]טען? דאָ וואַרט מאָן אויף טאַיני סאָווי[illegible]ניקעס און דוא, אַזעלכער און אַזעל[illegible], קריעכסט אין מיטען דערינען מיט קרויט״? איך האָב זיך ניט איינגעהאַלטען און געזאָגט אַ וואָרט, ניט מעהר, אָבער ער איז געוואָרען אין כעס, אַז ער גיעט מיר אַ פּאַטש... און איך שטעה מיך, אַזוי ווי עס דאַרף אַזוי זיין. ערשט ווי זיי זיינען אַוועקגעפֿאָהרען, האָב איך מיך אַרומגע-

זעהן וואָס דאָ איז געוועזען, און האָב מיך אבגעוואַשען דאָס געזיכט און אַוועק.

— און ווי וועט זיין מיט די בודקע?

— די ווייב איז געבליבען. זי וועט אָבהיטען. איבעריגענס, זאָלען זיי געהן מיט אַ פייער מיט זייער באַהן צו זאַמען!

וואַסילי האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און זיך צוגעקליעבען צו געהען.

זיי געזונד, איוואַניטש! איך ווייס ניט, אויב איך וועל דערגעהן מיין רעכט.

— אָבער געהסט דו דען צופוס?

— אויף דער סטאַנציע וועל איך זיך אַיינבעטען אויפ'ן טאָוואַרני צוג. מאָרגען בין איך אין מאָסקווע.

די נאַכבאַרען האָבען גענומען איינער פונ'ם אַנדערען אָבשיעד. וואַסיל, איז אַוועק און איז לאַנג ניט געוועזען. די ווייב האָט געאַרבייטעט פיר איהם, ניט געשלאָפען ניט טאָג און ניט נאַכט, און איז אָהן קרעפטען געבליעבען, וואַרטענדיג דעם מאַנן. אויף דעם דריטען טאָג איז דורכגעפאָהרען די רעוויזיאָן: אַ פאַראָוואָז, איין באַגאַזשנער וואַגאָן אין צוויי וואַגאָנען פון ערשטען קלאַס, און וואַסילי איז אַלץ ניט דאָ. אויפ'ם פיערטען טאָג האָט סעמיאָן געטראָפען זיין ווייב: דאָס געזיכט געשוואָלען פון וויינען, די אויגען רויטהע.

— איז דער מאַן צוריקגעקומען? — פֿראָגט ער ביי איהר.

זי האט אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנד, גאָר ניט געזאָגט און איז אַוועק מיט איהר וועג.

סעמיאָן האָט זיך אמאָל, קליינערהייד נאָך אויסגעלערנט מאַכען פייפעלאך. ער פֿלעגט נעהמען אַוואַלד שטאָקעל, אויס־ברענען די האַרץ, אָנמאַכען וואו מאָן דאַרף לאָכלאַך, אַריינשטעלען ביי'ם ברעג אַהאָל־צעל און אַזוי קונסטיג איינריכטען, דאָס מאָן האָט געקענט שפּיעלען וואָס מאָן וויל. ווען ער איז געוועזען ליידיג, פֿלעגט ער אָנמאַ־כען אַפֿולע אַזעלכע פייפעלאך און מיט אַ בעקאָנטען טאָוואַרני קאָנדוקטאָר שיקען אין שטאָדט אויפ'ן מאַרק. דאָרט פלעגט מאָן איהם געבען צוויי קאָפּעקען אַ שטיק. אויפ'ן דריטען טאָג נאָך דער רעוויזיאָן, האָט ער געלאָזען די ווייב בעגעגענען דעם פּאַרנאַכטיגען צוג, פון זעכס אוהר, און איז אליין אַוועק מיט אַמעסערל אין וואַלד אָנשניידען פיר זיך שטאָקלאַך. ער איז צוגעגאַנגען ביז דעם ענדע פון זיין שטיק ליניע, אין יענעם אָרט האָט זיך די ליניע האַסטיג פֿערקרימט. דאָ איז ער אַראָפּ אָן אַזייט און גענומען געהן מיט'ן וואַלד באַרג אַראָפּ. אין אַהאַלב וויאָרסט אַרום איז געוועזען אַגרויסער זומפּ.

און דערביי האָבען געוואַכּסען אויסגעצייי-
כענטע קוסטעס פיר זיינע פייפעלאַך.
סעמיאן האָט אָנגעשניטען אַ גאַנצען פּאַק
שטאָקלאַך און אַוועק צוריק אַהיים. ער איז
געגאַנגען מיט׳ן וואַלד. די זון איז שוין
געווען ניעדריג. אַטוימע שטילקייט. עס
האָט זיך נאָר געהאָרט, ווי די פֿאָגלאַך
צווישערן און ווי עס קנאַקען אונטער די
פיס די טרוקענע ריטלאַך און צווייגלאַך.
סעמיאָן איז אָבגעגאַנגען נאָך אַ שטיקעל.
באַלד איז שוין געווען די ליניע, און עס
דאַכט זיך איהם, ער האָרט עטוואָס קלאַ-
פּענדיג, אזוי ווי אַנ׳אייזען אָן אַנ׳אייזען. ער
האָט גענומען געהן גיכער. קיין רעמאָנט
איז אין יענער צייט אויף דער ליניע ניט
געווען. „וואָס זאָל דאָס בעדייטען?״ —
קלאָרט ער ביי זיך. ער געהט ארויס פון
וואַלד — פאַר איהם איז איין אָנגעשאָטענער
בערגעל פון דער אייזענבאַהן און אויבען
זיצט איינער אויף די פּאַטעס און טהועט
וואָס. סעמיאָן האָט גענומען שטילערהייט,
פאָרזיכטיג אַרופגעהען צו איהם: ער האָט
געמיינט, עס איז ווער געקומען גנבנן שרייפ-
לאַך. ער זעהט אָבער-יענער האָט זיך גע-
שטעלט, אין האַנד איז ביי איהם אַ לאָם,
אַ ברעכאַייזען, ער לאָזט אַ רונטער דעם
ברעכאייזען אונטערין רעלס און גיעט איהם
אַרוק אָן אַ זייט. סעמיאָנ׳ען איז פינסטער

געוואָרען אין די אויגען. ער וויל אַ געשריי טהאָן — קאָן ער ניט. ער זעהט, יענער איז דאָס וואַסילי. ער וויל צו איהם צולויפען, אָבער יענער מיט אַ ברעכאַייזען און מיט אַ שליסעל אין האַנד האָט אַ שפּרונג געטהאָן פון דעם אַנדערען זייט.

— וואַסילי חטעפאַניטש! קעהר זיך אום, ליעבער ברודער, קעהר זיך אום, מיין פריינד! גיעב דעם לאָם, מיר וועלין אַוועקלייגען צוריק אויפין אָרט דעם רעלם, און קיינער וועט ניט וויסען. קעהר זיך אום! נעהם ניט אַ זאַ זינדע אויף דיין זעעלע!

וואַסילי האָט זיך ניט אומגעקעהרט. ער איז אַוועק אין וואַלד.

סעמיאָן שטעהט איבער דעם אָבגעשרויפטען רעלם. די שטאָקלאַך זייען ביי איהם פון די הענד אַרויסגעפאַלען. עס געהט אַ צוג ניט אַ טאָוואַרנער, אבער אַ פּאַסאַזשירסקער. און עס איז קיין מיטעל ניט דאָ איהם אָבצוהאַלטען: ער האָט קיין פאָהן ניט. צוריק אויפין אָרט אַוועקלייגען דעם רעלם איז אונמעגליך מיט די הוילע האָנד אָהן אַ בראָקעל געצייג. מאָן מוז לויפען ניט אַנדערס אין בודקע און ברייגגען וואָס עס איז. גאָט, העלף מיר!

סעמיאָן לויפט צו זיך אין בודקע, ער בלייבט אָן אַנ'אָטהעם. ער לויפט — דאַכט זיך, באַלד פאַלט ער אַניעדער. ער

איז אַרויסגעלאָפֿען פֿון וואַלד, — עס איז שוין מעהר ניט געבליעבען ביז די בודקע, הונדערט קלאַפֿטער, — ער האָרט, אויף דער פֿאַבריק פֿייפֿט מאָן שוין. עס איז שוין אַלזאָ זעכס אוהר און צוויי מינוט אויף זיעבען וועט דורכגעהן דער צוג. גאָטט־רעטע די אונשולדיגע זעעלען! סעמיאָן זעהט שוין מיט די אויגען: דער פֿאַראָוואָז געהט מיטים לינקען ראָד אַרויף אויף דעם אָבגעדרייהטען רעלס, טהועט זיך אַ טריי־סעל, בייגט זיך איין אויף אַ זייט, נעהמט וואַרפֿען, רייסען און ברעכען די שפּאַלעס און דאָ קרימט זיך זעהר אוים די ליניע... אָנגעשאָטען עלף קלאַפֿטער הויך, דער פֿאַ־ראָוואָז מיט די וואַגאָנען פֿאַלען אַראָב, און דאָרט, אין דריטען קלאַס איז פֿול געפּאַקט מענשען, קינדער קליינע וויפֿיעל! זיי זיטצען זיך אַלע יעטצט גאַנץ רוהיג און קיממערן זיך גאָר ניט וועגען קיין זאַך. גאָטט, גיעב מיר אַ ראַטה! ניין, דערלויפֿען ביז די בודקע און קומען צוריק אין דער צייט צו דעם אָבגעשרויפֿטען רעלס איז שוין אונמעג־ליך...

סעמיאָן איז ניט דערלאָפֿען ביז די בודקע. ער האָט זיך אומגעקעהרט און גע־נומען לויפֿען צוריק נאָך האַסטיגער ווי פֿריהער, ער לויפֿט כמעט אָהן זינען. ער ווייס אַליין ניט, וואָס עס וועט נאָך זיין,

ער איז צוגעלאָפֿען צום אָבגעדרעהטען
רעלס. דאָ זייען געלעגען אויף דר'ערד אָנ־
געוואָרפֿען זיינע שטעקלאַך. ער האָט זיך
אַיינגעבויגען און געחאַפּט איינעם פֿון זיי, —
ער האָט אליין ניט בערעכֿענט, צו וואָס
ער טהועט דאָס, — און איז ווייטער געלאָ־
פֿען. עס דאַכֿט זיך איהם, דער צוג געהט
שוין. ער האָרט פֿון ווייטען אַ פֿייף, און
גלייך נאָכֿדעם האָבען די רעלסען אָנגעפֿאַנ־
גען זיך ניט האַסטיג צו טרייסלען. ווייטער
לויפֿען, האָט ער שוין קיין קרעפֿטען ניט
געהאַט, ער איז געבליעבען שטעהן אַ קלאַפּ־
טער הונדערט ווייט פֿון דעם שרעק־
ליכען אָרט. דאָ איז איהם מיט אַמאָל גע־
קומען אַ געדאַנקען, אזוי ווי עס וואָלט
איהם ליכֿטיג ווערען דער קאָפּ. ער האָט
אויסגעטהאָן זיין מיטץ, אַרויסגענומען פון
איהר אַ באַוועלנע טיכֿעל, אַ רויסגעצויגען
פֿין די שטיעפֿעל אַ מעסער און האָט זיך
איבערגעצלמט. גאָטט, זיי מיר צו הילף!

סעמיאָן האָט זיך אַ האַק געטהאָן מיט'ם
מעסער אין די לינקע האַנד האָכֿער איבער
דעם עלענבאָגען. עס האָט געטהאָן אַ שפריץ
בלוט און גענומען פֿלייטצען ווי פֿון אַ הייסען
קואַל. ער האָט איינגענעצט אין בלוט זיין
טיכֿעל האט איהר פֿערנאַנדערגענומען, אָנ־
געבונדען אויף דעם שטאָקעל און אַ רויס־
געשטעלט אַ רויטהע פאָהן.

ער שטעהט אָן מאַכט אין דער לופט מיט זיין פֿאָהן, דאָ געהט שוין דער צוג און דער מאַשיניסט זעהט איהם נאָך ניט: ער וועט צוגעהן נאָהנט און וועט אין הונ־דערט קלאַפֿטער ניט אויספֿייען אָבצוהאַלטען דעם שווערען צוג!

און בלוט האָרט פֿון איהם ניט אויף צו פֿלייטצען. סעמיאָן דריקט=צו די וואונד צום זייט, ער מיינט אזוי צו פֿערהאַלטען דאָס בלוט, אבער דאָס בלוט שטילט ניט. ווי עס שיינט האָט ער זיך טיעף איינגעהקאַט די האַנד, עס האָט זיך איהם גענומען דרעהען די קאָפּ; אין די אויגען האָבען גענומען פֿליעהען שוואַרצע פֿליעגען און באַלד איז איהם גאָר פינסטער געוואָרען; אין די אויעהרען קלינגט ווי מיט אַ גלאָק, ער זעהט ניט דעם צוג און האָרט דאָס רוישען. אין קאָפּ איז ביי איהם נאָר איין געדאַנקען: איך וועל ניט איינשטעהען אויף די פוס, איך וועל פאַלען און אַרויסוואַרפען די פאָהן; דער צוג וועט דורכגעהען איבער מיר!... אָה גאָטט! שיק צו איינעם וואָס זאָל זיך שטע־לען אויף מיין אָרט...

און עס איז איהם געוואָרען שוואַרץ אין די אויגען. ער האָט אויפגעהערט צו פיה־לען, און די פאָהן איז אַרויס געפאַלען ביי איהם פון די הענד. אָבער די בלוטיגע פאָהן איז ניט געפאַלען אויף דר׳ערד: אַהאַנד האָט

איהר אָן געחאַפּט און אויפגעהויבען אין דער הויך געגען דעם קומענדען צוג. דער מאַשי־ניסט האָט איהם בעמערקט, און האָט פער־מאַכט דעם רעגולאַטער און געגעבען קאָנטר־פּאַר. דער צוג האָט זיך אָב־געשטעלט.

מענשען זייען אַרויסגעשפּרונגען פון די וואַגאָנען און צונויפגעלאָפען אין איין אָרט. זיי זעהען: איינער ליגט אין בלוט, אָהן זי־נען, נאָך איינער שטעהט נעבען איהם מיט אַ בלוטיגע טוך אויף אַ שטאָקעל.

וואַסילי האָט אַ וואָרף געגעבען אויף אַלעמען מיט די אויגען און אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ.

— בינדט מיך, — האָט ער געזאָגט: — איך האָב אָבגעדרעהט אַ רעלס!...

א. לעראנטאוו.

דֶער בַאשֶׁערְטֶער טוֹיט.

(פַאטַאלִיסְט*).

מיר איז אַמאָל אויסגעקומען צו וואָהנען צוויי וואָכען אין אַ קאָזאַקען סטאַניצע אויפ'ם לינקען פלאַנק. דאָרט איז געשטאַנען אַ באַטאַליאָן אינפאַנטעריע. די אָפיציערען פלעגען זיך צוזאַמענקלייבען איינע ביי די אַנדערע, אמאָל ביי דעם, אַמאָל ביי יענעם, און ביי נאַכט שפּיעלען אין קאָרטען.

איין מאָל איז אונז לאַנגווייליג געוואָרען דאָס באָסטאָנשפּיעל. מיר האָבען אַרונטער־געשליידערט די קאָרטען אונטער'ן טיש, און זעהר לאַנג געזעסען ביי דעם אַלטען מאַיאָר... און גערעדט צווישען זיך. דאָס געשפּראָך איז, גאָר ניט ווי געוואָהנליך, געוועזען אינ־טערעסאַנט. מאָן האָט געשפּראָכען וועגען דעם, דאָס דער גלויבען פון די מאָהאַמע־דאַנער, דאָס דער שיקזאַל פון מענשען ווערד

*) דער וואָס גלויבט, דאָס אַלעס וואָס פּאַסירט זיך מיט'ם מענשען אים לעבען, ווערד פאָראויס בעשטימט אָדער אָנגעשריעבען אין הימעל ביז זיין געבורט.

פֿאַראוים אָנגעשריעבען אויפֿ'ם הימעל, איז אָנגענומען ביי פֿיעל פֿון אונז אויך. יעדער האָט ערצאָהלט אונגעוואָהנליכע צופֿאַלע, פֿיר אָדער געגען דיעזע מיינונג.

—דאָס איז אַלץ, מיינע הערען, גאָר גאָר קיין בעוויז, — האָט געזאָגט דער אַלטער מאַיאָר: — קיינער פֿון אייך האָט דאָך ניט בייגעוואָהנט די וואונדערליכע צופֿאַלע מיט וועלכע איהר בעווייזט די ריכטיגקייט פֿון אייערע מיינונגען?

— נו געווים, — האָבען איינינע געאַנט־וואָרטעט: — אָבער מיר האָבען געהערט פֿון זיכערע מענשען.

— דאָס איז אַלץ נאַרישקייט! — האָט איינער געזאָגט: — וואו זיינען דאָס די זיכערע מענשען, וואָס האָבען געזעהען דעם רעעס־טער, אויף וועלכעם עס איז אָנגעשריעבען די שטונדע פֿון אונזער טויד?.. און אויב עס איז ווירקליך אַלצדינג בעשטימט פֿון פֿריהער, וואָצו האָט מאָן אונז געגעבען אַ ווילען, אַ פֿערשטאַנד? און פֿיר וואָס דאַר־פֿען מיר אַנטוואָרטען פֿיר אונזערע טהאַטען?

אין דיעזער צייט האָט זיך אויפֿגעהויבען איין אָפֿיציער, וואָס איז געזעסען אין ווינ־קעל צימער, און מיט לאַנגזאַמע טריט צו־געגאַנגען צום טיש. ער האָט מיט אַרוהיגען און פֿייערליכען בליק בעטראַכט די גאַנצע געזעלשאַפֿט. דיעזער אָפֿיציער איז געוועזען

פֿון געבורט אַ סערבע, ווי עס האָט אויך געוויעזען זיין נאָמען.

די געשטאַלט פֿונ׳ם לייטענאַנט וואוליטש — אַזוי האָט געהייסען יענער אָפֿיציער — האָט זעהר געפּאַסט צו זיין כאַראַקטער. אַ הויכער וואוכס, ברוינליכע פֿאַרב פֿונ׳ם געזיכט, שוואַרצע האָאָר, שוואַרצע דורכדרינגענדע אויגען, אַגרויסער, אָבער רעגעלמאָסיגער נאָז, אַזוי ווי ביי אַלעמען פֿון זיינער נאַציאָן, אַ טרויעריגער און אַ קאַלטער שמייכעל, וואָס האָט שטאָנדיג געשפּיעלט ביי איהם אויף די ליפּען, — דאָס אַלעס צוזאַמען האָט איהם צוגעגעבען אַיין אויסזעהען פֿון אַ בעזאָנדערע בעשאָפֿנים, פֿון אַ בעשאָפֿנים וואָס איז ניט פֿאָהיג זיך צו טהיילען מיט געדאַנקען און געפֿיהלע מיט די קאָמעראַדען, וואָס דער שיקזאַל האָט איהם געגעבען.

ער איז געוועזען דרייסט, האָט גערעדט וועניג, אָבער שאַרף. קיינעם האָט ער ניט פערטרויעט זיינע הערצליכע און הויזליכע געהיימניסע. קיין ווייז האָט ער כמעט גאָר ניט געטרונקען. נאָך יונגע קאַזאַטשקעס, — וואָס ווער עס האָט זיי ניט געזעהען, קאָן קיין בעגריעף ניט האָבען פֿון זייערע רייצענדע שאָנהייט, — איז ער קיין מאָל ניט נאָכגעלאָפֿען. מאָן האָט אַפֿילו גערעדט, דאָס דעם פּאָלקאָווניקס פֿרוי איז ניט גלייכגילטיג צו זיינע אויסדרוקס־פֿאָלע אויגען; אָבער

ער פֿלעגט ווערען אָהן אַ געלאָכטער באַז, ווען מאַן האָט איהם ווענגען דעם אַ וואָרט אויסגערעדט.

עס איז נאָר געוועזען איין איינציגע ליידענשאַפֿט, וועלכע ער האָט ניט פֿערבאָרגען אין הערצען—די ליידענשאַפֿט צום קאָרטענשפיעל. ביים גרינען טיש האָט ער פֿערגעסען אַלץ אין דער וועלט. ער פֿלעגט אימער פֿערליערען, אָבער די שטאָנדיגע אונגליקע האָבען נאָר גערייצט זיינע ליידענשאַפֿט: וואָס מעהר ער פֿלעגט פֿערשפּיעלען, האָט ער אַלץ מעהר געוואָלט שפּיעלען. מאַן האָט ערצאָהלט, דאָס אַמאָל אין דער צייט פֿון שטרייט האָט ער אויפֿ'ם קיסען געהאַלטען די באַנק. דיעס מאָל איז איהם זעהר גע-גאַנגען. מיט אַמאָל האָט מאַן ערהאָרט אַ שיסעריי, עס איז געוואָרען אַ לאַרעם, אַלע זיינען אויפֿגעשפּרונגען און זיך געהאַפּט צו די געוועהר. „אַרוים מיט אַקאָרט"!, האָט וואָליטש געשריען, ניט ריהרענדיג זיך פֿון אָרט, צו איינעם פֿון די פֿערקאָכטע שפּיעלער. — „עס געהט אַ זיעבעטיל", האָט יענער געאַנטוואָרטעט, אַוועגלויפֿענדיג. וואָליטש האָט ניט געקוקט אויף דעם אַלגעמיינען לאַרעם און געענדיגט וואַרפֿען די טאַליע קאָרטען. דער קאָרט איז אַרויס.

בשעת ער איז געקומען אין ליניע, איז שוין געוועזען פֿוןביידע זייטען אַ גוטע

שיעסעריי. אָבער וואוליטש האָט זיך ניט גע־קימערט, ניט וועגען די קויהלען ניט וועגען די טשעטשענישע שווערדען: ער האָט אויפ־געזוכט זיין גליקליכען פאָנטירער.

— אַ זיעבעטעל איז אַרוים! — האָט ער אויסגעשריען, ווי ער האָט איהם ענדליך ערזעהען אין ליניע פון די שיעסער, וועלכע האָבען אָנגעפאַנגען אַרוים צודרענגען דעם פיינד פון׳ם וואַלד. צוגעהענדיג צו איהם, האָט ער אַרויסגענומען זיין פאָרטמאָנע און אָבגעגעבען דעם גליקליכען שפּיעלער, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס יענער האָט דאָס גאָר ניט פערלאַנגט. נאָכדעם ווי ער האָט ערפילט דיעזען אונאַנגעהמען שולד, האָט ער זיך האַסטיג אַוואָרף געטהאָן פאָראויס, האָט הינגעצויגען נאָך זיך די סאָלדאַטען און ביז ענדע האָט קאַלבליטיג זיך געשאָסען מיט די טשעטשענצעם.

ווי וואוליטש איז צוגעגאַנגען צום טיש, זיינען אַלע שטיל געבליעבען, וואַרטענדיג פון איהם עטוואָס אונגעוואָהנליכעם.

— מיינע הערען! — האָט ער געזאָגט מיט אַ רוהיגע שטימע, אָבוואָהל ניט אַזוי הויך, ווי ער איז געוואָהנט געוועזען צו ריידען: — מיינע הערען, צו וואָס איז די פוסטע רייד? איהר פערלאַנגט בעווייזע? רעכט! לאָמיר אויספּרובען אויף זיך, צו דער מענש קאָן זיך בעגעהן מיט זיין לעבען, ווי

ער וויל, אָדער עס איז דאָ פֿון פֿריהער אַ בעשערטע מינוט פֿיר יעדען פֿון אונז און אָהן צייט איז קיין צייט? — ווער וויל?

— איך ניט! איך ניט! — האָט זיך געלאָזט הערען פֿון אַלע זייטען: — וואָס איהם קאָן איינפֿאַלען!..

— איך לייג פֿאָר געהן אין געוועט, — האָב איך געזאָגט אין געלאָכטער.

— וואָס פֿיר אַ געוועט?

— איך זאָג, עס איז ניט דאָ קיין פֿאָרבעשטימונג, — האָב איך געאַנטוואָרטעט, ארויסשיטענדיג אויפֿ'ן טיש צוואַנציג דוקאַטען — גאָר דאָס געלד וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך.

— גוט, איך געה אין געוועט! — האָט געזאָגט וואוליטש מיט אַ פֿערשטיקטע שטימע: — מאַיאָר, איהר וועט זיין צווישען אונז דער ריכטער, היער איז פֿונפֿצעהן דוקאַטען, פֿינף זייד איהר מיר שולדיג, טהועט מיר די פֿריינדשאַפֿט און לעגט צו צו די פֿונפֿצעהן.

— גוט, — האָט געזאָגט דער מאַיאָר: — איך פֿערשטעהע אָבער ניט אין וואָס בעשטעהט דאָס געוועט און ווי וועט איהר ענטשיידען, ווער עס האָט רעכט און ווער ניט?

וואוליטש האָט אַ וואָרט ניט גערעדט און אריינגעגאַנגען אין מאַיאָר'ס שלאָפֿצימער.

מיר זיינען איהם נאָכגעגאַנגען. ער איז צו־געגאַנגען צו דער וואַנד, אויף וועלכער עס איז געהאַנגען פערשיעדענע געוועהר און האָט אַראָבגענומען טרעפענדיג איינע פון די פיסטאָלען. מיר האָבען נאָך איהם ניט פער־שטאַנען, אָבער ווי ער האָט אָבגעדרעהט דעם האָהנדעל פון דער פיסטאָלע און אָנ־געשאָטען פולווער, האָבען פיעלע פון אונז, ניט ווילענדיג, געטהאָן אַ געשריי און איהם געחאַפּט פיר די האַנד.

וואָס ווילסט דו טהאָן? האָר, דאָס איז דאָך אַ משוגעת, אַ וואַהנזיניגקייט! — האָבען זיי צו איהם געשריען.

— מיינע העררען! — האָט ער רוהיג גע־זאָגט, אַרויסרייסענדיג זיינע האַנד: — ווער וויל בעצאָהלען פיר מיך צוואַנציג דוקאַטען?

אַלע האָבען געשוויעגען.

וואָליטש איז אַרוים אין צווייטען צימער און האָט זיך געזעטצט ביים טיש. אַלע זיינען נאָך איהם נאָכגעגאַנגען. ער האָט אונז געגעבען אַ ווינק מיר זאָלען זיך זעטצען אַרום טיש. גאָר ניט רעדענדיג האָבען מיר געטהאָן ווי ער האָט געהייסען: אין דיעזער מינוט האָט ער בעקומען איבער אונז אַגע־היימניספאָלע מאַכט. איך האָב איהם אַריינ־געקוקט טיעף אין די אויגען, אָבער ער האָט מיין פאָרשענדען בליק בעגעגענט מיט רוהיגע אונבעוועגליכע אויגען, און זיינע בלייכע

ליפּען האָבען געשמייכעלט. אָבער אָבוואָהל ער איז געוועזען קאַלטבלוטיג, האָט זיך מיר דאָך געדאַכט, דאָס איך זעהע אויף זיין בלייכען געזיכט דען זיעגעל פֿון טויד. איך האָב בעמערקט, זײַן ־יעלע אַלטע אָפּיציערען האָבען אין דעם אײַנגעשטימט, דאָס אויף דעם געזיכט פֿונ׳ם מענשען, וואָס דאַרף אין עטליכע שטונדען אַרום שטאַרבען, ליעגט אָפּט אײַין אונבעגרייפֿליכער שטעמפּעל פֿון דעם שיקזאַל, וואָס עס איז שוין ניט אוים צומיידען, זאָ, דאָס פֿיר ערפֿאַהרענע געניטע אויגען איז שווער אין דעם אײַין אירטהום צו האָבען.

— איהר וועט היינט שטאַרבען! — האָב איך איהם געזאָגט.

ער האָט זיך האַסטיג אומגעקעהרט צו מיר, אָבער ער האָט מיר געאַנטוואָרטעט:

— פֿיעללייכט יע, פֿיעללייכט ניין.. נאַכהער האָט ער זיך געווענדט צום מאַיאָר מיט דער פֿראַגע, אויב די פּיסטאָלע איז אָנגעלאָדען? — דער מאַיאָר האָט אַליין אויך אויף ריכטיג ניט געוואוסט.

— זאָל שוין אָבער זיין גענוג, וואוליטש! — האָט איינער אויסגעשריען: — געוויס איז זי אָנגעלאָדען ווען זי איז געהאַנגען צו קאָפּען. וואָס איז דאָס פֿיר אַ לוסט צו מאַכען שפּאַס!..

— אַ נאַרישער שפּאַס! — האָט זיך נאָך איינער אָנגעהאַפּט.

— איך שטעל פֿונפֿציג רובל געגען פֿינף, דאָס די פּיסטאָלע איז ניט געלאָדען! — האָט אַ דריטער אַ געשריי געטהאָן.

מאָן איז ווידער געגאַנגען אין געוועט.

מיר איז דיעז. לאַנגע צערעמאָניע לאַנג־ווייליג געוואָרען.

— האָרט נאָר, — האָב איך געזאָגט: — אָדער ערשיעסט אַייך, אָדער האָנגט אויף צוריק די פּיסטאָלע אויף איהר אָרט, און מיר וועלען געהן שלאָפֿען.

— עס פֿערשטעהט זיך, — האָבען פֿיעלע אויסגעשריען: — לאָמיר געהן שלאָפֿען.

— מיינע הערען, איך בעט אייך, בלייבט אויף די אָרטער! — האָט וואוליטש געזאָגט צושטעלענדיג די לאָך פֿון פּיסטאָלע צום שטערען.

אַלע זיינען געבליעבען ווי פֿערשטיינערט.

— הערר פעטשאָרין, — האָט ער וויטער געזאָגט: — נעהמט אַ קאָרט און גיעט אַ וואָרף אין דער הויך.

איך האָב גענומען פֿון טיש, ווי היינט געדענק איך, אַ טויז רויטהע און אַ וואָרף געטהאָן אין דער הויך. ביי אַלעמען האָט זיך אָבגעשטעלט דער אַטהעם; אַלע אויגען, פֿול מיט פֿורכט און איינע אונבעשטימטע נייגיערדע, זיינען געלאָפֿען פֿון דער פּיסטאָלע צו דער קאָרטע, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם אַראָבגעלאָזען, זיך דרעהענדיג אין דער לופֿט.

אין דער מינוט ווי דער טויז האָט בעריהרט דעם טיש, האָט וואוליטש אָבגעלאָזען דעם האָהנדעל... עס האָט אָבער ניט אויסגעשאָסען!

— גאָטט זיי דאַנק! — האבען פיעלע אויס־געשריען: — ניט אָנגעלאָדען...

— לאָמיר, פון דעסט וועגען זעהען, — האָט געזאָגט וואוליטש. — ער האט ווידער אָנגעשטעלט דעם האָהנדעל, און זיך געציעלט אין אַ היטעל, וואס איז געהאנגען איבער דעם פענסטער. עס האָט דערלאַנגט אַ שאָס... דאָס צימער איז פול געווארען מיט רויך. בשעת עס איז פערנאַנדערגעגאַנגען דער רויך, האט מאָן אַראָבגענומען די היטעל: זי איז געוועזען דורכגעלאָכערט אין רעכטען מיטען, אונ די קויהל איז אריין טיעף אין וואַנד...

אַמינוטען דריי האָט קיינער ניט געקאָנט אַ וואָרט אויסרעדען. וואוליטש האָט זיך גאַנץ רוהיג אריינגעשאטען מיינע דוקאַטען צו זיך אין ביימעל.

מאָן האָט גענומען רעדען, וואָרום די פיסטאָלע האָט צום ערשטען מאל ניט אויס־געשאָסען. איינינע האָבען געזאָגט, דאָס די פאַן איז מסתמא ניט געוועזען ריין. אַנדערע האָבען געמורמעלט אין דער שטיל, דאס פריהער איז די פולווער געוועזען נאַסע אונ נאָכהער האָט וואוליטש צוגעשאָטען פרישע טרוקענע. מיין מיינונג איז געוועזען, דאָס

די לעטצטע אורזאַכע קאָן ניט זיין, ווייל איך בין געשטאַנען די גאַנצע צייט נעבען וואוליטש אונ האָב פון איהם איין אויג ניט אַראָבגעלאָזען.

— איהר האָט גליק אין שפּיעל! — האָב איך געזאָגט צו וואוליטש...

— דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען, — האָט ער געאַנטוואָרטעט מיט אַ צופריעדענען שמייכעל: — דאָס איז בעסער ווי באַנק אונ שטאָס.

— דאַפיר אָבער עטוואָס געפאָהרליכער.

— נו וואס? יעטצט גלויבט איהר שוין אין פאָרבעשטימונג?

— איך גלויב, אָבער יעטצט פערשטעהע איך ניט, ווארום האָט זיך מיר געדאַכט, דאָס איהר מוזט היינט ניט אַנדערש שטאַרבען.

דערזעלבער מאַן, וואָס האָט גאָר ניט לאַנג אַזוי רוהיג צוגעלייגט די פיסטאָלע צום שטערען, איז יעטצט מיט אַמאָל געוואָרען רויטה אונ אויפגערעגט.

— אָבער גענוג שוין! — האָט ער געזאָגט, אויפשטעהענדיג: — אונזער געוועט האָבען מיר געענדיגט, אונ יעטצט, דאַכט מיר, זיינען אייערע ווערטער גאָר איבעריג...

ער האָט גענומען די מיטץ אונ אַוועקגעגאַנגען. מיר איז דאָס ניט געפאָלען — אונ ניט אומזיסט.

באלד זיינען אַלע פאַנאַנדערגעגאַנגען צו

זיך אין די קוואַרטיערען, רעדענדיג אויף פֿערשיעדענע אַרטען וועגען וואוליטשים ווילדע איינפֿאַלען, אונ אַלע האָבען, וואַהרשיינליך, מיך אָנגערופֿען עגאָאיסט, ווייל איך בין געגאַנגען אין געוועט מיט אַ מענשען, וואָס האָט זיך געוואָלט שיעסען, אַזוי ווי אָהן מיך, וואָלט ער ניט געפֿונען קיין אנדערע געלעגענהייט דאָס צו טהאָן.

איך בין געגאַנגען צוריק אַ היים דורך די שטילע גאָסלאַך פֿון דער סטאַניצע. די לבנה, אַ גאַנצע אונ אַ רויטהע, ווי דער פֿלאַם פֿון אַ שרפֿה, האָט זיך גענומען ווייזען פֿון הינטער דעם געזיכטסקרייז פֿון די הייזער. די שטערען האָבען רוהיג געשיינט אויף דעם דונקעלבלאָען געוואָלב, אונ מיר איז געוואָרען לאָכערליך, ווי איך האָב מיך עראינערט, דאָס אַמאָל זייען געוועזען גאַנץ קלוגע לייט, וואָס האָבען געמיינט, דאָס די הימלישע ליכטער נעהמען אַנטהייל, מישען זיך אַריין אין אונזערע נאַרישע קריעג איבער אַ ברעקעל ערד, אָדער איבער אַנדערע פרעטענזיאָנען. וואָס אָבער זעהען מיר? דיעזע לאָמפּען, וואָס מאָן האָט נאָך זייער מיינונג אָנגעצונדען נאר צו בעלייכטען זייערע קריעג אונ זייערע טריאומפֿען, ברענען נאָך ביז יעטצט, אַזוי ליכטיג ווי פֿריהער, אונ זייערע ליידענשאַפֿטען אונ האָפֿנונגען זייען לאַנג פֿערלאָשען צוגלייך מיט זיי, אַזוי ווי אַ פֿייערל, וואָס

דער נאַכלאָסיגער דורכגעהער צינדט אָן אין עק וואַלד! אָבער דאַפֿיר וואָס פֿיר אַקראַפֿט האָט זיי צוגעגעבען דער גלויבען, דאס דער גאַנצער הימעל מיט אַלע זיינע אונצאָהליגע איינוואָהנער קוקט שטאָנדיג אויף זיי און אינטערעסירט זיך מיט זיי, אָבוואָהל ער האָט עס זיי קיינמאָל ניט געזאָגט... אבער מיר, זייערע ניכטיגע, בעדויערנס ווערטהע אייניקלאַך וואָס שנאָרען ארום איבער דער וועלט אָהן איבערציינגונגען, אָהן פֿערגעניגען און אָהן פֿורכט, אויסער יענע פֿורכט וואָס דריקט אונז ניט ווילענדיג דאָס הערץ, ביי דעם געדאַנקען פֿונ'ם אונאויסמיידליכען טויט — מיר זייען ניט פֿאָהיג אויף גרויסע אָפּפֿער ניט פֿיר דאָס וואָהל פֿון דער מענשהייט, אונ ניט אַפֿילו פֿיר אונזער אייגענעם גליק, ווייל מיר ווייסען, דאָס קיין גליק איז ניט דאָ אונ איז ניט מאָגליך אויף דער וועלט. מיר געהען גלייכגילטיג אַריבער פֿון איין צווייפֿעל צום אַנדערען, אַזוי ווי די פֿאָרצייטיגע מענשען האָבען זיך פֿון איין אירטהום געוואָרפֿען אין דען אַנדערען, נאָר מיט דעם אונטערשיעד, וואָס מיר האָבען ניט, אַזוי ווי זיי, ניט קיין האָפֿנונג אונ ניט אפֿילו יענען אונבעשטימטען, אבער שטאַרקען פֿערגניגען, וואָס די זעעלע געפֿינדט אין יעדער שטרייט מיט מענשען אָדער מיט'ם שיקזאַל...

און נאָך פֿיעל אנדערע אַזעלכֿע געדאַנקען זייען דורכֿגעלאָפֿען ביי מיר אים קאָפּ. איך האָב זיי לאַנג ניט אויפֿגעהאַלטען אים זינען ווייל איך ליעב זיך ניט אָבצושטעלען אויף געדאַנקען וואָס זייען ניט פֿערבונדען מיט'ם פּראַקטישען לעבען. וואס ווערד דערפֿון?.. אין מיין ערשטען יוגענד בין איך געוועזען אַ פֿהאַנטאַזיערער. איך האָב ליעב געהאַט צו בעטראַכֿטען די בילדער, — אַמאָל פֿינסטערע, און טרויעריגע, אַמאָל שטראַהלענדע און פֿראֶהליכֿע, — וואס עס האָט מיר געמאָלט די אונרוהיגע און גיעריגע פֿהאַנטאַזיע, אָבער וואָס איז מיר פֿון דעם געבליעבען?— ניט מעהר ווי איינע אונדייטליכֿע עראינערונג פֿול מיט פֿערדרוס. אין דיעזעם אומזיסטען שטרייט האָב איך אוועקגעלעגט די היטץ פֿון דער זעעלע און די געזעטצטקייט, וועלכֿע זייען נאָטהיג פֿיר דאָסווירקליכֿען לעבען. איך האָב אַריינגעטראָטען אין דיעזעם ווירקליכֿע לעבען נאָכֿדעם ווי איך האָב עס שוין איבערגעלעבט אין געדאַנקען, און עס איז מיר געוואָרען לאַנגווייליג און ניט גוט, אַזוי ווי עס ווערד ניט גוט, בשעת מאָן לעזט אַ שלעכֿטע איבערזעטצונג פֿון אַ בוך, וואָס עס איז אונז שוין לאנג בעקאַנט.

די געשיכטע פון דיזעם אבענד האט אויף מיך געמאכט זעהר א טיעפען איינדרוק און צערייצט מיינע נערווען. איך ווייס ניט צו איך גלויב יעטצט אין א פארבעשטימונג אדער ניין, אבער אין דיזעם אבענד האב איך אין דעם פעסט געגלויבט. דער בעוויז האט געשטאכען די אויגען, און אבוואהל איך האב געלאכט פון אונזערע אורעלטערען מיט זייערע שטערענזעהעריי, דעננאך האב איך ניט ווילענדיג גענומען געהן מיט זייער וועג. אבער איך בין אין דער צייט אראב־געגאנגען פון דיזעם געפאהרליכען וועג. האלטענדיג פיר א רעגעל, קיין זאך ניט אבצולייקענען ענטשיעדען, בעשטימט, און קיין זאך ניט צו גלויבען בלינד, האב איך גענומען קוקען ביי זיך אונטער די פיס.... און דיזע פארזיכטיגקייט איז געווען גאר ניט איבעריג: איך בין שיער ניט געפאלען, ארויפטרעטענדיג אויף א גראבע און א ווייכע זאך, אבער ניט קיין לעבעדיגע, ווי עס האט אויסגעזעהען. איך בייג זיך איין — די לבנה האט שוין געשיינט אופ'ן וועג — און וואס מיינט איהר האב איך בעמערקט? — א שוויין, איבערגעהאקט אין צווייען מיט א שווערד... קוים וואס איך האב צייט גע־האט איהם צו בעקוקען, ווי איך האב פער־נומען א גערויש פון טריט: צוויי קאזאקען זיינען געלאפען פון גאסעל. איינער איז צי־

געגאנגען צו מיר און געפֿרעגט, אויב איך האָב ניט געזעהען אַ שיכּורען קאָזאַק, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך אַ שווייַן? — איך האָב ערקלערט, דאָס דעם קאָזאַק האָב איך ניט בעגעגענט און אָנגעוויעזען, אויף דאָס אונגליקליכע אָפּפער פֿון זיין ווילדע דרייס־טיגקייט.

— דאָס איז אַ ביסעל אַ מאָרדער! — האָט געזאָגט דער צווייטער קאָזאַק: — טרינקט ער זיך אָן מיט טשיהיר, דאַמאָלס האַקט ער אַלץ וואָס ער טרעפֿט נאָר אָן. קום, יערע־מייאיטש; מאָן דאַרף איהם חאַפּען און בינ־דען, אויב ניט...

זיי זיינען ווייטער געגאַנגען און איך האָב פֿאָרטגעזעטצט מיין וועג מיט מעהר פֿאָר־זיכטיגקייט. ענדליך בין איך גליקליך געקומען אין קווארטיער.

איך האָב געוואָהנט ביי איין אַלטען אוריאַדניק, וועלכען איך האָב געליעבט פֿיר זיין גוטען כאַראַקטער, נאָך מעהר פֿיר זיין שאָנע טאָכטער נאַסטיאַ.

ווי געוואָהנליך, האָט זי מיך ערוואַרטעט נעבען פֿאָרטעלע, איינגעהילעט אין אַ פעל־צעל. די לבנה האָט בעלויכטען איהרע ליעבע ליפּעלאַך וואָס זיינען בלאָ געוואָרען פֿון די נאַכטליכע קאָלט. ווי זי האָט מיך ערקענט, האָט זי אַ שמייכעל געטהאָן, אָבער ניט זי איז מיר דאַמאָלס אין זינען געלעגען.

— „אַ גוטע נאַכט, נאַסטיאַ!“ — האָב איך גע־זאָגט, פאָרבייגעהענד. זי האָט געוואָלט עטוואָס אַנטוואָרטען, אָבער זי האָט נאָר געזייפצעט.

איך האָב פערמאַכט די טהיר פון מיין צימער, אָנגעצונדען אַ ליכט און גלייך גע־גאַנגען צו בעט, אָבער ד'יעס מאָל האָב איך לאַנג לאָנגער ווי געוואָהנליך, ניט געקאָנט איינשלאָפען. ווען איך האָב ענדליך איינ־געשלאָפען, האָט שוין גענומען טאָגען, אָבער ווי עס וויייזט אויס, איז אָנגעשריעבען גע־געוואָרען אין הימעל, דאָס איך וועל זיך אין דיעזער נאַכט ניט אויסשלאָפען. אום פיער אוהר אין דער פריה האָבען אַפּאָאָר געזונדע האַנד גענומען קלאַפען ביי מיר אין פענסטער. איך האָב זיך אויפגעהאַפּט און געפראָגט, וואָס איז דאָרט? — „שטעהע אויף, טהוע זיך אָן!“ — האָבען געשריען עטליכע שטימען. איך האָב זיך שנעל אָנגעטהאָן און אַרויס־געגאַנגען.

— ווייסט דו וואָס עס האָט געטראָפען? — האָבען צו מיר געזאָגט אין איין שטימע דריי אָפיציערען, וואָס זיינען געקומען מיך רופען און זיינען געוועזען בלייך, ווי דער טויד.

— וואָס?

— וואוליטש איז ערמאָרדעט.

איך בין געבליעבען שטעהען ווי אַ האָלץ.

— יע, ערמאָרדעט! — האָבען זיי ווידער געזאָגט: — לאָמיר שנעלער געהן.

— וואוהין ?

— מיר וועלען דיר זאָגען געהענדיג.

מיר האָבען גענומען געהן. די אָפיציע־רען האָבען מיר ערצאָהלט אַלץ וואָס האָט פּאַסירט מיט וואוליטש, דער צו נאָך מיט זייערע אָנמערקונגען פון דער וואונדערבאַרען פּאָרבעשטימונג, וואָס האָט גערעטעט וואו־ליטשין פון אַ געוויסען טויד אַ האַלבע שטונדע פאַר דעם, איידער מאָן האָט איהם ערמאָר־דעט. וואוליטש איז געגאַנגען אַליין דורך די פינסטערע גאַס. מיט אַמאָל טרעפט איהם אָן דער שיכורער קאָזאַק, וואָס האָט איבער־געהאַקט דאָס שוויין. און עס קאָן זיין, דאָס ער וואָלט פאָרבייגעהן און איהם ניט בע־מערקען, ווען וואוליטש וואָלט זיך פלוטצלינג ניט אָבגעשטעלט און געזאָגט: „ווערמען, ברודערל, זוכסט דו?״ — „דיך״ — האָט איהם געאַנטוואָרטעט דער קאָזאַק און געגעבען אַזעטץ מיט׳ם שווערד, כמעט איבערהאַקענ־דיג איהם אויף צוויי טהייל פונ׳ם אַכסעל ביז דעם הערצען. צוויי קאָזאַקען, וואָס האָבען מיך בעגעגענט און וואָס האָבען גע־היט די טריט פונ׳ם מאָרדער, זיינען געקומען צו לויפען און אויפגעהויבען דעם פערוואונ־דעטען, אָבער ער האָט שוין קוים געאָטּ־העמט; ער האָט נאָר געקאָנט זאָגען: „ער האָט רעכט!״ — מעהר ווי איך האָב ניט פער־שטאַנען די בעדייטונג פון דיעזע וואָרטער.

ער האָט געמיינט מיך. איך האָב אונגערן פּאָראוים געזאָגט דעם אונגליקליכען זיין שיק־זאַל. מיין געפיהל האָט מיך ניט גענאַרט: איך האָב ריכטיג געלעזען אויף זיין געאָנ־דערטען געזיכט דען זיעגעל פון׳ם נאָהענטען טויד.

דער מאָרדער האָט זיך פערשפּאַרט אין אַ לעדיגע שטוב, אין עק סטאַניצע. מיר זיינען אַוועג אַהין. פיעלע פרויען זיינען גע־לאָפען מיט אַ געוויין אויך אַהין. צייטענוויז איז אַרויסגעשפּרונגען אין גאַס אַ קאָזאַק וואָס האָט זיך פערשפּאָטיגט, און לויפענדיג זיך צוגעשפּילעט זיין קינזשאַל און אונז איבער־געיאָגט. דער טומול איז געוועזען שרעקליך גרויס.

ענדליך, זיינען מיר געקומען. מיר זעהען: די שטוב איז טהיר און לאָדען פערמאַכט פון אינעווייניג און אַרום שטעהט אַ געזאָמעל מענשען. אָפיציערען און קאָזאַקען רעדען מיט היטץ צווישען זיך; פרויען יאָמערן, וויינען מיט ביטערע טרעהרען. צווישען זיי האָט זיך מיר געוואָרפען אין די אויגען איין אויסדריק־ליכעס געזיכט פון איין אַלטע פרוי, אויף וועלכעס עס איז געלעגען איינע שרעקליכע פערצווייפלונג. זי איז געזעסען אויף אַ גראָבע קלאָטץ, אָנשפּאַרענדיג זיך מיט די עלענ־בויגען אויף די קניע און מיט די האָנד אונטערהאַלטענדיג דען קאָפּ. דאָס איז גע־

ווענן דעם מאַר דער׳ם מוטער איהרע ליפּען האָבען זיך פֿון צייט צו צייט בעוועגט: האָט זי געבעטען גאָט אָדער זי האָט געשאָלטען? — דאָס וויים איך ניט.

אונטער דעסען האָט מאָן זיך בעדאַרפֿט אויף וואָס עס איז בעשליעסען און חאַפּען דעם פֿערברעכער. קיינער האָט אָבער ניט געוואַגט צו זיין דער ערשטער.

איך בין צוגעגאַנגען צום פֿענסטער און זיך איינגעקוקט אין שפּאַלט פֿון לאָדען: ער איז געלעגען אַ בלייכער אויף דר׳ערד, האַל־טענד אין דער רעכטען האַנד אַ פּיסטאָלע. דאָס פֿערבלוטיגטע שווערד איז געלעגען ביי איהם נעבען זייט. זיינע אויסדריקליכע אויגען האָבען זיך שרעקליך געדרעהט אין אַלע זייטען. צייטענווייז האָט ער גענומען שוידערן און זיך חאַפּען פֿיר׳ן קאָפּ, אַזוי ווי ערמאָהנענדיג זיך וואָס געשעהן איז געוועזען. איך האָב אין זיין אונרוהיגען בליק ניט בעמערקט קיין גרויסע ענטשלאָסענהייט, דאָס ער זאָל זיין פֿערטיג אויף אַלץ, און האָב געפֿרעגט דעם מאַיאָר, ווארום הייסט ער ניט די קאָזאַקען אויסברעכען די טהיר און אַריין אַהין, ווייל עס איז גלייכער געוועזען דאָס צו טהאָן יעטצט איידער שפּעטער, ווען ער וועט זיך אין גאַנצען אויסניכטערן.

אין דיזער צייט איז איין אַלטער יע־סאַאול צוגעגאַנגען צו די טהיר און האָט

איהם אָנגערופען מיט'ם נאָמען. יענער האָט זיך אָבגערופען.

— דו האָסט זיך פערזינדיגט, — ברודער יעפימיטש, — האָט געזאָגט דער יעסאַאול, — פערפאַלען, גיעב זיך אונטער!

— איך וועל זיך ניט אונטערגעבען! — האָט געאַנטוואָרטעט דער קאַזאַק.

— האָב מורא פאַר גאָטט! דו ביזט דאָך ניט קיין פערפלוכטער טשעטשענעץ, נאָר איין עהרליכער כריסט. ווען דאָס אונגליק האָט דיך שוין פערדרעהט, איז דאָך פער־פאַלען: דו וועסט דיין שיקזאַל ניט אויסמיי־דען!

— איך וועל זיך ניט אונטערגעבען! — האָט באַז אַ געשריי געטאָהן דער קאַזאַק, און עס האָט זיך געהערט ווי עס האָט אַ קלונג געטהאָן דער האָהנדעל פון'ם פיסטויל.

— איי, מומינקע! — האָט דער יעסאַאול זיך געווענדט צו דער אַלטע: — רעד דו מיט דיין זוהן. פיעללייכט וועט ער דיר פאָלגען... ער טהועט דאָך נאָר גאָטט אויף להכעים. דו זעהסט, דאָס די לייטע וואַר־טען שוין צוויי שטונדען.

די אַלטע האָט אויף איהם אָנגעשטעלט די אויגען און געשאָקעלט מיט'ם קאָפּ.

— וואסילי פעטראָוויטש, — האָט געזאָגט דער יעסאַאול, צוגעהענדיג צום מאַיאָר: — ער וועט זיך ניט אונטערגעבען, איך קען

איהם שוין, און ווען מאָן זאָל די טהיר אויסברעכען, וועט ער פיעלע פון אונז אויס־מאָרדען. צו וועט איהר בעסער ניט הייסען איהם דערשיעסען: דאָרט אין לאָדען איז דאָ אַ ברייטער שפּאַלט?

אין דיעזער מינוט איז מיר אַיינגעפאַלען אַ ווילדער געדאַנקען: עס האָט זיך מיר פער־וואָלט פּרובען מזל אַזוי ווי וואוליטש.

— וואַרט נאָר, — האָב איך געזאָגט צום מאַיאָר: — איך וועל איהם נעהמען אַ לעבע־דיגען.

איך האָב געהייסען דעם יעסאַאול מאַ־כען מיט איהם אַ רעד און האָב אַוועגגע־שטעלט ביי דער טהיר דריי קאָזאַקען, וואָס זיינען בערייט געוועזען אויף מיין געשריי אויסצוברעכען די טהיר און קומען צו מיר צו הילפע. נאָכהער בין איך געגאַנגען אַרום די שטוב און צוגעגאַנגען צו דעם שרעקליכען פענסטער. מיין הערץ האָט שטאַרק געקלאַפּט.

— אַך, דו פערפלוכטער! — האָט צום קאָזאַק געשריען דער יעסאַאול: — דו לאַכסט פון אונז, וואָס? אָדער דו מיינסט, מיר וועלען דיר ניט בייקומען? — ער האָט גע־נומען מיט אַלע קראַפטען קלאַפּען אין טהיר, איך האָב צוגעלעגט איין אויג צום שפּאַלט און בעטראַכט די בעוועגונגען פון׳ם קאָזאַק, וואָס האָט פון דיעזער זייט ניט געוואַרט קיין בעפעל: מיט אַ מאָל האָב איך אָבגעריסען

דעם לאָרען און אַריינגעשפּרונגען מיטים קאָפּ אַראָב. עס האָט דערלאַנגט אַ שאָס האַרט איבער מיין אויעהר, די קויהל האָט אָבגע־ריסען ביי מיר איין עפּאָלעט; אָבער דער רויך, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס צימער, האָט געשטאָרט מיין געגנער צו געפינען דאָס שווערט, וואָס איז געלעגען נעבען איהם. איך האָב איהם אָנגעחאַפּט פיר די האַנד, קאָזאַקען זיינען אַריין אין שטוב און עס האָט ניט גע־דויערט קיין דריי מינוט, ווי מאַן האָט דעם מאָרדער געבונדען און אַוועגגעפיהרט מיט אַ קאָנוואָי. דאָס פאָלק איז פערנאַנדערגע־גאַנגען; די אָפיציערען האָבען מיך גראַטו־לירט — און עס איז ווירקליך געוועזען גענוג אוריאַכע צו גראַטולירען.

נאָך די אַלע זאַכען ווי ווערד מאַן, דאַכט זיך, ניט קיין פאַטאַליסט? ... דאָך ליעב איך אין אַלצדינג צו צווייפלען און דיעזע נייגונג שטאָרט גאָר ניט צו איין ענטשלאָסענען דרייסטען כאַראַקטער. אים געגענטהייל, וואָס מיך אָנבעלאַנגט, זאָ געהע איך אימער מיט מעהר דרייסט פאָראויס, ווען איך וויים ניט, וואָס עס ערוואַרטעט מיך. שלעכטער ווי דער טויד וועט דאָך ניט זיין, און דעם טויד קאָן מאָן ניט אויסמיידען.

א. פרץ.

דער וואראבייציק:

ערצאהלונג פון א. פרעסס.

אויפ'ן הינטערשטען הויף האט זיך געלעבט א וואראבייציק. זיין נעסט איז געוועזען אונטער'ן דאך פון דעם פערד-שטאל נאר אם ליעבסטען פלעגט ער פערברייגגען זיין צייט אויפ'ם מיסט=קאסטען. דארט פלעגט ער געפינען א גוטען מיטאג און א געמיטליכע געזעללשאפט. אינדערפריה פלעגען דארט קומען די היהנער און פלעגען אנהייבען זייער געוועהנליכע פלוידעריי, טא וועגען וועטער, טא וועגען דעם, וויא דער הונד „באַרבאָס" האט זיך צוקריגט מיט דער קאץ, און וועגען נאך אזעלכע וויכטיגע זאכען. און ווען עס פלעגט זיך נאך אמאל טרעפען אז צו דער שכנ'טעס קאבין פלעגט קומען א סאלדאט צו גאסט, פלעגען זיך שוין אויסשיטען אלע ניין מאס רייד.

— וואס, איהר זיינט שוין ווידער דא, בערײדערקעס! — פלעגט פלוצלונג א געשריי געבען אויף זיי דער האהן, ארויפקריעכענדיג מיט שטאלץ אויף א גרויסער קופע מיסט.

ער האָט זיך געווענדט צום גרויסען קאָמער וואָס איז דאָ רוהיג געזעסען אויף איין איבערגעקעהרטער פאָמויניצע.

— דאָס איז שוין איין אַלטע מעשה — באַמערקט מיט גאוה דער קאָטער — היהנער קאָנען זיך ניט באַגעהן אָן בעריידעריי — און דערביי באלעקט ער זיך מיט פערגעני־גען, טראַכטענדיג: „דאָס איז ניט אַזוי, ווי איך מיט'ן האָהן, — אונז אינטערעסירט נאָר די פּאָליטיק!"

דעם אמת זאָגענדיג, פלעגט דער וואָראבייציק ווינציג פארשטייהן, אַז דער קאָטער פלעגט אָנהייבען צו דערוויייזען מיט ראיות, אַז עס איז שוין לאַנג צייט אַרומ־צוטרייבען די קאָבין (פארשטייהט איהר מיך, זיא האָט זיך געמאַכט אַ מאָדע צו געבען איהם ווינציגער פלייש) און דעם באָק, וואָס לעבט צוזאַמען מיט די פערד אין שטאַל, דאַרף מען מעהר גאָר ניט אַריינלאָזען אין הויף (ער האָט אַ מאָל מכבד געוועזען דעם קאָטער מיט אַ שטויס, וואָס ער געדיינקט איהם נאָך ביז יעצט), נאָר דאָך פלעגט דער וואָראָבייציק צוהאָרען אַלע אַזעלכע דבורים מיט יראת הכבוד, און דעם קאָטער בפרט פלעגט ער הויך שאָצען פאַר זיינע שאַרפע נאָגעל.

— נו, רבי קאָטער! — פלעגט זאָגען

דער האָהן — וואָס האָרט זיך עפּעס יעצט מיט דיא מייז ?

— הם !... עס איז שוין אַ לאַנגע צייט אַז איך האָב זיך מיט זיי ניט בעשעפֿטיגט — פֿלעגט ענטפֿערען דער קאָטער מיט שמאָלץ. פֿונ'ם פֿענסטער פֿון שטאַל האָט זיך בעוויזען אַ פֿערדעשע קאָפּ. דאָס איז געוועזען זייער אַ גרויסע שקאַפּע, און אַז זי זאָל וועלען וואָלט זי געקאָנט מאַכען אַ תל ניט נאָר פֿון דער גאַנצער קופּע מיסט, נאָר אַפילו פֿון דעם קוטשער אליין אויך: נאָר די חברה פֿון מיסט-קאַסטען פֿלעגען אימער פֿון איהר מאַכען חוזק. וואָרום ווער ווייס דאָס ניט אַז אַ שקאַפּע איז בעשאַפֿען געוואָרען נאָר כדי אַלע זאָלען אויף איהר פֿאָהרען רייטענ-דיג.....

— טשיק-טשיק-טשיק — זאָגט דער וואָראָ-בייציק — אָט דאָס זיינען גבורים! אָט דאָס זיינען לייט!

— אמת! — האָט אַ שאָקעל געגעבען מיט'ן קאָפּ די שקאַפּע.

— אמת, אמת! — האָט אונטער געברומט דער מיסט-זשוק.

אויף דיעזע ווערטער איז געקומען דער דוואָרניק און האָט געבראַכט איין עמער מיט מיסט.

— אַשקיץ! — האָט ער אַ געשריי געגע-בען אויף זיי. דער קאָטער האָט אַ שפרונג געטאָהן און איז פֿלינק אַרויף אויפֿ'ן דאַך,

די היהנער זיינען פֿאַנאַנדערגעלאָפֿען אין אַלע זייטען, דער האָהן האָט זיך אָבגע־שטעלט פֿון דערוויטען, האָט אַ שאָקעל געטאָהן מיט די פֿליגעל און האָט אַ געשריי געטאָהן: קו-קו-רע-קו. אין פֿענסטער פֿון קיך האָט זיך בעוויזען די קאָכין און אויפֿ'ן מיסט-קאַסטען איז פּלוצלונג געוואָרען שטיל, אַזוי ווי זיי וואָלטען אַלע אויסגעשטאָרבען...

איינמאָל אין מיט'ן זומער איז געווען אַ שיינער טאָג, אַזוי אַז עטליכע שטראַהלען פֿון דער זוהן האָבען זיך אַריינגעגאַנבעט דורכ'ן טהויער צום דונקעלען ווינקעל פֿונ'ם מיסט קאַסטען. דער וואָראָבייציק האָט זיך פֿראָהליך געקוויטשעט און איז אַרומגע־שפּרונגען אויף דער קופּשע פֿון מיסט. פּלוצלונג איז אַהין אַריינגעלאָפֿען אַ שוואַלב זי האָט דערזעהן דעם וואָראָבייציק און זאָגט צו איהם:

וואָס שפּרינגסט דו דאָ אַרום, מיין פֿייגעלע! זעה, וואָס פֿאַר אַ שיינעם טאָג גאָט האָט געגעבען, ווי די ליעבע זון לייכט אינ'ם פֿרייהליכען הימעל!... פֿליה מיט מיר צוזאַמען און איך וועל דיר ווייזען פּראַכטפֿאָללע געגענדען און אַנדערע לאָנדער!

— סיידען עס זיינען נאָך דאָ אַנדערע לענדער? — האָט זיך געוואונדערט דער וואָראָבייציק.

— און נאָך וועלכע! — האָט געאַנטפֿערט די שוואַלב. און זיי האָבען זיך אויפֿגעהויבען הויך פֿון דער ערד. זיי זיינען געפֿלויגען איבער גאָלדענע קופּאָלן פֿון דיא שטעטיגע קירכען, און איבער שטרויענע דאַכער פֿון די דאָרפֿעשע הייזלאַך, איבער גרינע פֿעלדער, וואָס זיינען געווען באַפּוצט מיט זילבערנע טייכעלעך, איבער פּיכטען וועלדער, אין וועלכע עס האָבען אָפֿטער געבלישטשעט די פֿייערלאַך פֿון די האָלץ העקער.

לאַנג זיינען זיי אַזוי געפֿלויגען, ביז דיא שוואַלב האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף אַ דאַך פֿון אַ שייער.

— אָט דאָס איז מיין היים — האָט זי געזאָגט צו דעם וואָראָבייציק זעה, ווי שיין דאָ איז! —

דער וואָראָבייציק האָט זיך אַרומגעזעהען: אַ קאָרענפֿעלד, בעלויכטען פֿון די זונען-שטראַהלען האָט געפֿינקעלט מיט הויכע גאָלדענע זאַנגען. אַ שטילער ליבינקער ווינטעלע האָט אַרום זיי געבלאָזען און זיי האָבען זיך פֿון צאָרטליכקייט גענייגט איינער צום אַנדערן און האָבען עפּעס צווישען זיך געמורמעלט.

אינ׳ם העל-בלאָען הימעל האָבען געשוועבט איבער זיי מאַסען פֿייגעלאַך אונ האָבען געזונגען זייערע זיסע פֿראַהליכע ליעדעלאַך. צווישען די זאַנגען האָבען אַרויסגעקוקט אַזוי וויא שעמעדיגערהייד די

בלאָע קאָפּאָלאַך פֿון די קאָרנבלומען. און פיעל פֿאַרביגע מאָטילקעס פֿלעגען אָפֿט קומען צו פֿליעהען אָברוהען זיך אויף זיי. עס איז געווען אַ נחת צו קוקען ארום און אַרום. פֿון ווייטען האָט מען געזעהן וויא יונגע דאָרף מאָדכען האָבען געשניטען זאנגען און האָבען זיי געבונדן אין גאַרבען. פֿון צייט צוא צייט פֿלעגט איינע פֿון זיי פֿאַרזינגען אַ פֿאָלקס ליעד און איהר ריינע זילבערנע פֿרויענשטימע פֿלעגט קלינגען מונטער און פֿריי.... די הונדערט-יאָהריגע בוימער פֿון דעם נאָהנטען וואלד פֿלעגען אויפֿמערקזאם צוהאָרען דיעזע ליע-דעלע, און עס פֿלעגט זיך דאַכטען, דאָס זיי פֿאַרגעסען זייער אָלטער....

די גאַנצע געגענד איז געווען פֿול מיט זונען-שיין און יעדער לעבעדיגער נפש האָט געקוואָלען פֿונ׳ם לעבען און פֿון דער פֿרייהייט...

— יע, דאָ איז אפֿילו ניט שלעכט — האָט געזאָגט דער וואָראָבייציק, אָבער דאָך ניט אַזוי גוט, וויא דאָרטען אויפֿ׳ן מיסט-קאַסטען....

עמיל זאָלא.

דער מבול.

מיין נאָמען איז לואי רוביע. איך בין אַלט זיעבציג יאָהר און בין אַ געבאָרענער פון דאָרף סען-זשאָרי, עטליכע מייל פון טולוזע, ביים אָנפאַנג פונ'ם טייך גאַראָננע. אין פערלויף פון פיערצעהן יאָהר האָב איך געלעבט אין גרויס נויטה. ענדליך האָט זיך מיין שטאַנד פערבעסערט, און גאָר ניט לאַנג בין איך נאָך געוועזען דער רייכסטער פערמער אין געגענד. ביי אונז אים הויז האָט גערוהט די מזל ברכה. דאָס גליק איז פון אונז ניט אָבגעטראָטען; די זונן האָט אונז געהיט ווי אַ ליבליכע שוועסטער, און איך געדענק ניט, דאָס אויף אונזערע פעלדער זאל ווען עס איז ניט זיין געראָטהען. אונזער גאַנצע פאַמיליע איז בעשטאַנען פון גליקליכע מענשען. איך בין נאָך געוועזען גענוג שטאַרק און פלעג פיהרען די קינדער

צו דער אַרבייט. אויסער מיר איז געוועזען מיין יונגערער ברודער פּיער, איין אַלטער בחור, אַ געוועזענער אונטער-אָפיציער. נאָך איהם — מיין שוועסטער אַגאַטע, וואָס האָט זיך אַריבערגעקליעבען צו אונז נאָך איהר מאַנ׳ס טויד און איז געוועזען ביי אונז די ווירטהין — אַ הויבע, אַ קרעפטיגע און אַ פראֶהליכע פרוי; איהר הילכיגער געלאֶכטער פלעגט זיך הערען עק דאָרף.

נאָך אונז, אֶלטערע דריי, איז געגאַנגען אַ וואַהרער נעסט פון קינדער עניקלאך און אור-עניקלאַך: — מיין זון זשאַק, זיין ווייב און זיינע דריי טאָכטער: עממע, ווערוֹניקע און מאַרי. די ערשטע פון זיי איז געוועזען פערהייראַטהעט מיט קיפּריאַן בואיסאָן, אַ געזונדער קערל, פון וועמען זי האָט געהאַט צוויי קליינע קינדער, אֵיינעם פון צוויי יאָהר און נאָך אֵיינעם פון צעהן מאָנאַטען. די אַנדערע איז נאָר וואָס פערלאָבט געוואָרען מיט האַספּאַר ראַביוטאָ. די דריטע די יונגסטע איז געוועזען אַ פריילין, אַ ווייסינקע, מיט בלאָנדע האֶרעלאַך, גאָר ווי אַ שטאָדטיגע. אַלע צוזאַמען איז דאָס אַרעבענונג פון צעהן מענשין.

ביים טיש פלעגט מיין שוועסטער אַגאַטע זיטצען ביי מיר פון דער רעכטער האַנד און מיין ברודער פּיער פון דער לינקער. די קינדער זיינען געזעסען אין אַ קרייז אַרום

און אַרום, נאָך די יאָהרען נאָך, אַ צייל קאָפּ, קלענער, און קלענער, ביז דעם צעהנמאָנאַטיגען, וואָס האָט געגעסען זופּ ווי אַ גרויסער. דער נעסט האָט איבער הויפּט ליעב געהאַט אַריינצועסען. און ווי פֿראַהליך, לעבעדיג עס איז געוועזען ביים עסען! שטאָלץ און פֿריידע האָבען זיך ערוועקט אין מיין האַרץ, בשעת די קליינינקע פֿלעגען אויסשטעלען זייערע האָנדליך און שרייען: — זיידע, גיעב מיר ברויד!.. זיידע, נאָך אַשטיקעל ברויד!

דאָס איז געוועזען אַפּראַכטפֿאָלע צייט! אונזער פֿערמע האָט פֿלייסיג געאַרבעט. יעדער האָט געטהאָן זיין זאַך. אין אָבענד פֿלעגט פֿיער אויסדענקען פֿערשיעדענע שפּיעל, ערצאַהלען סאָלדאַטסקע געשיכטען. די טאַנטע אַגאַטע פֿלעגט אַלע זונטאָג מאַכען פֿיר די קליינע קינדער לאַדקעס. מאַרי האָט געזונגען קירכענליעדער מיט איהר קינדישע שטימעלע. מיט איהרע לאַנגע האָאָר ביז די אַכסלען, מיט איהרע האָנטעלאַך, וואָס זי פֿלעגט האַלטען צוזאַמענגעלייגט אויף דעם פֿאַרטוך, האָט זי אויסגעזעהן ווי אַ הייליגע. בשעת עממע האָט געהייראַטהעט מיט קיפּריאַנען, איז ביי מיר געבליעבען אויסצובויען אַ צווייטען שטאָק, און איך פֿלעג זאָגען אין געלאָכטער, דאָס נאָך ווראָניקעס האָכצייט, וועט אויסקומען צו בויען אַ דריי-

טען שמאַק; אַלזאָ, מען זאָל אַזוי בעגעהן נאָך יעדע נייע האָכצייט, ווערט נאָך אונזער הויז אַמאָל ערגרייכען ביז אין הימעל אַריין. מיר האָבען זיך ניט געוואָלט פאַנאַנדערשייד דען. ווענן אַ פאַמיליע לעבט צווישען זיך פריינדליך, איז אַנגענעהם אויסצולעבען די יאָהרען און צושטאַרבען אין דעם זעלבען אָרט, וואו מען איז אויסגעוואַכסען!

אין דיעזעם יאָהר איז דער מאָנאַט מיי געוועזען אַ פּראַכטפאָלער; ווי עס האָט אויסגעזעהן, איז שוין לאַנג ניט געוועזען אַזאַ געראָטהענער יאָהר. פונקט אין יענער צייט בין איך מיט מיין זוהן זשאַק געפאָהרען בעקוקען די פעלדער. אונזערע לאָנקעס אויפ'ם ברעג גאַראָנגע זיינען נאָך געוועזען צאָרטליך גרין, די גראָז איז געוועזען דריי פוס הויך, און די ווידע בוימער, וואָס מען האָט געפלאַנצט דאָס פאָריגע יאָהר, זיינען שוין דייטליך אויסגעוואַכסען. פון דאַנען זיינע מיר אַוועק געגאַנגען בעקוקען דעם קאָרען און די וויינגאָרטנער. וועלכע זיינען געוועזען אין רעכטען בליהען, און האָבען געגעבען די בעסטע האָפנונגען. זשאַק האָט גוטמוטיג געלאַכט און מיר אַ קלאַפּ געטהאָן אין רוקען:

— נו וואָס זאָגסט דו, פאָטער, עס ווערט אונז קיין וויין און קיין ברויד ניט פעהלען, אַ? עס מוז זיין אַז גאָטט האָט אונז ליעב,

אַז ער רעגענט אויף אונזערע פֿעלדער מיט גאָלד?

אָפֿט פֿלעגען מיר זיך לוסטיג מאַכען איבער אונזערע אַמאָליגע אַרמוטה. זשאַק איז גערעכט געוועזען, איך האָב געמוזט בעקומען חן ביי דעם איבערשטען, וואָרום ביי אונז פֿלעגט אימער געראָטהען.

אויב עס איז וועז אַרויסגעפֿאַלען אַ האָגעל, פֿלעגט ער זיך אָבשטעלען פונקט נעבען אונזערע פֿעלדער, און וויוטער ניט געהן. ווען ביי די נאַכבאַרען האָבען געקראַנקט די וויינגערטנער, האָט זיך אַרום אונז אַזוי ווי אויפֿגעשטעלט אַוואָהלטהאָטיגע שיידע וואַנד. און עס האָט זיך מיר גענומען דאַכטען, דאָס עס דאַרף אזוי זיין. איך האָב געמיינט, דאָס עס קומט מיר אַזאַ גליק דער פֿאַר אַליין שוין, וואָס איך טהוע קיין שלעכטעס ניט.

צוריק פֿאָהרענדיג האָבען מיר בעזוכט אונזערע פֿעלדער, וואָס זיינען געלעגען אויף יענעם זייט דאָרף. די מוילבעער בוימער, וואָס מען האָט דאָרט ניט לאַנג פערפֿלאַנצט, האָבען זיך גוט צוגענומען. אויף די מאַנדעל-בוימער זיינען שוין געוועזען פֿיעל פֿרוכטע. מיר האָבען פֿראָהליך געפּלוידערט און געמאַכט פֿערשיעדענע פּלאָנער. אַז מיר וועלען האָבען איבעריגע געלד, וועלען מיר צוקויפֿען די פֿעלדער וואָס גרענעצען זיך מיט אונזערע, און מיר וועלען ווערען אייגענ-

טהימער פֿונ'ם גאַנצען ווינקעל. די איינקינפֿ־
טע פֿון דיזעם יאָהר, ווען עס וועט זיך נאָר
ענדיגען, ווי עס ווייזט אויס, וועלען אונז
געבען די מאָגליכקייט אונזערע פּלענער אויס
צופֿיהרען.

צוגעהענדיג נאָהענטער צו אונזער וואָה־
נונג, האָבען מיר דערזעהען ראָזען, וואָס
האָט אונז פֿון וויטען געוואונקען און גע־
שריען:

— געהט אַמאָל גיכער! שנעלער אַביסעל!

איינע פֿון אונזערע קיה האָט זיך נאָר
וואָס אָבגעקאָלבט. אַלע זיינען אַרוים אויפֿ'ן
הויף. די טאַנטע אַגאַטע האָט ווי גרויס זי
איז געשמייעט. די מיידכענ'ס האָבען געקוקט
אויף דאָס נייגעבאָרענע קאָלב. די געבורט
פֿון דיזעם טהיער האָבען מיר אָנגענומען
פֿיר אַנייע ברכה פֿון גאָטט. קורצליך פֿאַר
דעם האָבען מיר פֿערגראָסערט די צאָהל פֿון
אונזערע רינד פֿיה, און מיר האָבען געהאַט
ביז הונדערט קיה, זעהר פֿיעל שאָף, אויסער
פֿערד.

— אָט דאָס איז אַ מזלדיגער טאָג! —
האָב איך אויסגעשריען: — ביי נאַכט מאַכען
מיר ליידיג אַ פֿלאָשעל וויין.

ווי מיר זיינען דאָ אַזוי געשטאַנען, האָט
אונז ראָזע אָבגעפֿיהרט אָן אַ זייט און מיטגע־
טהיילט, דאָס האַספּאַר, ווערראָניקעס ברויטי־
גאַם, איז געקומען אָברעדען, ווען עס זאָל

זיין די האָבּצייט. זי האָט איהם געלאַדען צו מיטטאָג. האספּאַר, דער אָלטסטער זוהן פון'ם פערמער מאַראַנשיי, אַ יונגער מענש פון אַ יאָהר צוואַנציג, איז בעוואוסט געווע־זען אין געגענד פיר איין אונגעוואָהנליך שטאַרקען יונג; אין איין פייערטאַג האָט ער אין טולוזע איינגענומען און געזיעגט מאַר־סיאַלען, דעם „לייב" פון זיד פראַנקרייך. ביי דעם איז ער געווען אַ גאַנץ גוטער, און דער צו אַ שעמענדיגער: ער פלעגט ווערען רויט פון יעדען וועראָניקעס בליק.

—נו מיין קינד'—האָב איך צו איהם געזאָגט,—דו ביזט געקומען, מאָן זאָל בע־שטימען אַ טאָג?

—יאַ, צוליעב דעם בין איך געקומען, אָנקעל רוביע—האָט ער געאַנטוואָרטעט און געוואָרען רויטה.

—רויטה איז דאָ ניט דאָ פון וואָס צו ווערען,—האָב איך ווייטער געזאָגט:—אויב דו ביזט צופריעדען, וויל איך בעשטי־מען דעם צעהענטין יולי, דעם טאָג פון דער הייליגער פעליציטע. מיין אַרמע זעליגע פרוי האָט געהייסען פעליציטע, און דיעזער טאָג וועט אייך ברייננגען גליק... נו ביזט דו צופריעדען?

—יאַ, אָנקעל רוביע.

דיעזער בראַווער יונג איז געוועזען שטערב־ליך פערליעבט אין וועראָניקע. ער האָט

אונז זעלבסט אויסגעזאָגט, דאָס ער וואָלט קראַנק געוואָרען, ווען מיר וואָלטען איהם ענטזאַגט.

— יעטצט, — האָב איך ווידער געזאָגט: — בלייבסט דו דאָך ביי אונז אויף מיטטאָג, טו וואָס גיבער צום טיש! איך בין שרעקליך הונגעריג!

דיעס מאָל זיינען מיר געזעסען ביים טיש צוזאַמען עלף מאַן. האַספּאַר איז די גאַנצע צייט געזעסען נעבען וועראָניקע, און אַלץ געקוקט אויף איהר. ער איז געוועזען אַזוי אויפגערעגט, דאָס ער האָט פערגעסען אָן זיין טעלער. אין די אויגען איז איהם געשטאַנען טרעהרען. קיפּריאַן און עממע, ביי וועלכע עס איז נאָר געוועזען דריי יאָהר נאָך דער האָכצייט, האָבען געשמייכעלט. זשאַק און ראָזע, וואָס זיינען שוין געוועזען פערהייראַטהעט גאַנצע פינפאונצוואַנציג יאָהר, האָבען זיך געהאַלטען מעהר ערנסט, און דעננאָך האָבען זיי שטילערהייד אויך געקוקט איינער אויף דעם אַנדערען מיט פייכטע אויגען, פון ליעבע און צאָרטליכקייט. וואָס מיך אָנבעלאַנגט, האָב איך ווי צוריק אָבגעלעבט אין די ביידע פערליעבטע; זייער גליק האָט אונז אַלעמען ביים טיש געאָפּענט אַ ווינקעלע פון פּאַראַדיעז. וואָס פיר אַ פּראַכט־פּאָלע זופּע מיר האָבען דיעזען אָבענד געגעסען! איך האָב אַרויפגעטראָגען פון קעלער

צווי פּלאָשלאַך אַלטע וויין. מיר האָבען געטרונקען פיר האַספּאַר און וועראָניקעס גליק, נאַכהער האָט מאָן געזונגען. האַספּאַר האָט געקאָנט פיעלע פאָלקס-ליעבעליעדער. ענדליך האָט מען געבעטען מאַרי זינגען אַ קירכליעד. זי איז אויפגעשטאַנען פון שטוהל, איהר שטימעלע איז געוועזען אַ דינינקע ווי אַ פייפעלע און אַנגענעהם צו הערען.

אין דער זעלבען צייט בין איך צוגעגאַנגען צום פענסטער. האַספּאַר איז מיר נאָכגעגאַנגען, און איך האָב איהם געפראָגט, אויב עס גיעבט עטוואָס ניט ביי זיי קיין נייעס.

— ניין, — האָט ער געאַנטוואָרטעט, — מאָן רעדט נאָר וועגען די שטאַרקע רעגענס וואָס זיינען געוועזען די טאָג, און מאָן זאָגט, דאָס זיי וועלען אָנמאַכען אונגליקען.

עס איז ווירקליך געגאַנגען אַ רעגען אָהן איין אויפהאָר דריי טאָג נאָך אַנאַנד. די גאַראָנגע איז פון געסטערן אָן גראָסער געוואָרען, אָבער מיר האָבען זיך דאַריבער ניט געקימערט, זאָ לאַנג זי איז ניט אַרויס פון די ברעגען, האָבען מיר איהר ניט געהאַלטען פיר אַ שלעכטע נאַכבאַרין. זי האָט אונז אַזוי פיעל טובות געטאָהן!

אָ! — האָב איך אויסגעשריען, קוועטשענדיג מיט די פּלייצעס, — עס וועט גאָר נישט ניט זיין. אַלע יאָהר איז דאָס זעלבע:

דער טייך ווערד אָנגעבלאָזען, ווי אין גרים צאָרען, און אין איין נאַכט ווערד ער ווידער שטיל און רוהיג ווי איין שאָפּעלע. אָט דו וועסט זעהען, דאָס יעטצט וועט זיך אויך ענדי= גען מיט גאָרניט··· זעה נאָר, וואָס פיר אַ הערליכע וועטער עס איז!

איך האָב איהם אָנגעוויעזען מיט דער האַנד אויפ'ן הימעל. עס איז געוועזען זיעבען אוהר, די זונן האָט געהאַלטען אין אונטערגעהען. אַה, וואָס פיר אַ בלאָער הימעל עס איז געוועזען! איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געזעהען, דער דאָרף זאָל איינשלאָפען אין אַזאַ זאַנפטע רוהיגקייט.

דאָס איז געוועזען איין אָבענד פון אַ שיי= נעם טאָג. מיר האָט זיך געדאַכט, דאָס אונזער גאַנצעס גליק — דאָס גערעטהענעס פון די פעלדער, די גליקליכע פאַמיליע, ווערגאָניקעם תנאים, — שיינט זיך דורך אין דעם אָבענדליכען דורכזיכטיגען ליכט. עס איז געוואָרען נאַכט, און מיט איהר איז אויף אונז אַראָב גאָטטס ברכה.

באַלד בין איך אַוועק פונ'ם פענסטער און צוגעגאַנגען צו די איבעריגע. אונזערע מאַדכענס האָבען צווישען זיך געשפּראָכען. מיר האָבען זיך צוגעהערט און געשמייכעלט. מיט אַמאָל, אין מיטען דער פאָלקאָמענע ליעבע שטילהייט, איז אַרוים פון דאָרף אַ שרעקליכע געשריי:

אויף אַ שטרעקע פֿון פֿינף הונדערט מעטער, אַ צייל הויכֿע פּאַפּעלבוימער, וואָס שניידען דורך די לאַנקעס, האָבען דעם טייך אין גאַנצען פֿערשטעלט. מיר האָבען קיין זאַך ניט בעמערקט.

אונטערדעסען האָט מאָן ניט אויפֿגעהערט צו שרייען;

— גאַראָננע! גאַראָנע!

פֿלוטצלונג זיינען האַרט נעבען אונז אויף דער שטראַסע פֿארבייגעלאָפֿען צוויי מאַנס־פֿערזאָן און דריי פֿרויען; איינע פֿון זיי האָט געהאַלטען אויף די האַנד אַ קינד: זיי האָבען דאָס אַזוי געשריען, לויפֿענדיג ווי ווייט זיי האָבען געקאָנט. צייטענווייז האָבען זיי זיך אומגעקעהרט, געקוקט אַהינטער מיט געאָנ־דערטע געזיכֿטער, אַזוי ווי אַ סטאַדע וואָלף וואָלט זיי נאָכגעיאָגט.

— וואָס איז דאָרט מיט זיי? — האָט גע־פֿראָגט קיפּריאַן: — איהר זעהעט דען עטוואָס, זיידע?

— ניין, איך זעה גאָר ניט, — האָב איך געזאָגט: — אַפֿילו די בלעטער בעוועגען זיך ניט.

אין טהאָל איז ווירקליך געוועזען גאַנץ רוהיג; אָבער איידער איך האָב דאָס נאָך אויסגערעדט, האָבען מיר אַלע געטהאָן אַ געשריי. הינטער די מענשען וואָס זיינען גע־לאָפֿען צווישען די בוימער אונ איבער די

ווייכע גראָז, איז נאָכגעפלויגען ווי אַ סטאַדע געלב־שאַרע טהיערען. מיט איין מאָל פון אַלע זייטען, איין וועלל נאָך דער אַנדערען האָבען זיך אויסגעריסען גאַנצע מאַסען וואַסער, וואָס האָבען געשפריטצט מיט ווייסע שאַם און געטרייסעלט די ערד מיט זייער ברומען און דומפּפען גערויש.

יעטצט האָבען מיר שוין געשריען אין פערצווייפלונג:

— גאַראָננע! גאַראָננע!

די צוויי מאָנער און די דריי פרויען זיינען אימער געלאָפען איבער'ן וועג. דאָס שרעק־ליכע ברומען האָט זיי נאָכגעיאָגט. יעטצט זיינען די וועלען געפלויגען אין איין רייסענ־דען גוס, מיט אַזאַ לאַרם, ווי אַגאַנצער באַ־טאַליאָן וואָלט שיסען. מיט דעם ערשטען אָנשטויס האָבען זיי צובראָכען דריי פאַפּעל־בוימער; אַ שטיבעלע פון ברעטער איז פער־שלונגען געוואָרען. וואָגען און פוהרען האָט דער וואַסער אַוועקגעטראָגען, ווי שטיקלאַך שטרויה. אָבער, ווי עס האָט אויסגעזעהען, זיינען די וועלען מעהר געוועזען בּאַז געגען די מענשען, וואָס זיינען פון זיי געלאָפען. אין איין אָרט, וואו די וועג איז געגאַנגען באַרג אַראָב, האָבען זיך די וועלען פאַנאַנ־דערגעגאָסען, און זיי ניט געלאָזען געהן ניט ווייטער נים הין; אָבער זיי זיינען פאָרט ווייטער געלאָפען, האָבען געשפרונגען מיט

איבערנאַטירליכֿע קראַפֿטען, און מעהר שוין ניט געשריען: זיי זיינען פֿון שרעק פֿון זינען אַראָב. זיי זיינען געגאַנגען אין וואַסער ביז די קניע. אַ שרעקליכֿע וועלע האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף די פֿרוי מיט'ם קינד — און אַלעם איז פֿערשלונגען געוואָרען...

— גיכֿער, לאָמיר גיכֿער אַריין אַהיים. אונזער הויז איז אַ פֿעסטע, ניט דאָ וואָס מורא צו האָבען. — אוים פֿאָרזיכֿטיגקייט, זיינען מיר אַלע גלייך אַרויף אויפֿ'ן צווייטען שטאָק. פֿריהער האָט מען געלאָזען געהן די מאַדכֿענס. איך האָב אַנדערם ניט געוואָלט געהן צום לעטצטען. אונזער הויז איז געשטאַנען אויף אַ בערגעל, אין דער הויך. אין הויף איז אָנגעגאַנגען וואַסער; אָבער שטילערהייד, אָהן לאַרם.

מיר האָבען זיך ניט שטאַרק געשראָקען.

— וואָס איז דאָ? — האָט געזאָגט זשאַק, צו שטאַרקען ביי אונז דעם מוטה, —

עם וועט גאָר ניט זיין דער פֿון!.. איהר געדיינקט, פֿאָטער, אין 55-טען יאָהר איז אויך געוועזען וואַסער אין הויף; זי איז דערגאַנגען ביז אַ פֿוס די הויך, און צוריק אָבגעפֿאַלען.

— דעננאָך איז דאָס ניט אַנגענעהם פֿיר די פֿעלדער, האָט מיט אַ האַלבע שטימע געזאָגט קיפּריאַן.

— ניין, ניין, עס וועט קיין שאָדען ניט

זיין, — האָב איך געזאָגט, זעהענדיג די ערשראָקענע אויגען פֿון די מאֶדכֿענס.

עממע האָט ביידע קינדער שלאָפֿען געלייגט ביי זיך אין בעט, און זיך געזעטצטביים צוקאָפּען, צוזאַמען מיט וועראָניקע און מאַרי. די טאַנטע אַגאַטע האָט פֿאָרגעלייגט אָנצוּוואַרמען די וויין וואָס זי האָט געבראַכֿט, אום אונז פֿראֶהליך און מונטער צו מאַכֿען. זשאַק און ראָזע האָבען געקוקט אין פֿענסטער. איך מיט מיין ברודער קיפּריאַן און האַספֿאַר זיינען געשטאַנען נעבען צווייטען פֿענסטער.

— געהט דאָך ארויף, — האָב איך אַגעשריי געטהאָן צו אונזערע צוויי דיענסט מאֶדכֿענס וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען אין הויף, — געהט, אויב איהר ווילט ניט פֿערנעטצען די פֿים ביז די קניע.

— אָבער ווי לאָזט מען די בהמות? — האָבען זיי געפֿראֶגט, — זיי האָבען פֿורכֿט, און עס וועט ווערען אַ געשלאֶג צווישען זיי.

— עס מאַכֿט ניט אוים, מיר וועלען זעהען וואָס שפּאֶטער וועט זיין...

צו רעטען די בהמות איז אונמאֶגליך געוועזען, אין פֿאַל, אויב דאָס אונגליק זאָל זיך שטאַרקער פֿאַנאַנדערשפּיעלען; איך האָב ניט געהאַלטען פֿיר נוטצליך איינצושרעקען אונזערע מענשען. איך האָב זיך געפֿלייסט צו ווייזען דאָס איך בין גאָר רוהיג. אָנגעשפּאַרט אָן

פֿענסטער, האָב איך געפּלוידערט, ערקלאָרט די קראַפֿט פֿונ׳ם געוויסער. דער טייך, וואָס א׳ז מיט אַשטורם אָנגעפֿאַלען אויפ׳ן דאָרף, האָט איהם פֿערטרונקען אין אַלע ווינקעלאַך. דאָס איז ניט געוועזען איין אָנשטויס פֿון איינציגע וועלען, נאָר אַ פֿערפֿלייצונג, וואָס איז געוואָרען אימער גראָסער און גראָסער, און וואָס עס איז אונמאָגליך געוועזען אָבצוהאַלטען.

דער טהאָל, אין וועלכעם עס איז געלעגען סען-זשאָרי, איז געוואָרען איין אָזערע. ביי אונז אין הויף איז באַלד געוואָרען דער וואַסער הויך ביז אַ מעטער. איך האָב געזעהען, ווי ער ווערד האָכער; אָבער איך האָב פֿערזיכערט, דאָס ער שטעהט אויף איין אָרט, און האָב זאָגאַר איבערצייגט, דאָס ער ווערד ניעדריגער.

— אָט וועסט דו, מיין קינד, מוזען ביי אונז נאַכטען, — האָב איך געזאָגט, זיך ווענדענד צו הספאַר, — ווען נאָר די וועג וועט ניט פֿריי ווערען אין עטליכע שטונדען ארום... דאָס איז זעהר מאָגליך.

ער האָט אויף מיר אַ קוק געגעבען, ניט זאָגענדיג איין וואָרט. ער איז געוואָרען בלאַס ווי לייוואַנד, און איך האָב בעמערקט, ווי ער האָט געווענדט די אויגען מיט איין אויסדריקליכען שמערץ אויף וועראָניקע.

עס איז געוועזען אום האַלב ניין. אינ

דר׳אויסען איז נאָך געוועזען ליכֿטיג; אָבער עס איז עפּעס געוועזען אַטרויעריגע ליכֿטיגקייט, און דער הימעל איז געוועזען דונקעל. אַרויפֿגעהענדיג צו אונז, זיינען די דיענסטמאֵדכען געפֿאַלען אויף אַ קלוגען געדאַנקען, מיט צו נעהמען צוויי לאָמפּען. איך האָב געהייסען זיי אָנצינדען אין דער האָפֿנונג, דאָס די ליכטיגקייט וועט אונז אַביסעל פֿראֵהליכֿער מאַכֿען.

די טאַנטע אַגאַטע האָט אַרויסגערוקט דעם טיש אויפֿ׳ן מיטען צימער און פֿאָרגעלייגט מאָן זאָל שפּיעלען אין קאָרטען. די גוטע פֿרוי, האָט מעהר ווי אַלֶץ געמיינט, פֿראֵהליך צו מאַכֿען די קינדער; זי אַליין האָט ניט פֿערלאָרען דעם מוטה. זי האָט געמאַכֿט שפּאַס, אום צו פֿערטרייבען דעם שרעקען, וואָס האָט זיך גענאָהנט צו אונז. מאָן האָט גענומען שפּיעלען. די טאַנטע אַגאַטע האָט מיט געוואַלט אַוועקגעזעטצט ביים טיש עממע, וועראָניקע און מאַרי. זי האָט זיי געגעבען אין האַנד קאָרטען, זי האָט זיך אַליין אַזוי פֿערטיעפֿט אין שפּיעל, האָט געטאַשט דו קאָרטען, אַראָבגענומען, פֿאַנאַנדערגעטהיילט, און דער ביי אַזוי פֿיעל גערעדט, דאָס מאָן האָט כמעט ניט געהאֵרט דאָס רוישען פֿונ׳ם וואַסער. אָבער אונזערע מאֵדכֿען האָבען זיך ניט געקאָנט צערשטרייען. זיי זיינען געזעסען בלייבֿע, די האָנד האָבען

ביי זיי געציטערט, און זיי האָבען זיך אָנגע־
שטרענגט צו האָרען, וואָס עס טהועט זיך
אין דר׳אויסען.

יעדע מינוט האָט די שפּיעל זיך
אָבגעשטעלט. ווער עס איז פון זיי האָט זיך
געווענדט צו מיר און שטילערהייד געפראָגט:

— וואָס, זיידע, עס קומט צו וואַסער?

די וואַסער איז צוגעקומען שרעקליך
געשווינד, אָבער איך האָב געלאַכט און
געאַנטוואָרטעט:

— גאָר ניט, גאָר ניט, שפּיעלט, עס איז
קיין געפאַהר.

מיר איז געקומען אויפ׳ן געדאַנקען אונזערע
ווינטער אָבענדען, וואָהרענד מיר פלעגען צו־
זאַמענקומען ארום דיעזען טיש. די געזעל־
שאַפט איז געוועזען די זעלבע, די זעלבע
הייסע פריינדשאַפט האָט אונז צוגעבונדען
איינעם צו דעם אַנדערען. און אין דער צייט,
וואָס צווישען אונז האָבען געהערשט רוהע
און פריעדען, האָב איך ביי מיר פון הינטען
געהאָרט דאָס ברומען פון דעם גרויזאַמען
טייך, וואָס איז אימער געוואָרען גראָבער
און גראָסער.

— לואי, — האָט געזאָגט צו מיר מיין
ברודער פּיער, — די וואַסער איז שוין אויף
דריי פוס פון אונזער פענסטער. מאָן דאַרף
זיך עפּעס געבען איין עצה.

איך האָב איהם אַדריק געגעבען די

האַנד, ער זאָל שווייגען. אָבער עס איז שוין אונמאָגליך געוועזען צו פערבאָרגען די גע-פאַהר. די בהמות אין די שטאַהלען האָבען זיך געראַנגעלט אויף טויט. מיט אמאָל האָט אויסגעבראָכען אַ יאָמערליכע מעקעריי פון אַ צושראָקענע סטאַדע. די פערד האָבען גע-נומען הירזען מיט אַזאַ קראַפט, וואָס זיי טהוען געוואָהנליך, ווען זיי פיהלען אַ געפאַהר.

אַלע פרויען זיינען אויפגעשפרונגען פון זייערע אָרטער, און עס איז שווער געוועזען זיי ניט צו לאָזען צו די פענסטער. זיי זיינען געבליעבען שטעהן ווי שטומע; די האָאָר האָט זיך זיי געשטעלט קאַפּויר פון שרעק. עס האָט אָנגעפאַנגען צו ווערען פינסטער. דער בלאַסער הימעל האָט אויסגעזעהן, ווי אַ ווייסער לאַקען, וואָס מען האָט אַראָבגע-וואָרפען אויף די ערד. פון ווייטען האָט זיך געזעהן, ווי עס הויבען זיך אויף וואָלקענס, און אַלצדינג איז געוואָרען פערצוויגען.

— מיין גאָט! מיין גאָט! — האָבען אין דער שטיל וויעדערהאָלט אַלע פרויען, אַזוי ווי זיי וואָלטען פורכט געהאַט צו רעדען הויך. אַ שרעקליכער קלאַפּ האָט איבערגע-האַקט זייערע רייד. די ווילד צושראָקענע בהמות האָבען אויסגעבראָכען אין שטאַהל די טהירען; זיי זיינען אַריינגעשפּרונגען אין די געלבע וועלען און זיינען אַוועק מיטן שטראָם. גאַנצע סטאַדעס שאָפסען זייען געפלויגען,

ווי אַראָבגעפֿאַלענע בלאָטער, זיך איבער־קעהרענדיג און דרעהענדיג אויף אַלע זייטען, אין דעם קאָכיגען, רייסענדען וואַסער. קיה, און פֿערד האָבען זיך גראַנגעלט מיט׳ן שטראָם, זיינען געגאַנגען, געגאַנגען און גע־פֿאַלען. לאַנגער ווי אַלע האָט זיך געמאַ־טערט אונזער גראָער פֿערד. ער האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערסטע פֿיס, האָט אויסגעצויגען די האַלז און געאָטהעמט ווי אַ בלאָז־זאַק פֿון אַשמיעד. אָבער דער פֿאַנאַנ־דערגעקאָכטער וואַסער האָט איהם פֿער־פֿלייצט פֿון הינטען, און מיר האָבען געזעהען ווי ער איז אָהן קראָפֿטען געפֿאַלען און ער־טרונקען געוואָרען. — דאַן האָבען מיר ניט ווילענדיג אַ געשריי געטהאָן. דאָס איז גע־וועזען דער ערשטער געשריי, וואָס האָט זיך פֿון זיך אַליין, אַרויסגעריסען ביי אונז פֿון הערצען. מיר האָבען ניט געקאָנט מעהר זיך איינהאַלטען און ניט שרייען. די האָנד אויסגעשטרעקט צו אונזערע ליעבע הויז טהיערען, וואָס זיינען פֿון אונז אַוועגגעגאַנגען, האָבען מיר אַלע צוזאַמען זיי בעוויינט, מיט זיפֿצען און אָכצען, מיט יאָמער און קלאָג, אַזוי ווי מיר וואָלטען זיך פֿריהער צוזאַמענ־געריעדט.

אָה, דאָס איז געוועזען אַ פֿאָלקאָמענער חורבן! די פֿעלדער־פֿערפֿאַלען, די בהמות־ערטרונקען, דאָס גליק האָט זיך אין עטליכע

שטונדען איבערגעדרעהט! האָט ביי אונז אַלצדינג אַוועקגענומען. איך האָב געשפּראָכען פון אונזער נאַכמיטטאָגדיגען שפּאַציער, פון די גראָז פעלדער, פון די געטריידע פעלדער, וויינגאָרטנער, וואָס האָבען אונז אַזוי פיעל פערשפּראָכען. איז דאָס אַלץ געוועזען אַ בעטרוג? דאָס גליק איז קיין גליק ניט געוועזען. די זון האָט ליגען געזאָגט, וואָהרענד זי איז אַזוי שטיל און רוהיג אונטערגעגאַנגען אין דעם העלען אָבענד.

דער וואַסער איז אַלץ געוואָרען גראָסער. פיער, וואָס האָט עס נאָכגעקוקט, האָט צו מיר אַ געשריי געטהאָן:

— זיי פאָרזיכטיג, לואי, דער וואַסער ערגרייכט שוין ביז דעם פענסטער!

— דיעזע וואַרנונג האָט אונז אויפגעוועקט פון אונזער פערצווייפלונג. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, און קוועטשענד מיט די פּלייצעס געזאָגט:

— געלד האָט קיין ווערטה ניט. זאָ לאַנג מיר זיינען אַלע צוזאַמען, איז ניט דאָ וואָס צו בעדויערן. זאָלען מיר נאָר זיך נעהמען צו דער אַרבייט.

— יע, פאָטער, איהר האָט רעכט, — האָט זשאַק מיט היטץ בעמערקט: — אונז שטעהט ניט פאָר קיין געפאַהר. די וואָנד זיינען פעסטע... לאָמיר אַרויפקריעכען אויפ'ן דאַך.

קיין אַנדער אָרט האָבען מיר שוין ניט געהאַט וואו זיך צו רעטען. דער וואַסער האָט פערטרונקען די טרעפּ און מיט לאַרם און שטורם שוין גענומען זיך שפּאַרען אין טהיר. מיר האָבען זיך אַוואָרף געטהאָן אויפ'ן בוידעם, ניט אויף אַמינוט אָבטרעטענדיג איינער פון דעם אַנדערען, הויל צוליעב דעם, ווייל מיר האָבען געפיהלט, דאָס מיר דאַרפען זיין צוזאַמען אין דער צייט פון געפאַהר. אָבער קיפּריאַן איז ערגעץ פערשוואונדען געוואָרען. איך האָב איהם צוגערופען, און ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען פון די זייטיגע צימערן, האָב איך בעמערקט, דאָס ער איז טויט בלייך. דאָ האָב איך מיך אַרומגעזעהען, דאָס עס פעהלען אונזערע צוויי דיענסטמאַדכען. איך האָב געוואָלט אויפציעהען ביז זיי וועלען קומען, אָבער קיפּריאַן האָט אויף מיר געגעבען אַזאַ ווילדען קוק און געזאָגט אין דער שטיל:

— זיי זיינען פערטרונקען געוואָרען...
אַווינקעל פון שייער אונטער זייער צימער איז איינגעפאַלען...

די אָרעמע מאַדכענס זייען געגאַנגען אַרויסנעהמען פון די קופערטען זייערע צוזויפגעקליעבענע געלד. קיפּריאַן האָט מיר שטילערהייד ערצאָהלט, דאָס זיי האָבען אין די בענאַכבאַרטע געביידע אַריבערגעוואָרפען אַלייטער, און זייען אויף איהם אַריבער ווי איבער אַ בריק. איך האָב איהם געראַטהען

ער זאָל וועגען דעם גאָר ניט רעדען. אַשווידער איז מיר דורכגעלאָפען דורכ'ן נאַקען, דער טויט איז שוין אַריין צו אונז אין הויז. בשעת מיר זייען אַרויפגעגאַנגען אין דער הויך, איז שוין אין צימער געוועזען אויף אַ פּוס וואַסער. מיר האָבען אַפילו זיך די מיהע ניט גענומען צו פערלאָשען די לאָמפּען. די קאָרטען זיינען געבליעבען אויסגעלייגט אויפ'ן טיש.

צום גליק, איז דער דאַך געוועזען אַ גרויסער און כמעט אַ פלאַכער, מאָן פלעגט אויף איהם אַרויפקריעכען דורך אַראַכפּענסטער, וואָס אונטער איהם איז געוועזען אַזוי ווי אַ פּלאַטפאָרמע. דאָ האָבען מיר זיך אַלע בעהאַלטען. די פרויען האָבען זיך געזעטצט, די מאַנסלייטע האָבען זיך געמאַכט איין אָרט אויף די דאַכציעגעל, און אַפילו אויף די הויכע קוימענס, וואָס זיינען געשטאַנען אויףביידע עקען דאַך. צושפּאַרענדיג זיך צום פענסטער, פון וועלכעם מיר זיינען אַרויסגעקראָכען, האָב איך בעטראַכט פון אַלע זייטען דעם געזיכטסקרייז.

— אונגעזאַמט וועלען מיר בעקומען הילפע, — האָב איך מיט זיכערהייט געזאָגט: — די איינוואָהנער פון סענטען האָבען לאָדקעס. זיי מוזען געהן פאָרביי אונז... זעהט נאָר, וואָס איז דאָרט אונטען, איז דאָס ניט פיעללייכט אַ לאַנטערנע אויפ'ם וואַסער?

קיינער האָט מיר אָבער ניט געאַנטוואָר־טעט. פיער, ניט בעדענקענדיג דאָס וואָס ער טהועט, האָט אָנגעצונדען זיין פּיפּקע און גענומען רויכען מיט אַזאַ פּלייס, דאָס צו יעדעם פּערציעהען האָט ער געשפּויגען אין קוימען. זשאַק און קיפּריאַן האָבען פּער־טרויערט געקוקט אין דער וויטען, און האספּאַר, מיט פּערמאַכטע פויסטען, האָט ניט געקאָנט איינזיטצען אויף איין אָרט, ווי ער וואָלט זוכען וואָס עס איז פּיר אַמיטעל.

ביי אונזערע פּיס זיינען געזעסען, צו־נויפגערוקט איינע נעבען די אַנדערע, די פרויען. זיי האָבען אַוואָרט ניט גערעדט, ציטערנד מיט אַלע גליעדער. זיי האָבען פערדעקט דאָס געזיכט, אום קיין זאַך ניט צוזעהען. דעננאָך, האָט ראָזע, אויפהייבענדיג די קאָפּ, געוואָרפען אויף אַלעמען אַבליק און געפראָגט:

— און וואו זיינען אונזערע דיענסטמאָדכען, וואָרום זיינען זיי אַהער ניט אַרויף?

איך האָב זיך געמאַכט ניט האָרענדיג. דאַמאָלס האָט זי מיר אַקוק געגעבען גלייך אין די אויגען און ווידערהאָלט די פראַגע.

— וואו זיינען די דיענסטמאָדכען?

איך האָב אָבגעקעהרט דאָס געזיכט: אַ ליגען זאָגען האָב איך ניט געקאָנט. און איך האָב איינגעזעהען, דאָס די טויד קאָלט וואָס האָט מיך שוין אָנגעריהרט, האָט אויך

בעריהרט אונזערע פרויען און די ליעבע קינדער; זיי האבען פערשטאנען. מארי איז אויפגעשטאנען. געטהאן אגרויסען זייפץ און מיט יאמער און געוויין זיך צוריק אראבגע־לאזען. עממע האט שטארק צוגעדריקט צו זיך איהרע קינדער, אזוי ווי זי וואלט זיי וועלען בעשיטצען. ווראניקע איז שטיל געבליעבען, פערדעקענדיג מיט די האנד דאס געזיכט. אפילו די טאנטע אגאטע איז גע־שטאנען אבלייכע און האט געבעטען גאט,

אונטער דעסען, האט זיך ארום אונז גע־עפענט איין פראכטיגעס שוישפיעל. די אנ־געקומענע נאכט איז געוועזען פאלקאמען דורכזיכטיג, ווי אוואהרע זומערנאכט. דער היממעל אהן די לבנה, בעדעקט מיט שטע־רען, איז געוועזען אזוי ריין און אזוי בלא, דאס עס האט אויסגעזעהען ווי די דאממערונג איז נאך ניט פארביי. און אין דיעזער זאנ־פטען היממעל־רוהע האט זיך געווארפען אין די אויגען די אונענדליכע ווייסע אבערפלאכע פונ'ם וואסער, אבשיינענדיג מיט פאספאר פונקען אויף יעדעם אויפגעבלאזענען שפיטץ פון די וועלען. קיין ערד האט זיך ניט גע־זעהען, דער גאנצער געגענד איז געוועזען פערטרונקען מיט וואסער. עס איז געוועזען אויגענבליקע, וואס איך האב פערגעסען אן די געפאהר. איין מאל, געדענק איך, האב איך איין אבענד געבען מארסעל בעטראכט

יעם ים, האָט ער דאַמאָלס אויך אַזוי אויס־
געזעהן און איך האָב פֿון ענטציקונג אַ וואָרט
ניט געקאָנט אויסרעדען.

— וואַסער קומט צו, — האָט געזאָגט מיין
ברודער פּיער, ניט אַרויסלאָזענדיג פֿון מויל
זיין לולקע, וואָס איז שוין לאַנג פֿערלאָשען
געוואָרען.

דער וואַסער איז געוועזען ניט מעהר ווי
אַ מעטער ווייט פֿון דאַך. יעטצט איז שוין
דער וואַסער ניט געוועזען רוהיג. ער איז
געוואָרען רייסענד, שמוטציג, האָט גענומען
קאָכען און זידען, און אַ שפּאַר געגעבען אין
אונזער הויז, אַרויסשליידערנדיג שאַרבענס,
צובראָכענע טונען, ברעטער, בינד גראָז.
מיר האָבען פֿון וייטען געהערט, ווי עס
קנאַקען די וואָנד, וואָס דער וואַסער האָט
אויף זיי אַשפּאַר געטהאָן און פֿערטרונקען
מיט לאַרם און שטורם. פּאַפּעלבוימער זייען
געפֿאַלען מיט טויד קרעכצען, הייזער האָבען
זיך איינגעבראָכען, ווי וואָגען שטיינער וואָס
מאָן וואַרפֿט אַראָב אויפֿין וועג.

זשאַק, וואָס די פֿרויען מיט זייער יאָמערן
האָבען איהם געריסען דאָס הערץ, האָט
ווידערהאָלט איינינע מאָל:

— מיר קאָנען דאָ ניט בלייבען. מאָן מוז
עטוואָס זעהן, וואָס צו טהאָן. איך בעט אייך,
פֿאָטער, לאָמיר זעהן, וואָס עס איז צו טהאָן.

און איך האָב געמורמעלט און נאָכגעזאָגט נאָך איהם:

— יע, יע, לאָמיר זעהן וואָס עס איז. אָבער מיר האָבען ניט געוואוסט וואָס. דאָס־פּאַר האָט פאָרגעלייגט, נעהמען וועראָניקע אויפ׳ן פּלייצע און רעטען זיך מיט איהר שווימענדיג. פּיער האָט געראַטהען מאַכען אַ פּליט. דאָס איז אָבער אַלץ געווען הוילע נאַרישקייט. ענדליך האָט קיפּריאַן געזאָגט:

— ווען מיר וואָלטען נאָר קאָנען צו קומען צו די קירכע.

פון אונטער׳ם וואַסער האָט זיך געזעהן די קירכע מיט איהר קלײנען גלאָקענטורם, צווישען אונז און די קירכע איז געווען זיעבען הייזער. אונזער פערמע, די ערשטע פון עק, האָט געגרענעצט מיט אַ האָבערע געביידע, און דיזע איז געווען אָנגעשפּאַרט אָן די בענאַכבאַרטע געביידע. צי קאָן מאָן פיעללייכט ניט איבער די דאַכער ערהייכען די קירכע און אַריין אַהין? פיעלע האָבען זיך שון דאָרטהין געראַטעט, ווייל די אַרומיגע דאַכער זייען געווען ליידיג אָהן מענשען, און מיר האָבען געהערט שטימען, וואָס זיינען וואהרשיינליך געגאַנגען צו אונזערע אויערען פון׳ם גלאָקענטורעם. אָבער ווי קומט מאָן אַהין?

— דאָס איז אונמאָגליך, — האָט געזאָגט פּיער.

— איך וועל דאָך גערן אַקוק טהאָן, — האָט אויף דאָס בעמערקט קיפּריאַן: — אויב מאָן וועט ניט קאָנען דורכגעהן, קום איך גלייך צוריק. אָבער אים אַנדערען פֿאַל וועלען מיר אַלע געהן אַהין און די מאַדכען וועלען מיר טראָגען אויף זיך.

איך האָב איהם ערלויבט צו געהן.

ער האָט געהאַט רעכט. מאָן האָט בעדאַרפֿט פּרובען אַלצדינג, וואָס מאָגליך און וואָס ניט מאָגליך. און עס האָט זיך איהם איינגעגעבען אַרויפֿצוקלעטערן אויף דעם אַנדערען דאַך, דורך די הילפֿע פֿון איין אַייזערנען האַקען, וועלכען ער האָט בעפֿעסטיגט צום קוימען. אָבער זיין פֿרוי עממע האָט פּלוטצלונג אויפֿגעהעבען די קאָפּ און בעמערקט, דאָס ער איז ניט דאָ.

— וואו איז ער? — האָט זי געגומען שרייען: — איך וויל ניט, ער זאָל מיך אַוועקוואַרפֿען. מיר האָבען געלעבט צוזאַמען, און מיר וועלען שטאַרבען צוזאַמען!

ווי זי האָט איהם דערזעהן אויבען אויפֿ׳ם הויז, איז זי געלאָפֿען איבער די דאַכציעגעל, ניט אַרויסלאָזענדיג פֿון האַנד די קינדער.

— קיפּריאַן, וואַרט אויף מיך! איך געהע מיט דיר. איך וויל שטאַרבען צוזאַמען מיט דיר! —

זי האָט זיך איינגעשפּאַרט ניט אַנדערש. ער האָט זיך איינגעבויגען און זיך געבעטען

ביי איהר, פֿערשפּראָכֿען דאָס ער וועט צוריק קומען, נאָר ער טהועט דאָס פֿון אַלעמענס וועגען. אָבער עס האָט קיין זאַך ניט גע־האָלפֿען. זי האָט געקוקט מיט טריבע בליקען און ווידערהאָלט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ:

— איך וועל געהן מיט דיר! איך וועל געהן מיט דיר! ער האָט געמוזט נעהמען די קינדער, נאָכֿהער האָט ער איהר געהאָלפֿען אַרויפֿקריעכֿען.

מיר האָבען זיי געזעהן אין דער הויך. זיי זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם. זי האָט ווידער גענומען די וויינענדע קינדער אויף די האַנד, און ער האָט זיך אויף יעדעם טריט אומגע־קעהרט און איהר אונטערגעהאַלטען, זי זאָל ניט פֿאַלען.

— לאָז זיי אין אַזיכֿערען אָרט, און קום גיכֿער צוריק! — האָב איך צו איהם אַגעשריי געטהאָן.

איך האָב געזעהן, ווי ער מאַכֿט מיט דער האַנד, אָבער איבער דעם לאַרם פֿונ'ם וואַסער האָב איך ניט געהאָרט וואָס ער האָט צו מיר גערעדט. באַלד האָב איך איהם גאָר אויפֿגעהאָרט צו זעהן.

זיי זיינען אַרונטערגעגאַנגען אויף דעם אַנדערען דאַך, וואָס איז געוועזען ניעדריגער פֿון דעם ערשטען. אין אַמינוט דריי אָרום האָבען מיר זיי ערזעהען שוין אויף אַ דריטען דאַך. דיעזער דאַך איז געוועזען זעהר

אַ קרומער און זיי האָבען געמוזט קלעטערן אויף די קניע. מיט אַמאָל איז אויף מיר ארויפגעפאַלען אַשרעק. איך האָב גענומען שרייען מיט אַלע קראַפטען; צולייגענדיג די האַנד צו די ליפען:

— קעהרט זיך אום צוריק, קעהרט זיך אום

און מיר אַלע, פּיער, זשאַק, און האַספּאַר האָבען זיי גענומען רופען צוריק, זיי האָבען זיך אויף אַוויילע אָבגעשטעלט און זיך איינגעהאָרכט וואָס מיר האָבען געשריען. נאָכהער זיינען זיי ווידער ווייטער געגאַנגען, יעטצט זיינען זיי געוועזען אין עק גאַס געגען רעמבאָ'ס הויז. דיעזעס הויז איז געוועזען זעהר אַהויכע געביידע, איהר דאַך איז געוועזען האָכער פון דעם פאָריגען אויף דריי מעטער. איין אויגענבליק האָבען זיי זיך בעדענקט. זיי זאָלען קריעכען ווייטער, אָדער ניין. נאָכהער איז קיפּריאַן ווי אַקאַטץ ארויפגעקראָכען אויפ'ן קוימען. עממע איז, ווי עס שיינט, מרוצה געוואָרען צו וואַרטען ביז ער וועט צוריק אַראָבגעהן. זי האָט זיך אָבגעשטעלט צווישען די דאַכציעגעל. מיר האָבען איהר דייטליך געזעהען. איהר געשטאַלט, ווי זי האָט געהאַלטען די קינדער צוגעדריקט צום הערצען, האָט זיך אָבגעשלאָגען אויפ'ם העלען הימעל, ווי אַגרויסער שוואַרצער פלעק. און ערשט האָט זיך דאָס אָנגעפאַנגען דאָס שרעקליכע אונגליק.

רעמבאָים הויז, און וועלכעם מאָן האָט אין אָנפאנג גאָר ניט גערעכענט צו מאַכען וואָהנונגען, איז ניט געוועזען געבויעט דויערנ־האַפט און פעסט. אויסער דעם איז עס גע־שטאַנען אויפ'ם רעכטען פרייען צוג־ווינד. מיר האָט זיך געדאַכט, דאָס איך זעהע, ווי דאָס הויז טרייסעלט זיך פון דעם וואַסער, וואָס האָט איהם געשפּאַרט, און איך האָב אָהן איין אַטהעם געקוקט פון ווייטען ווי קיפּריאַן געהט אַריבער דורך זיין דאַך. מיט אַמאָל האָט עפּעס געטהאָן אַקנאַק. עס איז אויפגעגאַנגען די לבנה, אַרונדע, אַגרויסע, און איהר געלבעם געזיכט האָט בעלויכטען ווי אַהעלע ליכטיגע לאַמפּע די אָזערע, וואָס איז געוועזען מיט איין אויג ניט צו פער־וואַרפען. פון אונז איז נאָך ניט ענטגאַנגען די קלענסטע קלייניגקייט אין דיעזער קאַטאַס־טראָפּפע. רעמבאָים הויז איז אַייגעפאַלען, מיר האָבען אויסגעשריען פון שרעק, זעהענדיג ווי קיפּריאַן לאָזט זיך אַראָב און ווערד פער־שוואונדען. די וועלען האָבען געגעבען אַ־שפּאַר ווי אַשטורם ווינד. נאַכהער איז גע־וואָרען רוהיג; דער וואַסער האָט אָבגעצויגען אויף זיין פאָריגען אָרט. אויף דעם אָרט פונ'ם אַיינגעשלונגענעם הויז, האָט זיך געזעהען אַ באַרג צונויפגעוואָרפענע קלאָטצער, באַלטענס אין די צובראָכענע וואַנד. און צווישען די קלאָטצער האָט זיך געזעהען אַזוי ווי עכ

בעווענט זיך עפּעס אַלעבעדיגער קאָרפּער, וועלכער מאַכט אונמענשליכע אַנשטרענגונגען

— ער לעבט נאָך! — האָב איך אַ געשריי געגעבען: אַה! גאָטט צו דאַנקען! ער לעבט! קוקט זיך איין דאָרט פון אויבען אויפ'ם וואַסער, וואו די לבנה לייכט!

מיר האָבען אויסגעבראָכען מיט אַ גע-לאָכטער. מיר האָבען פרעהליך געפּאַטשט מיט די האָנד, אַזוי ווי מיר וואָלטען אַליין געראַטעט געוואָרען.

— ער וועט אַרויסשווימען, — האָט גע-זאָגט פּיער.

— געוויס, אָט קוקט זיך איין! — האָט ערקלאָרט האַספּאַר: — אָט מאַטערט ער זיך' זיך אָנצוהאַפּען אָן דעם באַלקען פון דער לינקען האַנד.

אָבער מיר האָבען גלייך אויפגעהאָרט צו לאַכען. שוידערנדיג פון שרעק, האָבען מיר איינער מיט'ם אַנדערען מעהר אַ וואָרט ניט גערעדט. מיר האָבען דייטליך געזעהען אין וואָס פאַר אַ געפאָהרליכע לאַגע קיפּריאַן האָט זיך בעפונדען.

בשעת דאָס הויז איז אײנגעפאַלען, איז ער אַרייננעפאַלען מיט די פיס צווישען צוויי באַלקענס און האָט זיך ניט געקאָנט לויז מאַכען, און איז געבליעבען הײנגען מיט'ם קאָפּ אַראָב. אויף עטליכע סאַנטימעטער פון וואַסער. דער טויד איז איהם געווען פאַר

די אויגען: ער האָט זיך שרעקליך געמאַטערט. עממע איז ווי פֿריהער געשטאַנען מיטביידע קינדער אויף דעם בענאַכבאַרטען דאַך. זי האָט געציטערט, זי האָט געזעהען ווי איהר מאַן שטאַרבט, און האָט איין אויג ניט אַראָבגעלאָזען פֿון דעם אונגליקליכען, וואָס איז געוועזען אויף עטליכע מעטער ניעדריגער פֿון איהר.

און זי האָט גענומען יאָמערן, ווי אַהונד׳ וואָס איז משוגע געוואָרען פֿון שרעק.

— מיר וועלען איהם אַזוי ניט לאָזען שטאַרבען, — האָט אויפֿגערעגט געזאגט זשאַק: — מאָן דאַרף איהם געהן צו הילפֿע.

— פֿיעללייכט איז נאָך מאָגליך זיך אַראָבצולאָזען אויף די באַלקענס און איהם לויז מאַכען, — האָט געזאָגט פיער.

און זיי האָבען גענומען געהן איבער די דאָכער, אָבער אין דערזעלבען מינוט איז דאָס צווייטע הויז אַיינגעפֿאַלען. יעטצט איז די וועג געוועזען אָבגעשניטען. דאָס בלוט איז פֿערגליווערט געוואָרען ביי אונז אין די אָדערן. מיר האָבען געהאַפט, ניט וויסענדיג וואָס מיר טהוען, איינער ביי דעם אַנדערען די האָנד און שמערצליך געדריקט און האָבען אויף קיין אַרט ניט געקאָנט אָבקעהרען די אויגען פֿון דעם שרעקליכען שוישפיעל, פֿון דער פֿירכטערליכען סצענע.

אים אָנפֿאַנג האָט זיך קיפריאַן געמאַ־

טערט זיך לויז צו מאַכען פֿון די באַלטענם. מיט אונמענשליכע קראַפֿטען האָט ער זיך געהאַלטען אָבגערוקט פֿון וואַסער, הענגענדיג אין דער לופֿט. ער האָט אָבער מעהר קיין קראַפֿטען שוין ניט געהאַט. דעננאָך האָט ער ניט אויפֿגעהאָרט זיך צו ראַנגלען, ער האָט זיך געוואָלט אָנחאַפּען פֿיר די באַלטענס, האָט געפֿיהרט מיט די האַנד אַרום זיך, ווילענדיג זיך אָננעהמען אָן וואָס עס איז. אָבער שפּיהרענדיג דעם טויד, איז ער ווידער געבליעבען הענגען, און דער טויד איז גע־גאַנגען צו איהם לאַנגזאַם. זיינע האָאַר האָבען עררייכט דעם וואַסער, וואָס איז צוגעקומען ביסליכווייז. אָנריהרענדיג זיך אָן זיין קאָפּ, האָט איהר דער קאַלטער וואַסער וואַהרשיינליך לייכטער געמאַכט. די ערשטע װעלע האָט איהם פֿערגאָסען דעם שטערען, די איבעריגע האָבען איהם פֿערמאַכט די אויגען. מיר האָבען געזעהען, ווי עס איז לאַנגזאַם פֿער־שוואונדען געוואָרען זיין קאָפּ.

די פֿרויען וואָס זיינען געזעסען ביי אונזערע פֿיס, האָבען פֿערדעקט מיט די האַנד זייערע געזיכטער. מיר אַליין, אויפֿהעבענדיג די האַנד צום הימעל, זיינען געפֿאַלען אויף די קניע מיט געוויין און געבעט, און עממע איז אַליין געשטאַנען אויפֿים דאַך מיט די קינדער און האָט געיאָמערט אין דער פֿינסטערניס פֿון דער נאַכט.

איך ווייס ניט ווי לאַנג מיר זיינען פֿער־בליעבען אַזוי בעטויבט, ניט טויט ניט לע־בעדיג. ווען איך בין צו זיך געקומען, איז דער וואַסער געוועזען האָכֿער ווי פֿריהער. יעטצט האָט ער שוין עררייכֿט די דאַכֿציעגעל און אונזער דאַך איז מעהר ניט געוועזען ווי אַשמאָלע אינזעלע אויפֿ'ם ברייטען ים. פֿון רעכֿטען און פֿון לינקען זייט האָבען זיך געבראָכֿען הייזער און זיינען פֿערשוואונ־דען געוואָרען. עס איז נאָר געבליעבען דער אונענדליכֿער מעער.

— מיר שווימען, — האָט געזאָגט אין דער שטיל ראָזע, זיך אָנהאַלטענדיג פֿיר די דאַכֿ־ציעגעל.

מיר האָבען ווירקליך אַלע געפֿיהלט, דאָס מיר וויעגען זיך, אַזוי וויא עס וואָלט אונז געטראָגען אויפֿ'ם דאַך, ווי אויף אַפּליט.

עס האָט אויסגעזעהען, ווי עס טרייבט אונז אַ שטאַרקער שטראָם. אָבער וואָהרענד מיר האָבען געקוקט אויף דעם גלאָקענטהורם, וואָס איז געשטאַנען אונבעוועגליך, האָט זיך דאָס וויעגען אויפֿגעהאָרט און מיר זיינען ווידער געשטאַנען אויף איין אָרט צווישען די וועלען וואָס האָבען זיך געהויבען.

יעטצט האָט דער וואַסער אָנגעפֿאַנגען צו שטורמען. ביזהער איז ער פֿריי געגאַנגען איבער'ן גאַס. אָבער ווי ער האָט אָנגעטראָפֿען אין וועג פֿערשיעדענע צובראָכֿענע געגענ־

שטאַנדען, האָבען זיי פֿערהאַלטען זיין שטראָם. אָט דאָ האָט ער גענומען שטורמען און אָנפֿאַלען אויף זיינע פֿיינד פּונקט ווי אין אַ שטרייט.

ווי נאָר דער וואַסער האָט בעגעגענט אַ צובראָכענען באַלקען אָדער אַ קלאָטץ, האָט ער דאָס אָנגעחאַפּט, פֿערנאַנדערגעוויעגט און אַשליידער געטהאָן אויף אַשטוב, ווי אַטאַראַן. דער באַלקען איז צוריק אָבגעשוואומען און דער וואַסער האָט איהם ווידער אַ שליידער געטהאָן אין וואַנד. באַלד זיינען אויף אונז אָנגעפֿאַלען מיט איין מאָל פֿון אַלע זייטען ביז צוואָלף קלאָטצער. דער וואַסער האָט ווילד געברומט. זיינע גריממיגע שפּריטצען האָבען אונז פֿערגעצט די פּים. דאָס הויז, פֿול מיט וואַסער, האָט געקרעכצעט אונטער אונז. זיינע אינעווענינגסטע וואַנדלאַך האָבען שוין געקנאַקט. צייטענווייז, בשעת דער וואַסער האָט אויף אונז געשטורמט מיט מעהר קראַפֿט און די קלאָטצער האָבען אונז צאָרניג, אָהן ערבאַרמען געשלאָגען, האָבען מיר געמיינט, דאָס עס קומט שוין איין ענדע, עס וועלען זיך גלייך אָפֿענען די וואַנד און מיר וועלען דורך די לאָך אריין אין וואַסער און א וועקגעהן מיט׳ן שטראָם.

האַספּאַר איז צוגעלאָפֿען האַרט צום ברעג דאַך און איהם האָט געגליקט אנ-

צוהאַפּען אַ באַלטען אונ ארויסשלעפּען מיט זיינע קראַפטיגע האַנד.

—מיר מוזען זיך שיטצען! — האָט ער אויסגעשריען.

זשאַק האָט זיך אָנגעשטרענגט צו האַפּען אַ לאַנגען דראָנג אָדער שטאַנג, פּיער האָט איהם געהאָלפען. איך האָב פערשאָלטען מיינע אַלטע יאָהרען, וואָס האָבען מיר געמאַכט אַזוי שוואַך, ווי אַקינד. אָבער ווי עס איז, זיי דריי האָבען אונטערגענומען אונז צו שיטצען; דריי מענשען האָבען געשטריטען געגען אַ טייך. האַספּאַר האָט געהאַלטען אָנ־גענרייט זיין באַלטען און געוואַרט אויף נאָך באַלטענס, וואָס דער טייך האָט אַרויסגע־שליידערט, ווי טאַראַנעס. האַספּאַר האָט זיי מוטהיג אָבגעהאַלטען ווייט פון אונזערע וואַנד. אָפּט איז דער אָנשטוים פון די באַל־טענס געוועזען אַזוי שטאַרק, דאָס ער איז ניט געוועזען אים שטאַנדע זיך צו האַלטען אויף די פּיס אונ איז געפאַלען. נעבען איהם האָבען זשאַק און פּיער מאַנעווורירט מיט׳ם שטאַנג און האָבען אויך אָבגעשטופּט ווייטער פונ׳ם הויז פערשיעדענע ברוכשטיקער.

ביינאַהע אַ שטונדע האָט געדויערט דיע־זער אוננוטציגער שטרייט. ביסליכווייז האָבען זיי פערלאָרען די געדולד, האָבען געזידעלט און געשאָלטען דעם וואַסער. אָבער דער וואַסער האָט זיך רוהיג און אויף להכעיס

געטהאָן דאָס ווייניגע. זשאַק און פּיער זיינען ענדליך אָהן קראַפטען צוריק געלאָפּען אויפ'ן דאַך. אין דערזועלבען מינוט האָט דער שטראָם אַרויסגעריסען ביי האַספּאַר פון די האַנד דעם באַלטען און מיט איהם זעלבסט אויס= געבראָכען ביי אונז אין הויז אַלאָך. מעהר ראַנגלען זיך איז געוועזען אונמאָגליך.

מאַרי און ווערעאָניקע זיינען געפאַלען איינע צו דער אַנדערע אין די אַרמע. מיט אַ רייסענדע שטימע האָבען זיי אָהן אויפהאָרען ווידערהאָלט איינע און די זעלבע פראַזע, די שרעקליכע פראַזע וואָס האָט מיר גע= לאָכערט די אויערען:

— איך וויל ניט שטאַרבען!.. איך וויל ניט שטאַרבען!..

ראָזע האָט זיי אַרומגענומען. זי האָט זיך בעמיהעט זיי צו טראַסטען און צו מוט= היגען. און זי אַליין האָט מיט'ן גאַנצען קאָרפּער געציטערט, אויפגעהויבען דאָס גע= זיכט און ניט ווילענדיג געשריען: — איך וויל ניט שטאַרבען.

נאָר די טאַנטע אַגאַטע אַליין האָט אַ וואָרט ניט אויסגעשפראָכען. זי האָט מעהר שוין ניט געבעטען גאָטט. זי איז געשטאַנען שטום און געפיהרט מיט די אויגען, און נאָר בענגענדיג מיינע אויגען, האָט זי זיך געפליסט צו שמייכלען צו מיר.

יעטצט האָט דער וואַסער אונטערגע=

שווינקט די דאַבּציעגעל. הילפֿע האָט מאָן פֿון נירגענדס ניט געקאָנט וואַרטען. מיר האָבען ווי פֿריהער געהערט שטימען אין דער זייט פֿון דער קירכע. אויף אַ ווײַלע האָבען פֿון ווײַטען אַ שײַן געגעבען צוויי לאַנטער־נעס און עס איז ווידער געוואָרען פֿינסטער; עס האָט זיך פֿערשפּרייט די אונענדליכע געלבע אָבערפֿלאַכע. די אײַנוואָהנער פֿון סענטען, וואָס האָבען געהאַט באַרקעס, זײַנען געוויס פֿריהער פֿון אונז פֿערטרונקען געוואָרען.

האַספּאַר איז אונטערדעסען אַלץ אַרום־געקראָכען איבער׳ם דאַך. מיט אַמאָל האָט ער אונז גערופֿען און געזאָגט:

— האָרט נאָר!.. העלפֿט מיר, האַלט מיר צו וואָס שטאַרקער.

ער האָט ווידער גענומען דעם דראָנג אין האַנד אום אַבצוהיטען אַגרויסען שוואַר־צען געגענשטאַנד וואָס איז לאַנגזאַם גע־שוואומען אויף אונזער שטוב. דאָס איז גע־ווען אַ ברייטער דאַך פֿון אַ שייער, וואָס איז געוועזען צונויפֿגעשלאָגען פֿון שטאַרקע ברעטער. דער שטראָם האָט איהם אַראָב־געריסען און יעטצט איז ער געשוואומען אויף׳ם וואַסער ווי אַ פּליט. ווען דיעזער דאַך איז צוגעגאַנגען נאָהנט צו אונזער הויז, האָט איהם האַספּאַר פֿערהאַלטען מיט׳ם דראָנג. אָבער האַספּאַר האָט גלייך ערפֿיהלט, דאָס ער קען ניט ווידערשטעהן געגען

שטראָם, וואָס שלעפּט איהם אויך מיט. דאַן האָט ער זיך געווענדט צו אונז, מיר זאָלען איהם העלפען. מיר האָבען איהם ארומגענומען אין העלפט און שטאַרק צו־געהאַלטען באַלד איז דער פליט צו גע־שוואומען צו אונזער דאַך, אָבער דער שטראָם האָט איהם אַ שליידער געטהאָן מיט אַזאַ קראַפט, דאָס איין אויגענבליק האָבען מיר געמיינט, אַז ער וועט צושפּרונגען ווערען אויף שפּאָנדלאַך.

האַספאַר איז מוטהיג אַרויפגעשפּרונגען אויף דיעזען פליט, וואָס דער הימעל האָט אונז צוגעשיקט. ער איז אַרומגעלאָפען אויף איהם אין אַלע ווינקלען, אום זיך צו איבערצייגען דאָס ער איז גענוג שטאַרק. פּיער און זשאַק האָבען דערווייל צוגעהאַלטען דעם פליט נעבען ברעג דאַך. האַספאַר האָט געלאַכט און פרעהליך געזאָגט:

— אַ, זיידע, מיר זיינען געראַטעוועט?... וויינט ניט, ווייבער!.. אַ וואַהרע לאָדקע. קוקט זיך איין, איך האָב אַפילו די פיס ניט פערנעצט! דער פליט וועט אונז אויסגע־צייכענט אַלעמען אויסהאַלטען. מיר וועלען זיין אויף איהם, ווי ביי זיך צו הויזע.

דעננאָך האָט ער איהם געוואָלט פריהער אויספּרובען. ער האָט אָנגעכאַפּט שווימענדע באַלקענס און צוזאַמענגעבונדען מיט שטריק, וואָס פּיער האָט נאָך מיט גע־

נומען פֿון אונטערסטען צימּמער. ער איז זאָגאר אַריינגעפֿאַלען אין וואַסער, אָבער אויף אונזער געשריי האָט ער אונז געאַנטוואָר־טעט מיט אַנייען געלאַכטער. ער איז מיט וואַסער געוועזען בעקאַנט פֿון לאַנג אָן, ער האָט אַמאָל אָבגעשוואומען אין גאַראַנצע אַ גאַנצען מייל. אַרויפֿקריעכענדיג צו אונז אויפֿ'ן דאַך, האָט ער זיך אָבגעטרייסעלט און געזאָגט:

— לאָמיר געהן אויפֿ'ן פּליט, מאָן דאַרף קיין צייט ניט פֿערליערען!

די פֿרויען האָבען זיך געשטעלט אויף די קניע. האַספּאַר האָט גענוּמט וועראָניקע און מאַרי אַריבערטראָגען אויף די האַנד; ער האָט זיי אַוועגגעזעצט אויפֿ'ן מיטען פּליט. ראָזע און די טאַנטע אַגאַטע האָבען זיך אַליין אַראָבגעגליטשט פון דאַך און גענומען פּלאַטץ נעבען די יונגע מאַדכענס. אין דיעזער מינוט האָב איך אַקוק געטהאָן אין די זייט פֿון דער קירכע. עממע איז נאָך אַלץ דאָרט גע־שטאַנען. זיא איז געשטאַנען ביז העלפֿט אין וואַסער, אָנגעשפּאַרט אָן קוימען, און געהאַלטען די קינדער אויפֿגעהויבען אין דער הויך.

— זאָרגט ניט, זיידע, קלעמט זיך ניט, — האָט געזאָגט צו מיר האַספּאַר: — מיר וועלען איהר מיטנעהמען פֿאַרבייפֿאָהרענדיג. איך זאָג אייך צו.

פיער און זשאַק זיינען אַרויף אויפ'ן פליט, איך בין אויך אַרויפגעשפרונגען. ער האָט זיך עטוואָס איינגעבויגען אויף אַ זייט, אָבער ער איז געוועזען גענוג פעסט צו פיהרען אונז אַלעמען. גאָר צום לעטצטען איז פון דאַך אַראָב האַספּאַר. ער האָט אונז גע־הייסען מיטנעהמען אָנגעגרייטע דראָנגען, וואָס האָבען אונז בעדאַרפט דיענען אָנשטאָט וויאָסלעס. ער אַליין האָט זיך אויסגעקליעבען דעם לאָנגסטען שטאַנג און האָט מיט איהם קונציג און פלינק געקעהרעוועט. ער איז געוועזען אונזער קאָמאַנדירער און האָט אונז געהייסען זיך אָנלעגען מיט די שטאַנגען אויף די דאַכציעגעל אום אָבצושווימען פון אָרט. אָבער דער פליט האָט זיך ניט גערירט. אַזוי ווי ער וואָלט צוגעוואַכסען צום דאַך. וואָס מיר האָבען זיך ניט אָנגעשטרענגט, האָבען מיר איהם ניט געקאָנט אָבציעהען פון אָרט. יעדעס מאָל וואָס מיר האָבען דאָס געפּרובט טהאָן, האָט אונז מיט'ם שטראָם צוריק צוגעשלאָגען צום הויז. און דאָס איז געוועזען די גראָסטע געפאַהר, ווארום פון יעדעם שטויס האָבען געקאָנט צופליעהען די ברעטער, אויף וועלכע מיר זיינען געוועזען.

מיר האָבען ווידער גענומען פיהלען, דאָס מיר קאָנען זיך גאָר ניט העלפען. מיר האָבען שוין געמיינט, מיר זיינען געראַטעט,

און אין דער וואהרהייט זיינען מיר נאָך אַלץ געוועזען אין דער הערשאַפט פונ׳ם טייך. מיר האָט זאָגאַר פערדראָסען, וואָס די פרויען זיינען ניט אויפ׳ם דאַך, וואָרום יעדען אויגענבליק האָט זיך מיר געדאַכט, דאָס זיא קעהרען זיך איבער און דער רייסענדער שטראָם טראָגט זיי אַוועק. אָבער ווען איך האָב אויסגערעדט אַ וואָרט, מאָן זאָל זיך צוריק אומקעהרען אויף אונזער צופלוכטס אָרט, האָבען אַלע גענומען שרייען:

— ניין ניין! לאָמיר נאָך פרובען! בע-סער דאָ צו שטאַרבען!..

האַספּאַר האָט שוין יעטצט ניט געלאַכט. מיר האָבען ווידער מיט דאָפּעלטע קראָפ-טען זיך אָנגעשפאַרט אויף די שטאַנגען. ענדליך האָט זיך פיער מישב געוועזען, איז אַרויפגעקראָכען האָבער אופ׳ן דאַך און האָט אונז גענומען שלעפען מיט שטריק לינקס. אַזוי האָט ער אונז אַרויסגעשלעפט פון שטראָמינגען אָרט. נאָכהער איז ער ווידער אַראָבגעשפרונגען צו אונז אויפ׳ן פליט און מיר זיינען אַוועגגעשוואומען.

אָבער האַספּאַר האָט ניט פערגעסען, דאָס ער האָט מיר פערשפּראָכען מיטצו-נעהמען די אונגליקליכע עממע, וואָס האָט ניט אויפגעהאָרט צו יאָמערן. צו דיעזעם צוועק האָט מען בעדאַרפט אַריבערשווימען די ברייט פון גאַס, און צוריק אויסקומען

גענען שטראָם, מיט וועלכֿעם מיר האָבען זיך נאָר וואָס גראַנגעלט. ער האָט אַקוק געגעבען אויף מיר, אַזוי ווי ער וואָלט בעטען מיין ראַטה. איך בין געוועזען שרעקליך אויפֿגערעגט. אין מיין זעעלע איז נאָך קיין מאָל ניט פֿאָרגעקומען אַזאַ שטרייט. מיר האָבען געשטעלט אין געפֿאַהר אַכֿט פערזאָן. דענגאָך האָב איך אַפֿילו איין מינוט ניט געקווינקעלט, וואָרום איך בין ניט געוועזען אים שטאַנד איבערצוטראָגען איהר יאָמער־ליכֿען געבעט.

— יע, יע, — האָב איך געזאָגט צו האַס־פּאַר: — אָהן איהר קאָנען מיר ניט אַוועג.

ער האָט אַראָבגעלאָזען די קאָפּ, אַוואָרט ניט רעדענדיג, און האָט זיך גענומען מיט׳ם שטאַנג אָבשטופּען פֿון אַלע וואָנד וואָס זיינען נאָך געבליעבען שטעהען. אָבער ווי מיר זיינען נאָר אַרויס אין גאס, האָבען מיר געטהאָן אַגעשריי. דער שטראָם האָט אונז ווידער אַריינגעחאַפּט און האָט אונז ווידער אָבגעטראָגען צו אונזער אייגענע הויז. דאָס האָט ניט גדויערט מעהר ווי עטליכֿע אויגענבליקע.

דער שטראָם האָט אונז, ווי אַבלאָטיל פֿון אַבוים, אַ שליידער געטהאָן אַזוי גע־שווינד, מיט אַזאַ קראַפֿט, דאָס צוזאַמען מיט אונזער געשריי האָט זיך געהערט דער שרעקליכֿער קלאַפּ פֿון פליט אָן דאַך. דער

פליט האָט געפּלאַטצט , די ברעטער האָבען זיך פֿערנאַנדער געריסען און זיך גענומען דרעהען , און מיר זיינען אַלע אַריינגעפֿאַלען אין וואַסער . וואָס איז נאָכֿדעם פֿאָרגעקומען , ווייס איך ניט , איך געדענק נאָר , דאָס פֿאַלענדיג האָב איך געזעהען די טאַנטע אַנאַטע ליעגענדיג אין וואַסער : איהרע קליידער האָבען איהר עטוואָס אויפֿגעהאַלטען און זי איז לאַנגזאַם אַרונטערגעגאַנגען אונטער'ן וואַסער , אָהן קראָפּטען , פֿערוואַרפֿענדיג אַהינטער מיטים קאָפּ .

אַ שטאַרקער וועהטהאָן האָט מיך געצוואונגען צו אָפּענען די אויגען : פֿיער האָט מיך געחאַפּט פֿיר די האָאָר און געשלעפּט איבער די דאַכֿציעגעל . ער האָט מיך אַוועגגעלייגט און איז צוריק אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער . איך בין געלעגען האַלב אין אָהנמאַכֿט , דענגאָך האָב איך מיט גרויס ערשטוינען פּלוטצלינג בעמערקט האַספּאַר אויף דעמזעלבען אָרט , וואו מיין ברודער איז פֿערשוואונדען געווארען : דער יונגער מענש האָט געטראָגען אויף די האָנד ווערקאָניקע . ער האָט איהר אַניעדערגעלייגט נעבען מיר און ווידער זיך אַ וואָרף געטהאָן אין וואַסער און האָט אַרויסגעשלעפּט מאַרי . איהר געזיכֿט איז געוועזען בלייך , געלב ווי וואַכּס און אַזוי אָהן לעבען , דאָס איך האָב איהר פֿערעכֿענט פֿיר געשטאָרבען .

נאָכהער איז ער ווידער אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, אָבער דיעס מאָל איז זיינע מיהע געוועזען אומזאָנסט. צו איהם איז צוגעשוואומען פּיער. זיי האָבעןביידע גע־ ריעדט, זיך געגעבען עצות, ווע לכע — איך האָב פון וויטען ניט געהערט, און בשעת זיי זיינען אָנגעמאַטערטע אַרויפגעקראָכען פון וואַסער צוריק אופ'ן דאַך, האָב איך אַגעשריי געטהאָן צו זיי:

— און די טאַנטע אַגאַטע וואו איז? און ראָזע און זשאַק?

זיי האָבען געשאָקעלט מיט'ם קאָפּ. גרויסע טראָהרען זיינען אַרוים ביי זיי פון די אויגען. פון זייערע רייד האָב איך פער־ שטאַנען, דאָס זשאַק'ן האָט אַבאַלקען צו זעטצט דעם מאַרך און ראָזע האָט זיך איינ־ געצעפּעט אין זיין טויטען קערפּער, וועלכער איז אַריין אין וואַסער צוזאַמען מיט איהר. די טאַנטע אַגאַטע איז אַרויפגעשוואומען פון אויבען. ביי אונז איז געבליעבען, דאָס איהר קערפּער וואָס איז אַוועג מיט'ם שטראָם, איז אַריינגעשוואומען דורכ'ן אָפענען פענ־ סטער אין שטוב אונטער אונז.

אויפשטעהענדיג, האָב איך געטהאָן אַ קוק אויפ'ן דאַך, וואו מיט איינ'גע מינוט פריהער איז געשטאַנען עממע. וואַסער איז נאָך אַלץ צוגעקומען, און עממע האָט שוין מעהר ניט געיאָמערט. איך האָב מעהר ניט

געזעהען ווי איהרע פֿערגליווערטע האַנד, מיט וועלכע זי האָט זיך געמאַטערט איינצוהאַלטען די קינדער. נאַכהער איז אַלץ איינגעפֿאַלען און איז פֿערטרונקען געוואָרען אין דעם זאַנפֿטען ליכט פֿון דער לבנה.

יעטצט זיינען מיר געבליעבען אויפֿ'ם דאַך פֿינף מאַן. עס איז שוין מעהר ניט געוועזען אויפֿ'ם דאַך ווי אַשמאָלע שטיקעלע ניט פֿערטרונקען מיט וואַסער. איינעם פֿון די קוימענס האָט שוין דער וואַסער אַראָבגעטראָגען. מיר האָבען בעדאַרפֿט מינטערן וועראָניקע און מאַרי, וועלכע זיינען געוועזען אין אָהנמאַכט, און ניט לאָזען, דער וואַסער זאָל זיי פֿערטרינקען ביז די קניע.

ענדליך זיינען זיי געקומען צו זיך, און אונזערע שמערצען האָבען זיך נאָך געשטאַרקט, זעהענדיג ווי עס רינט פֿון זיי און עס טרייסעלט זיי, און זיי שרייען ווידער. דאָס זיי ווילען ניט שטאַרבען. מיר האָבען זיי גענומען איינרעדען ווי מאָן רעדט איין קינדער, און פֿערזיכערן דאָס זיי וועלען ניט שטאַרבען, דאָס מיר וועלען דאָס ניט דערלאָזען.

אַבער זיי האָבען אונז ניט געגלויבט און גוט פֿערשטאַנען, דאָס זיי מוזען שטאַרבען.

— און יעדעם מאָל, וואָס זיי האָבען גע־האָרט דאָס וואָרט „שטאַרבען", האָט זיי געקלאַפּט אַ צאָהן אָהן אַ צאָהן, און זיי זיינען פון שרעק געפאַלען איינע צו די אַנדערע אויפ'ן האַלז.

עס איז אָנגעקומען אַ סוף. פון דעם צערשטאָרטען דאָרף זיינען נאָר וואו־ניט־וואו געשטאַנען איינצעלנע וואַנד.

נאָר דעם גלאָקטהורם האָט דער וואַסער ניט געשאַדט. פון דאָרטהין האָבען זיך נאָך יעטצט אויך געהאָרט שטימען און רעדען פון מענשען, וואָס האָבען זיך אַהין געראַטעט. אין דער וויטען האָט געקאָכט און געלאַרמט דער ווטהענדער וואַסער. די קלאַפּ פון אַיינגעבראָכענע הייזער, וואָס האָבען געטרעשצעט ווי שטיינער פון איין איבערגעקעהרטען וואָגען, איז שוין מעהר צו אונזערע אויערען ניט געקומען, עס איז שוין קיינע רעטונג ניט געבליעבען, מיר זיינען פערלאָרען געגאַנגען ווי אין אָפּענעם מעער, עטליכע טויזענד מייל וויים פון לאַנד.

איין מינוט האָט זיך אונז געדאַכט, אַזוי ווי מיר האָרען פון דער לינקען זייט קלאַפּ פון רודער־שטאַנגען, אַזוי ווי אַ לאַנג־זאַמער, רוהיגער פּלעסק אין וואַסער, וואָס ווערד אַלץ דייטליכער. אָה, וואָס פיר אַ האָפנונג איז געוועזען פיר אונז דיעזע מוזיק!

און ווי גיעריג האָבען מיר אַלע אָנגעשטעלט די אויגען! מיר האָבען זיך אײַנגעהאַלטען צו אַטהעמען; עס האָט זיך אָבער קיין זאַך ניט געזעהען, נאָר די אונענדליכֿע געלבע אָבערפֿלאָכֿע, בעדעקט מיט שוואַרצע שאָ-טענס; אָבער נאָך ניט איינער פֿון דיעזע שאָ-טענס האָט זיך ניט בעוועגט. גראָז, ברוך, שאַרבענס, ליידיגע טהונען האָבען אונז גענאַרט און געבראַכֿט פֿאַלשע פֿרייד. מיר האָבען געפּאָכֿט מיט אונזערע טיכֿלאַך, מיר האָבען נאַכֿהער זיך אַרומגעזעהען אונ-זער אירטהום, און וויעדער אונרוהיג געוואָרען פֿון יעדעם רוישען, וואָס האָט אונז פֿער-וואונדערט, ווייל מיר האָבען ניט געקאָנט פֿערשטעהען, פֿון וואַנען דאָס רוישען קומט.

— אַה, דאָס איז זי! — האָט האַספּאַר פּלוטצלונג אַ געשריי געטהאָן: — קוקט זיך איין: אַגרויסע באַרקע!

ער האָט אויסגעשטעלט די האַנד און האָט אונז אָנגעוויעזען פֿון ווייטען אויף אַ פּינטעלע. איך האָב אָבער גאָר ניט געזעהען, פּיער אויך ניט. האַספּאַר דעננאָך איז גע-שטאַנען ביי דאָס זייניגע.

יאַ, דאָס איז ווירקליך געוועזען אַ באַרקע. די קלאָפּ פֿון די רודערשטאַנגען זיינען גע-וואָרען דייטליכֿער. באַלד האָבען מיר אָנ-געפֿאַנגען איהר צו בעמערקען. זי איז גע-גאַנגען לאַנגזאַם, אַזוי ווי זי וואָלט זיך

דרייהען אַרום אונז און איז נאָהנטער ניט צו־
געגאַנגען. איך געדענק, דאָס מיר זיינען
דאַמאָלס פון זינען אַראָב. מיר האָבען ווי
וואַהנזיניגע געוואונקען מיט די האַנד, מיר
האָבען פערלאָרען די קראַפטען און הייזעריג
געוואָרען שרייענדיג. מיר האָבען איהר גע־
זידעלט, מיר האָבען איהר גערופען ניע־
דערטראָכטיגע. זי, אָבער, איז געבליעבען
שטום און פינסטער ווי פריהער און האָט
זיך נאָך לאַנגזאַמער געדרייהט.

איך וויים ביז היינט ניט, אויב דאָס
איז אין דער וואַהרהייט געוועזען אַ באַרקע.
בשעת זי האָט זיך אויפגעהאָרט צו זעהען,
איז מיט איהר אויך פערשוואונדען געוואָרען
אונזער לעטצטע האָפנונג.

פון דיעזער צייט אָן האָבען מיר יעדען
אויגענבליק געוואַרט, אונזער הויז זאָל איינ־
פאַלען און עס זאָל ווערען מיט אונז איין
ענדע. דאָס הויז איז שוין געוועזען אונטער־
געשווייגקט און עס האָט זיך נאָר געהאַלטען
אויף איין וואַנד: ווי נאָר דיעזע וואַנד גיעט
זיך אַבראָך, פאַלט מיט אַמאָל איין דאָס
הויז. נאָר מעהר פון אַלץ האָט מיך גע־
וואָרפען אין אַ שווידער, וואָס דער דאַך האָט
אונטער אונז געקנאַקט, דאָס הויז וואָלט
זיך נאָך פיעללייכט געהאַלטען איבער נאַכט,
אָבער די קלאָטצער האָבען צעבראָכען און
צעריסען דעם דאַך און די דאַכציעגעל

האָבען זיך אַראָבגעלאָזען. מיר האָבען זיך פֿעררוקט אין דער לינקער זייט, וואו די קראָקוועס זיינען נאָך געוועזען שטאַרק, אָבער באַלד האָט זיך אונז געדאַכט, דאָס די קראָקוועס האָבען זיך אויך גענומען שאָקלען. געווים וועלען זיי זיך מוזען אַראָב לאָזען, ווען מיר אַלע פֿינף האָבען זיך צו־נויפֿגעשפּאַרט אויף אַזאַ קליינעם פּלאַטץ.

שוין צייט איינינע מינוט האָט מיין ברודער פּיער געהאַלטען די לולקע אין מויל שטאַרק פֿערטראַכט. ער האָט געקנייטשט די ברעמען, עפּעס געמורמעלט שטילערהייד, און געדרייהט זיינע אַלטע סאָלדאַטסקע וואָנשען: דיעזע וואַקסענדע געפֿאַהר, געגען וועלכע זיין דרייסטער מוטה האָט אויך ניט געקאָנט העלפֿען, האָט איהם שטאַרק אָנגעפֿאַנגען צו מאַכען באַנג. ער האָט מיט בעם צוויי דריי מאָל אַשפּיי געגעבען אין וואַסער. אַזוי ווי דער דאַך האָט אונטער אונז ניט אויפֿגע־האָרט צו זינקען, האָט ער זיך מיט אַמאָל בעשלאָסען און זיך אַראָבגעלאָזען נאָהנטער צום וואַסער.

— פּיער! פּיער! — האָב איך אַ געשריי געטהאָן פֿון שרעק...

ער האָט זיך אומגעקעהרט און רוהיג געזאָגט:

— זיי געזונד, לואי... איך פֿערנעהם,

פֿערשטעהסט דו מיך, צו פֿיעל אָרט. אָהן מיר וועט אַייך זיין געררוימער.

און ער האָט פֿאָראויס אַ וואָרף געטהאָן די פּיפּקע און נאָכהער אַליין אַריינגעפֿאַלען און דערביי געזאָגט:

— אַגוטע נאַכט! גענוג פֿיר מיך!..

מעהר האָבען מיר איהם ניט געזעהען. אַ שווימער איז ער געווען אַ שלעכטער. אויסער דעם האָט ער אַליין געוואָלט שטאַרבען: אונזער אונגליק און דער טויט פֿון זיינע ליעבע פֿריינד האָבען איהם אַזוי צעבראָכען, דאָס ער האָט דאָס ניט געוואָלט איבערלעבען. אויף דעם גלאָקטהורם האָט געשלאָגען צוויי אוהר. עס האָט זיך געענדיגט די נאַכט, דיעזע שרעקליכע נאַכט פֿון טויד־מאַטערנעס און טראָהרען. דער טרוקענער שטיקעל פּלאַטץ אונטער אונזערע פֿיס איז ביסליכווייז געוואָרען שמאָלער. עס האָט זיך געהאָרט דאָס מורמעלן פֿונ׳ם וואַסער; די וועלען זיינען געלאָפֿען איינע אויף די אַנדערע, אַזוי ווי קינדער וואָס שפּיעלען זיך. דער שטראָם האָט זיך געביטען; צעבראָכענע געגענשטאַנדען זיינען געשוואומען אין דער רעכטען זייט פֿונ׳ם דאָרף, אָבער אַזוי לאַנגזאַם, אַזוי ווי דער וואַסער וואָלט געוואָרען מיד אין רוהיגער, נאָכדעם ווי ער האָט עררייכט דעם האָכסטען פּונקט.

מיט אַמאָל האָט האַספּאַר אויסגעטהאָן

פֿון זיך די שטיעפֿעל און דעם יאַק, וואָס ער האָט געטראָגען. צייט אַ מינוט שוין האָט ער געצווינגען די האַנד און געבראָכען די פֿינגער. אויף מיין פֿראַגע, האָט ער געענטוואָרטעט:

— האָרט נאָר, זיידע, וואַרטען — איז פֿיר מיך דער טויד. איך קאָן לאַנגער ניט בלייבען, לאָזט מיר איך וועל איהר רעטען.

ער האָט גערעדט וועגען וועראָניקאַ. איך האָב איהם געוואָלט אָבשלאָגען פֿון דיעזעם געדאַנקען: ער וועט קיין קראַפֿטען ניט האָבען צו דערטראָגען דאָס מאַרכען ביז די קירכע. אָבער ער האָט זיך איינגעשפּאַרט.

— יע, יע, איך האָב שטאַרקע האַנד, איך בין גענוג שטאַרק. אַט וועט איהר זעהען.

ער האָט געזאָגט, דאָס ער וועט גלייך מאַכען אַ פּראָבע, וואָרום ווען ער בלייבט דאָ האָרען ווי עס ברעכט זיך אונטער די פֿים די שטוב, וועט ער ווערען אָבגעשוואַכט ווי אַקינד.

— איך ליעב איהר און וועל איהר רע- טען, — האָט ער וויעדערהאָלט.

איך האָב אַ וואָרט ניט גערעדט און צו- געדריקט צום הערצען מאַרי, דאַן האָט ער געמיינט, איך מאַך איהם שולדיג, דאָס ער זאָרגט נאָר פֿיר זיין געליעבטע, און האָט געזאָגט:

— איך וועל צוריקקומען און נעהמען מאַרי, איך שוואֶר אַייך. איך וועל געפֿינען אַ לאָדקע. איך וועל שוין אויסזוכֿען אַ מיטעל ווי זיך צו רעטען. פֿערלאָזט זיך אויף מיר.

ער איז געבליעבען אין איינע פֿאַנטאַלאָנען. געשווינד און מיט אַ האַלבע שטימע האָט ער ערקלאֶרט וועראָניקע, ווי זי זאָל זיך בענעהן: זי דאַרף ניט צופֿיעל פֿורכֿט האָבען און דאַרף זיך פֿערלאָזען אויף איהם, ער זאָל טהאָן מיט איהר ווי ער פֿערשטעהט.

דאָס יונגע מאֶדכֿען מיט פֿערטרויערטע אויגען האָט אויף אַלצדינג איינגעשטימט.

און האַספּאַר האָט זיך אַראָבגעגליטשט פֿון דאַך, האַלטענדיג וועראָניקאַ צוגעבונדען צו זיך מיט אַ שטריק. זי האָט געגעבען אַ געשריי, האָט זיך גענומען וואַרפֿען און דרעהעט אין וואַסער און איז געפֿאַלען אין אָהנמאַכֿט.

— אָט אַזוי איז בעסער, — האָט צו מיר אַ געשריי געטהאָן האַספּאַר: —

איך נעהם איהר אויף מיינע פֿעראַנטוואָרטליכֿקייט.

מאָן קאָן פֿערשטעהען מיט וואָס פֿיר שמערצען איך האָב זיי נאָכֿגעקוקט. איך האָב ניט אויסען געלאָזען די קליינסטע בעוועגונג וואָס האַספּאַר האָט געמאַכֿט. ער האָט געהאַלטען דאָס יונגע מאֶדכֿען מיט אַ שטריק, וואָס איז געוועזען אַרומגעוויקעלט

ביי איהם אַרום האַלז. עס איז אויסגעקומען אַזוי ווי זי שפּאַרט זיך אָן אויף זיין רעכטען שולטער. ער איז אַפּאָר מאָל פֿערשוואונדען געוואָרען אונטער זיין לאַסט, אָבער ער איז דאָך פֿאָרוואָרטס געגאַנגען, אָבוואָהל מיט איבער-מענשליכע אָנשטרענגונגען.

ער איז אַזוי אָבגעשוואומען ביינאַהע אַדריטעל וועג צו דער קירכע, בשעת ער האָט זיך פּלוטצלינג אָנגעשטויסען עפּעס אויף אַ פֿערבאָרגענע וואַנד אונטער'ם וואַסער! דער קלאַפּ איז געווען שרעקליך. זיי זיינעןביידע פֿערשוואונדען געוואָרען. אין אַ פּאָאָר מינוט אַרום האָט זיך בעוויעזען נאָר האַספּאַר אַליין: די שטריק האָט זיך, ווי עס שיינט, איבערגעריסען. ער האָט אַ פּאָאָר מאָל זיך אונטערגעטויכט אונטער'ן וואַסער. ענדליך איז ער אַרויף מיט וועראָניקאַ אויפ'ם שולטער. אָבער ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס איהר צו צובינדען צו זיך, און זי האָט איהם יעטצט נאָך מעהר געדריקט. וואָס נאָהנטער זיי זיינען צו געשוואומען צו די קירכע, האָב איך אַלץ מעהר געציטערט. פּלוטצלינג האָב איך געוואָלט אַ געשריי טהאָן, בעמערקענדיג ווי קלאָטצער שווימען געגען זיי, איך האָב ניט געקאָנט אַ וואָרט אויסרעדען: אַ נייער שטוים האָט זיי פֿערנאַנדערגעריסען און זיי זיינען ביידע פֿערשוואונדען אונטער'ם וואַסער.

פֿון דיעזער מינוט אָן האָב איך שוין קיין זאַך ניט פֿערשטאַגען. ביי מיר איז נאָר געבליעבען דאָס נאַטור געפיהל פֿון אַ טהיער, וואָס זאָרגט נאָר ווי צו ערהאַלטען דעם לעבען. ווי דער וואַסער איז צוגעגאַנגען נאָהנטער, האָב איך אַלץ אָבגעטראָטען. איך בין געוועזען ווי פֿערגליווערט. אין דיעזער לאַגע האָב איך אַ לאַנגע צייט געהערט נעבען מיר אַ געלעכטער און האָב אַלץ ניט געקאָנט פֿערשטעהן, ווער לאַכט דאָס. עס האָט אָנגעפֿאַנגען צו טאָגען. אויפֿ'ם הימעל האָבען זיך בעוויזען די ערשטע מאָרגענשטראַהלען, עס איז געוועזען קאַלט און שטיל, ווי אויף אַ ברעג פֿון אַ יין אויפֿוואַכענדען טייך פֿאַר דעם זאָנענאויפֿגאַנג. אָבער דער געלעכטער האָט זיך נאָך אַלץ ניט אויפֿגעהערט. אומקעהרענדיג זיך, האָב איך ערזעהען נעבען מיר מאַרי אין דורכגעווייקטע קליידער. זי האָט דאָס געלאַכט.

אָה, אָרמע און טהייערע בעשאָפֿנים! ווי שאָן און זאַנפֿט זי איז געוועזען אין דיעזער מאָרגענשטונדע! איך האָב געזעהען ווי זי האָט זיך אַיינגעבויגען, אָנגעשעפּט מיט'ם הויפֿען אַביסעל וואַסער און זיך אָבגעוואַשען דאָס געזיכט. נאַכהער האָט זי פֿערפֿלאָכטען איהרע שאָנע בלאָנדע האָאָר און האָט זיי פֿון הינטען צוזאַמענגענומען מיט אַ האָאָר נאָדעל. זי האָט געווים געמיינט, זי פוטצט

זיך דאָס אויס ביי זיך אים צימער זאָגטאָג, ביי דעם פֿראָהליכען גלאָקענקלאַנג. און זי האָט ווידער גענומען לאַכען ווי אַ קינד מיט אַ פֿראָהליכען גליקליכען געזיכט.

איך האָב אויך גענומען לאַכען, ווי זי: זי האָט מיך אַנגעשטעקט מיט איהרע וואָהנזיניגקייט. זי איז פֿון שרעק פֿון זינען אַראָב, און איך האָב דאַפֿיר גערטאַנקט גאָט.

איך האָב איהר ניט אָבגעהאַלטען. קיין זאַך ניט פֿערשטעהענדיג, האָב איך צו איהר צאָרטליך געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. זי האָט זיך אַלץ געפּוטצט. ענדליך, אַזוי ווי פֿאר דעם אַוועקגעהן, האָט זי גענומען מיט איהר דינענקע ריינע שטימעלע זינגען איינע פֿון די קירכליעדער. אָבער זי האָט באַלד אויפֿגעהאָרט און האָט אַ געשריי געטהאָן, אַזוי ווי זי וואָלט אַנטוואָרטען אויף אַ שטימע, וואָס מעהר ווי זי האָט קיינער ניט געהאָרט:

— איך געהע! איך געהע!

און זי האָט ווידער גענומען זינגען און צו גלייך אַרונטערגעהן פֿון'ם דאַך. נאָכהער האָט זי זיך אַראָבגעלאָזען אין וואַסער און איז רוהיג אַראָב אויפֿ'ן גרונד. איך האָב ניט אויפֿגעהאָרט צו שמייכלען און האָב מיט אַ גליקזעליגען געזיכט געקוקט אויף דעם אָרט, וואו זי איז פֿערשוואונדען געוואָרען.

וואָס ווייטער איז געשעהן, געדענק איך

ניט. איך בין געבליעבען אויפ'ם דאַך אַליין. דער וואַסער האָט זיך נאָך אויפגעהויבען. איין קוימען האָט זיך נאָך געהאַלטען און איך האָב, דאַכט זיך, מיך אָנגעצעפּעט אָן איהם מיט אַלע קראַפטען, ווי אַ טהיער וואָס וויל ניט שטאַרבען. נאַכהער — ווייס איך גאָרניכטס... עפּעס אַ פינסטערער אָבגרונד... קיין מענש, קיין טהיער, קיין טאָג, קיין נאַכט און קיין זאַך....

צו וואָס לעב איך נאָך? מאָן האָט מיר ערצאָהלט, דאָס אום זעכס אוהר אין דער פריה זיינען געקומען די איינוואָהנער פון סענטמען מיט לאָדקעס און האָבען מיך געפונען ליגענדיג אין אָהנמאַכט אויפ'ם קוימען. דער גרוידזאַמער וואַסער האָט מיך ניט צוגענומען אין דער צייט וואָס איך האָב מיין אונגליק ניט געפיהלט, נאָכדעם ווי ער האָט פערשלונגען מיין גאַנצע הויזגעזינד. יע, איך, אַלטער, אַליין בין געבליעבען. אַלע זיינען אַוועק, די קינדער און ווינדעלאַך, די מאָדכענס, די יונגע פאַמיליע, די אַלטערע פאַמיליע. און איך לעב, ווי אַ שלעכטער גראָז, אַ האַרטער, אַ טרוקענער, וואָס איז איינגעוואַכסען אין שטיינער! וואו נעמט מאָן מוטה צו טהאָן וואָס פיער האָט געטהאָן, און צו זאָגען: „גענוג פיר מיך, לעבט

וואָהל״, און אַרייַנשפּרינגען אין גאַראָנגע און אַוועק אַהין, וואָהין אַלע זיינען אוועק! קיין קינדער האָב איך שוין ניט, דאָס הויז איז צעבראָכען, די פֿעלדער פֿערוויסטעט. אָה! יענער אָבענד וואָס מיר זיינען אַלע געזעסען ביים טיש, די אַלטע אין מיטען, די יונגע פֿון די זייטען! אָה, וואָס פֿיר אַ פֿריידע עס איז דאַן געוועזען אַרום מיך! ווי וואַרם עס איז מיר געוועזען! אָה! גליקליכֿע טאָג פֿון שניט־צייט, פֿון אַראָבנעהמען פֿון די וויינ־גאָרטנער, בשעת מיר האָבען צוזאַמען גע־אַרבייט, צוזאַמען זיך צוריק־געקעהרט אַהיים, בערוישט פֿון אונזער רייכֿטהום! אָה! שאַנע קינדער, פּראַכֿטפֿאָלע וויינגאָרטנער, מאַדכֿען־שאָנהייטען, גראָסאַרטיגע פֿעלדער, גליק פֿון מיין אָלטער, לעבעדיגע בעלאָהנונג פֿיר מיין גאַנצען לעבען! איין מאָל איז דאָס אַלץ געשטאָרבען, וואָרום ווילסט דו, איך זאָל לעבען? קיין טרייסט איז פֿיר מיר מעהר ניט דאָ. קיין הילפֿע פּערלאַנג איך ניט, איך וועל מיינע פֿעלדער אַוועגגעבען די וואָס האָבען קינדער. זיי וועלען זיך ניט פֿוילען אָבריינגען די ערד פֿון די ברוך, וואָס דער וואַסער האָט אויף איהר אָנגעטראָ־גען, און ווידער בעאַרבייטען. דער וואָס האָט ניט קיין קינדער, פֿיר דעם איז גענוג אַ ווינקעלע וואו צו שטאַרבען. ביי מיר איז נאָר געבליעבען איין איינציגער — דער לעטצטער—

וואונש, איך וויל געפינען די קערפער פון די מייניגע, אום צו בעגראבען זיי אויף אונזער בית עולם אונטער איין מצבה, אונ־טער וועלכער איך וועל מיך אויך מיט זיי פעראייניגען. איך האב געהערט, דאס אין טולווע האט מאן פון טייך ארויסגענומען פיעלע טויטע קערפער. ביי מיר איז גע־בליעבען אהין צו רייזען.

וואס פיר א שרעקליכער אונגליק! ביז צוויי טויזענד איינגעפאלענע הייזער; זיעבען הונדערט טויטע; אלע בריקען אראבגעטרא־גען; א גאנצער קווארטאל צעבראכען, פער־טרונקען מיט בלאטע. גרויזאמע שוידערליכע בילדער: ביז צוואנציג טויזענד אומגליקליכע־נאקעטע, וואס שטארבען פון הונגער; די שטאדט, פערפעסטעט פון טויטע קערפער, איז אין געפאהר פערלארען צו געהען פונ׳ם טיפום! קיין הילפע אין דער וועלט איז ניט אים שטאנד צו פערהיילען די וואונדען, אבער איך בין געגאנגען צווישען דיעזען חורבן, קיין זאך ניט בעמערקענדיג. ביי מיר איז געוועזען איין אייגענער חורבן, אייגענע טויטע וואס האבען מיר צעררייסען דאס הערץ.

מאן האט מיר געזאגט, דאס מאן האט ווירקליך געפאנגען אין טייך פיעל טויטע קערפער. זיי זיינען שוין בעערדיגט געווארען אין עטליכע לאנגע צייל ען אין א ווינקעל פון

בית עולם. נאָר פֿון אונבעקאַנטע האָט מאָן געלאָזען אַרונטערנעהמען פֿהאָטאָגראַפֿהיעם. און צווישען דיעזע אונגליקליכֿע פֿהאָטאָגראַפֿיעם האָב איך ערקענט האַספּאַר און וועראָניקאַ. די פֿערלאָבטע האָט מאָן געפֿונעןביידע אַרומגענומען. זיי האָבען זיך אַזוי שטאַרק צוגעדריקט איינער צום אַנדערען זיך קוסענדיג אין דער לעטצטען מינוט, דאָס זייערע האָנד און זייערע ליפּען זיינען צוזאַמען אַזוי פֿערגליווערט געוואָרען, דאָס מאָן האָט זיי ניט געקאָנט פֿערנאַנדערנעהמען ביז מאָן זאָל זיי ניט צעבראָכֿען די גליעדער דעריבער האָט מאָן זיי פֿהאָטאָגראַפֿירט צוזאַמען און מאָן האָט זיי אין דר'ערד ווידער געלאָזען שלאָפֿען צוזאַמען...

פֿון מיין גאַנצען פֿערמאָגען איז ביי מיר נאָר איבערגעבליעבען דיעזער שרעקליכֿער פּאָרטרעט פֿון די שאָנע קינדער: זיי זיינען אין וואַסער אָנגעשוואָלען און פֿעראָנדערט געוואָרען, אָבער אויף זייערע הייליגע געזיכֿטער איז געבליעבען דער אויסדרוק פֿון העלדענמוטה און צאָרטליכֿקייט. איך קוק אויף זיי און וויין.

ק. אָרט.

דִי שְׁפִּיאָנִין.

(איינע אַמעריקאַנישע ערצאָהלונג).

מאַגדאַלינאַ פֿערסטער האָט אויף קיין אַרט ניט געקאָנט פֿאָהרען אויפ'ן וואָקזאַל בעגעגענען איהר מאַנן. די קליינע עלזע, איהר איין-איינציגע דריי יאָהריגע טאָכטע-רעל, האָט געהאַט עטוואָס היטץ, און אָבוואָהל דער דאָקטאָר האָט אין דער פֿריה געזאָגט, דאָס, ווי עס ווייזט אויס, איז קיין געפֿאַהר ניט דאָ, דעננאָך האָט זי זיך ניט בעשלאָסען אַפֿילו אויף אַ האַלבע שטונדע נאָר אַוועגצוגעהען פֿונ'ם קראַנקען קינד.

זי איז געשטאַנען ביים פֿענסטער און ניט אַראָבגעלאָזען אַיין אויג פֿון דעם וועג. עס איז נאָך ניט אַוועק קיין פֿיער טאָג ווי איהר מאַנן איז אַוועקגעפֿאָהרען, אָבער ציייט זיי האָבען ביידע געהייראַטהעט, ד. ה. באַלד שוין פֿינף יאָהר, איז דאָס

געוועזען דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיי האָבען זיך געשיידט אויף אַזאַ צייט, און מאַגדאַלינאַ האָט זיך זאָגאַר אַביסעל געשעמט, וואָס דיעזע ערשטע שיידונג קומט איהר פֿאָר אַזוי שווער. אין די דריי טאָג פֿון איהרע טרויעריגע איינזאַמקייט האָט זי זיך איבערציינגט, ווי שטאַרק, ווי אונטרעֶנבאַר עס זייען די קייטען, וואָס האָבען צונויפֿגעבונדען איהר הערץ מיט דיעזען מאַנן, צוליעב וועלכעם זי האָט זיך מיט פֿינף יאָהר צוריק ענטזאַגט פֿון טהעאַטער, וואו עס איז איהר פֿאַרגעשטאַנען אַ גלאַנצענדעס גליק, און זי האָט דאָס גאָר ניט געהאַלטען פֿיר זיך פֿיר אַ זאַ שווערעס אָפּפֿער.

די האָפֿנונגען, מיט וועלכע דאָס יונגע, אונערפֿאַהרענע און אָהן עלטערן געבליעבענע מאָדכען האָט זיך אָבגעגעבען צו דער סצענע, זייען שוין צו יענער צייט פֿאַרבייגעפֿלויגען, ניט קוקענדיג אויף דעם לייכט געמאַכטען פֿאָרטשריט. דיעזער פֿאָרטשריט וואָלט איינער אַנדערע, פֿיעללייכט, פֿערדרייהען דעם קאָפּ, אָבער זי איז קיין מאָל ניט מיד געוואָרען צו אַרבייטען איבער איהר ענטוויקעלונג, און איז קיין מאָל ניט געבליעבען צופֿריעדען מיט זיך. אין דער קליינער געזעלשאַפֿט פֿון איהרע שטאָלצע קאָלעגען האָט זי זיך

געפֿיהלט איינזאַם. דעריבער האָט זי זיך אָהן די מינדעסטע פֿערדרוס בעשלאָסען זיך צו ענטזאַגען פֿון איהר פֿאָריגע פּראָפֿעסיאָן אין דעם טאָג וואָס זי איז געוואָרען אַ כּלה מיט'ם אינזשעניער־טעכנאָלאָג ריכאַרד פֿערסטער, מיט וועלכען זי איז בעקאַנט געוואָרען ביי איהרע פֿריינד אים הויזע און האָט זיך אין איהם פֿערליעבט.

דאָס ער האָט אויך עטוואָס געאָפּפֿערט צו ליעב איהר, און נאָך מעהר, ווי זי, דאָס האָט זי ערשט ערפֿאַהרען נאָך דער חתונה, און דאָס אויך נאָר מיט אַ צופֿאַל. אום ניט צו בעטריעבען די רוהע פֿון איהר זעעלע, האָט איהר צאָרטליכער מאַנן, פֿערשטעהט זיך, פֿערשוויעגען פֿון איהר, דאָס זיין איינציגע פֿערוואַנדטע וואָס עס איז איהם נאָך געבליעבען, אויסער זיינע צוויי ברידער, אין וועלכע איז זעהר אַ רייכע פּערזאָן און זיינע אַ טאַנטע, האָט אָנגעווענדט אַלע קרעפֿטען איהם אָבצוהאַלטען פֿון זיין בעשלוס, צו הייראַטהען מיט איין אַקטריסע. דיעזע דאַמע, ווי אַ רייכע טאַנטע, פֿון וועלכער מאַן וואַרטעט צו בעקומען ירושה, איז געוואָהנט געוועזען, מאַן זאָל איהר דורכאוים פֿאָלגען. דערצו איז זי געוועזען אָנגעצויגען ביז אין די מאַרך פֿון די ביינער מיט פֿערשיעדענע פֿאָראורטהיילע.

דעריבער האָט זי פֿערלאָרען די געדולד, זוען אויף אַלע איהרע איבערצייגונגען און בעפֿעהלע האָט דער יונגער טעכנאָלאָג ענטשיעדען און דרייסט געאַנטוואָרטעט, דאָס ביי דיעזעם וויכטיגען טריט קאָן ער זיך צו פֿרעמדע מיינונגען ניט צוהאָרען און מוז האַנדלען נאָר ווי זיין אייגען הערץ הייסט איהם. די טאַנטע איז געוואָרען שרעקליך באָז און האָט איהם שריפֿטליך געגעבען וויסען, דאָס זי ענטזאַגט זיך פֿון איהם, און דאָס ביי איהר איז געבליעבען ניט אַנדערס, איהם אויסצומעקען פֿון איהר צוואָה. צופֿאָליגער ווייזע איז דער בריעף, אין וועלכעם די טאַנטע האָט דאָס ריכאַרד'ן מיטגעטהיילט, אַמאָל אַריינגעפֿאַלען צו דער יונגע פֿרוי אין די האַנט.

פֿון יענער צייט אָן האָט זיך אויף איהר יונגעם גליק געלייגט אַזוי ווי אַ שאָטען. ער האָט ניט ליעב געהאַט מיט איהר צו רעדען פֿון געשאָפֿטס אַנגעלעגענהייטען; אָבער דעננאָך האָבען איהרע קלוגע אויגען געזעהען מעהר, וויפֿיעל ער האָט גערעכענט. — אַ קורצע צייט פֿאַר דער האָכצייט האָט זיך דער יונגער אינזשיניער ענטזאַגט פֿון די שטעלע, וואָס ער האָט בעטראָטען אין אַ פֿרעמדען געשאָפֿט, און האָט בשותּפֿות מיט אַ יונגען קאָמערסאַנט געגרינדעט אַ פֿאַבריק פֿון עלעקטרישע

מאַטעריאַלען. ער האָט געמוזט פֿערטהאָן איוף דעם זיין גאַנצען קליינען קאַפּיטאַל, ווייל זיין קאָמפּאַניאָן פּאַול אָמבערג האָט נאָר געקאָנט אַריינלייגען אין געשאָפֿט זיינע געניטקייט, ערפֿאַהרענהייט און וויסענשאַפֿט, וואָס זייען ווערטה געוועזען, נאָך פֿערסטער'ס מיינונג, זעהר פֿיעל.

ווי עס האָט אויסגעזעהען פֿון אַלצדינג, איז די פֿאַבריק געגאַנגען גאַנץ גוט.ביידע קאָמפּאַניאָנען — אָמבערג איז געוועזען אונפֿערהייראַטהעט – האָבען זיך געלעבט ווען ניט איבריגס רייך און פֿערשווענדע-ריש, דאָך יעדענפֿאַל גאַנץ בעקוועם. אָבער פֿון איניגע צופֿעליגע ווערטער, וואָס זי האָט אַ מאָל געהערט, פֿון אַנדערע אויסדריקע, וואָס איהר מאַנן פֿלעגט זיך אַ מאָל אויסרעדען, האָט מאַגדאַלינאַ געוואוסט, דאָס עס קומט איהם אויס צו מאַכען זעהר שווערע אָנשטרענגונגען. דער מאַנגעל אין געלד האָט ניט ערלויבט צו פֿערברייטערן די פֿאַבריק, אָבוואָהל צו ליעב דער קאָנקורענץ, וואָס איז אימער געוואָרען גראָסער, איז דאָס געוועזען זעהר נאָטהיג. און אַזוי ווי ריכאַרד האָט אויף קיין אַרט ניט געוואָלט אַריינקריעכען אין שולדען, האָט אָפֿט די פֿאַבריק זיך געמוזט ענטזאַגען פֿון גרויסע און גוטע בעשטעלונגען, ווייל מיט די געלט וואָס זי

האָט געהאַט, איז זי ניט געוועזען אים שטאַנדע דיעזע בעשטעלונגען צו ערפילען.

ער האָט זיך דעננאָך קיין מאָל ניט בעקלאַגט, און האָט ניט אויפגעהערט צו פערזיכערן זיין פרוי, דאָס גליקליכער פון איהם איז ניט דאָ אויף דער גאַנצען וועלט. אָבער מאַגדאַלינאַ האָט זיך געדאַכט, דאָס ווען ריכאַרד וואָלט מיט זיינער הייראטהה מיט איהר ניט אויפגעבראַכט געגען זיך די רייכע טאַנטע, וואָלט זי איהם געוויס יעטצט שוין אָבגעגעבען אַ רעכטע טהייל פון דער צוקינפטיגע ירושה. און מאַגדאַלינאַ האָט געליטען ביי דעם געדאַנקען, דאָס זי פערצאַמט איהם דען וועג צו זיין גליק.

אָבער קיין מאָל האָבען נאָך איהר די געדאַנקען פון דיעזער אַרט ניט געמאַכט אַזוי פיעל שמערצען, ווי אין די לעטצטע טאָג. יעטצט נעמליך האָט זיך בעדאַרפט ענטשיידען, אויב ער וועט ווירקליך פיר זיין פאַמיליען גליק מוזען בעצאָהלען מיט זיין פערמאָגען. דער ברודער האָט איהם מיט אַ טעלעגראַמע אַרויסגערופען צום בעט פון דער געפאָרליך קראַנקע טאַנטע, און גלייך ווי ריכאַרד איז געקומען אין שטאָדט, האָט ער זיין פרוי מיטגעטהיילט, דאָס ער האָט איהר שוין געפונען שטאַרבענדיג און אָהן אַ זינען. וועגען צוריק

גוט פריינד ווערען איז שוין אונמאָגליך געוועזען צו דענקען, און פערסטער איז פערבליעבען ביז דעם טאָג פון דער בעערדיגונג נאָר אום צו בעצאָלען דער פערשטאָרבענע די לעטצטע שולד. אין דעמזעלבען טאָג, — האָט ער פערביינגע-הענדיג געשריבען אין זיין בריעף. — וועט מאָן אָפנען די צוָאָה.

דאָס האָט געזאָלט פּאַסירען געסטערן, און געסטערן נאָך שפּעט אין דער נאַכט האָט זי בעקומען פון איהר מאַנן אַ טעלעגראַמע, אין וועלכער ער האָט איהר נאָר מיטגעטהיילט, דאָס ער קומט צוריק אַ היים אויפ'ם צווייטען טאָג. ד. ה. היינט נאָך מיטטאָג. די הויפּט אורזאַכע וואָס איהר הערץ האָט יעטצט אַזוי אונגעדולדיג געברענט, איז געווים געווע-זען דער הייסער וואונש, וואָס שנעלער צו זעהען זיך מיט'ם מאַנן; אָבער אויסער דעם האָט זיך איהר אויך שטאַרק געוואָלט ענדליך ערפאַהרען בעשטימט דען אינהאַלט פון דער צוָאָה. און ווי גרויס עס איז געוועזען איהר פריידע ווען זי האָט ער-זעהען אויפ'ם וועג אַ קאַרעטע מיט איהר מאַנן, איז איהר דאָך מיט אַ מאָל געוואָרען אַזוי שווער און דאָס הערץ האָט איהר אזוי צונויפ-געדריקט, דאָס ריבאַרד האָט זיך ערשראָקען

פון איהר אונרוהיגען אויסזעהען, ווערענד זיי האבען זיך בעגעגענט.

אבער נאכדעם ווי זי האט איהם בע-רוהיגט, דאס אין עלזע'ס קראנקהייט איז קיין געפאהר ניט דא, איז ער געווארען ווידער ליעבענסווירדיג און מילד ווי אלע מאל. דען טויד פון די אכציג יאהריגע טאנטע האט ער זיך געוויס ניט געקאנט אזוי שטארק נעהמען צום הערצען, און די פריידע פון דעם, דאס ער זעהט זיך ענדליך ווידער מיט זיין יונגע שאנע פרוי, האט הערויסגעטריעבען ביי איהם פון קאפ די טרויעריגע איינדריקע פון די לעטצטע טאג.

פון דער צוואה וואלט ער ליעבער גאר ניט גערעדט און דעריבער האט ער זיך ארויסגעמאכט פון איין אנטווארט אויף די פראגע, וואס מאגדאלינע האט איהם גע-מאכט וועגען דיעזען געגענשטאנט זי האט אבער די פראגע ווידערהאלט און ער האט איהר ניטוויליגענדיג געמוזט אויסזאגען די גאנצע וואהרהייט.

די אלטע האט ערפילט איהר דראהונג ווארט. אין דעמזעלבען טאג וואס ער האט חתונה געהאט מיט מאגדאלינא, איז גע-ווארען פערפאסט די צואה, אין וועלכער עס איז דייטליך געשטאנען, דאס מאן זאל אבנעהמען פון איהם זיין טהייל ירושה

אױן אָבגעגעבען זײנע ברידער. די פֿינף יאָהר, װאָס זײען פֿערלאָפֿען פֿון יענעם טאָג, האָבען ניט געמינדערט דען שרעקליכען צאָרן פֿון זײנער טאַנטע, און איהר שטרענגער װילען איז ביז איהר טױט געבליעבען אונגעאָנדערט.

מאַגדאַלינאַ האָט זיך ניט געקאָנט אײנהאַלטען פֿון טראָהרען און האָט פֿערדעקט מיט די האַנד דאָס געזיכט.

— און איך... איך אַלײן בין אין דעם שולדיג, — האָט זי געזאָגט: װאָס פֿיר אַ גליקליכען צוקונפֿט װאָלט זיך דיר יעטצט פֿאָרגעשטעלט, װען עס װאָלט זיך מיט דיר ניט טרעפֿען אַזאַ אונגליק, װען דו װאָלסט מיך ניט בעגעגענט אויף דײן לעבענס װעג!

אין דער גאַנצען צײט פֿון זײער צוזאַמענלעבען איז ער נאָך כמעט קײן מאָל ניט געװאָרען אַזױ אױפֿגעבראַכט, װי פֿון דיעזע איהרע לעטצטע װאָרטער. נאָך דעם טאָן פֿון זײן שטימע האָט זי שױן געהאָרט, װאָס פֿיר שמערצען זי האָט איהם געמאַכט, און זי האָט געדולדיג אױסגעהאָרט די ערנסטע, כּמעט צאָרניגע אַנטװאָרט, װאָס ער האָט איהר געגעבען אויף איהרע װאָרטער. דיעזע אַנטװאָרט איז געװעזען פֿיר איהר אַ שטראַפֿע און צו גלײך דאָס גראָסטע גליק, װײל ער

האָט נאָך קיין מאָל אַזוי ניט ענטדעקט פֿאַר איהר זיין ליעבע, ווי יעטצט, ווען עס האָט איהם אַזוי פֿערדראָסען, דאָס זי האָט איהם געקאָנט בעליידיגען מיט אַזאַ פֿערדאַכט, דאָס עס קאָן געבען אין דער וועלט אַזאַ רייכטהום, וואָס זאָל זיין ביי איהם טהייערער ווי דאָס גליק צו האָבען איהר פֿיר אַ פֿרוי.

מאַגדאַלינאַ האָט ביז ענדע אויסגעהערט זיין באָזע רעדע און האָט איהם ניט איבערגעהאַקט; אָבער ווי ער האָט געענדיגט, האָט זי האַסטיג אַרומגענומען מיט די האַנד זיין האַלז און זיך צוגעדריקט מיט'ם געזיכט צו זיין ברוסט.

— פֿערצייע מיר, מיין ליעבער, מיין טהייערער! איך בין ניט אים שטאַנדע דיר צו ערקלערען, וואָס פֿיר איין גליק, וואָס פֿיר שטאָלץ דו האָסט מיר געשאָנקען אין דיעזער מינוטע!

איינינע מינוטען זייען פֿערלאָפֿען אין דיעזער זעלבסטפֿערגעסענהייט פֿון בּיידע ענ־גען, און ערשט נאַכהער האָט זיך מאַג־דאַלינאַ ערינערט, דאָס זי האָט ע וואָס מיטצוטהיילען איהר מאַנן.

— איך וואָלט דיך היינט גאָר ניט ווע־לען אָבלאָזען פֿון זיך, — האָט זי מיט אַ ליעבען שמייכעל צו איהם געזאָגט: — אָבער פֿיעלייכט וועט קלינגער זיין, ווען דו

ווערסט ניט קוקען אויף דעם וואָס דיין נאַרישע פרוי פערלאַנגט, און וועסט פריהער אַראָבלויפען זעהען, וואָס עס טהוט זיך אין פאַבריק. דער אַלטער זימער איז דאָ היינט געוועזען דריי מאָל, און זיך אַלץ נאָכגעפראָגט, אויב דו ביזט שוין ניט געקומען צו פאָהערען. און ער האָט מיך געבעטען מיט אַזאַ פייערליכע שטימע, איך זאָל דיר זאָגען גלייך ווי דו קומסט, דאָס מאָן וואַרט אויף דיך אין קאָנטאָר, דאָס איך האָב זיך, עהרענוואָרט, כּמעט ערשראָקען! ער האָט געזאָגט, דאָס ער בעט דיך קומען די זעלבע מינוט, ניט אַנדערס, וואָרום עס האַנדעלט זיך וועגען זעהר אַ וויכטיגע זאַך, וואָס מאָן קאָן ניט אָבלייגען.

— נו קיין בעזאָנדערע וויכטיגע געשעפ־טען, וואָס מאָן זאָל זיך דאַרפען אַזוי איילען, קאָן דאָרט ניט זיין. איבריגענס, איז דאָך דאָ אָמבערג, וואָס קאָן אָנשטאָט מיך טהאָן וואָס מאָן דאַרף.

— אָמבערג? — האָט עטוואָס פערוואונ דערט געפראָגט מאַגדאַלינאַ: — ווייסט ד דען ניט, דאָס ער איז אַוועקגעפאָהרען?

— ווי? ער איז נאָך ניט געקומען צוריק? ער האָט דאָך נאָך אין דעם ט:ג פון מיין אָבפאָהרען בעדאַרפט צוריק

קומען פֿון זיין קורצע געשאֶפֿטסרייזע? וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

— איך ווייס ניט, ריכאַרד, ווי ווייט איך געדענק, האָט דער בוכהאַלטער נאָר געזאָגט, דאָס ער האָט פֿון אָמבערג קיינע נאַכריכטען ערהאַלטען.

— מיין גאָטט! וואָס האָט דאָרט גע־קאָנט מיט איהם טרעפֿען אין וועג?! יעדענפֿאַלס מוז איך אַראָבלויפֿען זעהען.

ער האָט איהר ווידער געגעבען אַ קוש און גענומען געהן צו די טהיר. מאַגדאַלינאַ האָט אַ ווײַלע געטראַכט, נאָכ־הער איז זי איהם האַסטיג נאָכגעלאָפֿען און איהם אַרױפֿגעלייגט די האַנד אויפֿ'ן רוקען:

— זיי נאָר ניט בּאָז, מיין ליעבער, – האָט זי ערשראָקען געזאָגט צו איהר מאַנן: – ווען איך וועל דיר וואָס זאָגען אַ נאַרישקייט. דו ווייסט, איך מיש זיך קיין מאָל אין דיינע געשאֶפֿטען ניט אַריין; אָבער דיין קאָמפּאַניאָן געפֿאָלט מיר וואָס אַ טאָג ווייטער אַלץ וויינינגער. ווי האָפֿליך און ליעבענסווירדיג ער זאָל ניט זיין, קאָן איך איהם דאָך ניט האַלטען פֿיר איין עהרליכען גוטען מענשען. בעזאָנ־דערס אין די לעטצטע טאָג זאָגט מיר עטוואָס דאָס הערץ, דאָס מאָן קאָן איהם ניט טרויען.

— וואָס פֿיר איין אונפֿערשטאָנדליכער פֿערדאַכֿט ! אָמבערג האָט קיין מאָל קיין אורזאַכֿע ניט געגעבען, איך זאָל האָבען אויף איהם אַ פֿערדאַכֿט. ווידער איז ער דאָך פֿעראינטערעסירט אין דעם געשעפֿט ניט ווייניגער ווי איך. נו, זאָג אַליין, איז ניט נאַריש איהם ניט צו טרויען ?

עס איז געוועזען צו זעהען, דאָס מאַגדאַלינעס פֿערדאַכֿט האָט אויף איהם געמאַכֿט אַ שלעכֿטע ווירקונג, און זי האָט שוין חַרָטָה געהאַט, וואָס זי האָט גאָר מיט איהם געמאַכֿט ווענען דעם א רייד. ריכֿאַרד איז אַוועק אין פֿאַבריק, און זי איז ווידער געגאַנגען צו דעם קינד, אין דער האָפֿנונג, דאָס איהר מאַנן וועט באַלד קומען צוריק. אָבער ווי עס ווייזט אויס, איז די זאַכֿע, צוליעב וועלכֿער מאָן האָט איהם גערופֿען אין פֿאַבריק, געוועזען וויכֿטיגער, ווי ער האָט געמיינט; ווארום עס איז אַוועק אַ שטונדע נאָך אַ שטונדע און ער איז אַלץ נאָך צוריק ניט געקומען. און ווען מאָן האָט ענדליך אָנגעקלונגען און זי איז צוגע-לאָפֿען אָפֿנען די טהיר און אַריינלאָזען איהר מאַנן, איז פֿאַר איהר געשטאַנען גאָר ניט איהר מאַנן, אָבער דער יונגער בוכֿהאַל-טער פֿון פֿאַבריק.

— אַייער מאַנן האָט געבעטען אייך זאָגען, מאַדאַם, איהר זאָלט זיך ניט

בעאונרוהיגען, אויב ער וועט ניט קומען ביז נאַכט: אַ וויכטיגער אומשטאַנד האָט געפאָדערט, ער זאָל די זעלבע מינוט פאָהרען אין שטאָדט.

אָבער מאַגדאַלינאַ האָט שוין רוהיג ניט געקאָנט זיין. דאס הערץ האָט איהר געזאָגט, דאס עס איז עטוואָס שלעכטעס געשעהען און זי האט די איבעריגע צייט פונ'ם טאָג פערבראַכט אין קלאָרין' וואָס דאָס קען זיין. עס איז שוין געוועזען צעהען אוהר, ווען זי האָט ענדליך ער־האָרט אין פאָרצימער די בעקאַנטע טריט פון איהר מאַנן. זי איז שנעל ווי אַפייגעל אַרויסגעפלויגען, אָפען מאַכען די טהיר— אָבער זי האָט זיך געמוזט אָנהאַפּען אויף אַמינוט פיר דען קאָסיאַק פאַן טהיר אום זי זאָל ניט פאַלען: אַזוי האָט זי זיך ער־שראָקען פאָהן איהר מאַנג'ס געשטאַלט, ער האָט אויסגעזעהען אַזוי בלייך און אָב־געצעהרט, ווי ער וואָלט געוואָרען אַלט פון דער פריה ביז יעטצט. אָנשטאָטט דעם געוואָהנליך מונטערען און פראָהליכען יונ־גען מאַנן, איז געשטאַנען פאַהר איהר איין אָבגעשוואַכטער, אַנגעבראָכענער קראַנקער.

בעמערקענדיג איהר אונרוהע, איז פערסטער צוגעגאַנגען צו איהר און האָט איהר גענומען פירביידע הענד.

— שטאַרק זיך און פֿערליער קיין מוטה ניט, מיין אָרמעס ווייבכען, — האָט ער צו איהר געזאָגט מיט אַהאַלבפֿער־שטיקטע שטימע: — גאָטט זעהט, דאַס איך האָב דאָס געוואָלט פֿאַרבאָרגען פֿון דיר! אָבער צום אונגליק, איז שוין ניט דאָ וואָס צו מאַכען. מאָרגען וואָלסט זאָ ווי זאָ דאַס ערפֿאַהרען. איך האָב אַלעס פֿערלאָרען איך בין צו גרונדע געריכטעט, איך בין איין אָרעמאַן!

ער האָט געפֿירכטעט, דיעזעס שרעק־ליכע וואָרט זאָל איהר אין גאַנצען ניט צוברעכען. אָבער צו זי האָט ניט גלייך פֿערשטאַנען די גאַנצע בעדייטונג פֿון דעם וואָס ז האָט ערפֿאַהרען, אָדער זי האָט געוואָלט בעווייזען, דאַס זי קאָן ווירקליך זיין פֿעסט און מוטהיג, נאָר זי האָט אַרויסגעוויזען אַמערקווירדיגע רוהיגקייט און קאַלטקייט.

— ווי אַזוי איז דאָס געשעהען, ריכאַרד? דאַרין ביזט דו דאָך שוין געוויס ניט שולדיג? — מעהר ווי דאָס האָט זי ניט געפֿרעגט.

— אָבער יע, מיין שולד איז דאָ אויך פֿאָרהאַנדען, — האָט ער קוים געקאָנט אויס־ריידען: — ווען איך וואָלט ניט געוועזען אַבלינדער, לייכט-גלויביגער נאַר, וואָלט איך אויך בעמערקט, וואָס דיינע קלוגע אויגען האָבען שוין לאַנג געזעהען: דער

מענש, פֿאַר וועמען עס איז ביי מיר קיין געהיימניס געוועזען, דער מענש וואָס איך האָב שטענדיג אָהן דעם קליינסטען אָבהאַלט גאַראַנטירט פֿיר זיין עהרליכקייט מיט מיין אייגענע עהרע, דיעזער מענש האָט זיך אַרויסגעוויזען פֿיר אַטויגע־ניכטס, אַדיעב און אַבעטריגער. ער האָט זיך פֿערשטעלט פֿיר מיין פֿריינד און האָט מיך בעגנבֿט, ער האָט ביי מיר צוגענו־מען אַלעס, מיין פֿערמעגען און מיין עהרליכען נאָמען.

די שמערצען, וואָס ער האָט איבער־געלעבט אין דיא לעטצטע עטליכע שטונדען, האָבען איהם אַזוי צו בראָכען, דאַס ער האָט קיין קראַפֿטען ניט געהאַט זיך צו האַלטען אויף די פֿיס און ער האָט קוים זיך אַנידער געזעטצט אויף דעם ער־שטען שטוהל, וואָס ער האָט געמערקט, אָבער מאַגדאַלינע האָט מיט איהרע האַנד אַרומגענומען זיין האַלז און זיך צאַרטליך צוגעדריקט מיט איהר באַק צו זיין באַק.

— דאָס זאָגסט דו וועגען אַבמערג. ער־צאַל מיר, מיין טהייערער, אַלעס, ווי אַזוי האָט ער דיך אָבגענאַרט. דער בע־טריגער?

— ווי עס שיינט, האָט ער אָהן מיין וויסען געשפּיעלט אויף דער באָרזע, אָדער ער האָט זיך אָבגעגעבען מיט אַנדערע

פֿערדערבליכֿע ליידענשאַפֿטען. ווי די
מַעשׂה איז, די געשעפֿטסרייזע, וואָס ער
האָט אויסגעדענקט מיט צוועלף טאָג צו־
ריק, איז געוועזען ניט מעהר ווי אַשווינ־
דעל צו ענטלויפֿען, איהם איז נאָטהיג
געוועזען זיך צו פֿערבערגען אין אַ זיכֿע־
רען אָרט. וואָרום די געביידע פֿון ליגען
און בעטריג, וואָס דיעזער שווינדלער האָט
אויפֿגעשטעלט, האָט זיך לאָנגער ניט גע־
קאָנט האַלטען, און וואָלט איינגעפֿאַלען אויף
זיין אייגענע קאָפּ. וויפֿיעל עס בעטרע־
פֿען זיינע אַלע שווינדעל שטיק, קאָן איך
זיך נאָך יעטצט ניט קלאָר מאַכֿען,
אָבער דאָס וואָס איך וויים שוין, איז
אויך גענוג מיך צו פֿערניכֿטען, געסטערן
און היינט איז אַריין אין אונזער קאַנטאָר
פֿיער וועכסלען, וואָס אָמבערג האָט אונ־
טער געשריבען אין נאָמען פֿון אונזער
פֿירמע, אויף אָסומע האָכֿער פֿון פֿיערציג
טויזענד מאַרק, און מאָן דאַרף וואַרטען
דאַס מיט דיעזע וועכסלען איז נאָך ניט גע־
ענדיגט די זאַכֿע. אויסער דעם האָט
דער טויגעניכֿסט פֿאַר דער אָברייזע גע־
נומען ביי אונזער באַנקיער אויף די רעכֿ־
נונג פֿון דער פֿירמע אַגרויסע סומע געלד,
און ווי עס שיינט, האָט ער נאָך אָנגע־
נומען ביי פֿיעלע פֿון אונזערע קליענטען,
וואָס זייען אונז שולדיג געוועזען. ווען אַפֿילו

איך וואָלט קאָנען דעקען די היינטיגע וועקס־לען, איז אויך אונמעגליך אויסצומיידען די קאַטאַסטראָפֿע. מאָרגען אין דער פֿריה וועל איך אַליין אָנצייגען אין געריכט פֿון מיין באַנקראָטירונג און וועל בעטען, מאָן זאָל בעשטימען אַקאָנקורס.

— און דו ביזט, ריכאַרד, דורכאויס איבערצייגט, דאַס דו שטעלסט זיך ניט פֿאַר די זאַכע פֿיעל שלימער, ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט? קאָן מאָן דען אָהן איינע איבערלייגונג דיך מאַכען שול־דיג פֿיר די פֿאַלשען, וואָס דיין קאָמפּאַנ־יאָן האָט געמאַכט?

— עס פֿערשטעהעט זיך, דאַס מאַן קאָן, און מאַן וועט מאַכען, איין מאָל איז ער געוועזן בעפאָלמאָכטיגט זיך אונטער־צושרייבען אין דעם נאָמען פֿון דער פֿירמע. איך קאָן נאָר פּרווען, פֿיעללייכט וועל איך נאָך קאָנען אַם וועניגסטען רע־טען מיין עהרע. אָבער, וועט זיך מיר דאָס איינגעבען אָבער ניט, יעדענפֿאַלס איך בלייב איין אָרעמאַן.

מאַגדאַלינאַ, וואָס האָט גאָר ניט פֿער־שטאַנען און איז געוועזן גאַנץ פֿרעמד אין געשאָפֿטס אנגעלעגענהייטען, האָט איהם גאָר ניט געקאָנט איינרעדען אויף זיינע ווערטער. אָבער ער האָט אָנגע־נומען איהר שווייגען פֿיר אַפֿאָרוואורף,

און דאָס האָט נאָך פערגרעסערט זיינע שמערצען און געגעבען אורזאַכע זיך זעלבסט צו בעשולדיגען. ער האָט זיך ווידער גענומען בעקלאָגען, וואָס צוליעב זיין נארישע נאַכלאָסיגקייט און זיין בלינ־דען צוטרויען, איז ער געוואָרען דער הויפּט שולדיגער פון איהר אונגליק.

— איך האָב זיך אַמאָל פאַר דיר בע־ריהמט, דאַס עס וועט דיר קיין זאַך אין דער וועלט ניט פעהלען, און יעטצט ביזט דו פעראורטהיילט וויפיעל יאָהר צו לעבען אין נאָטה און אין מאַנגעל.

עס איז שווער געוועזן ניט צופער־שטעהען, דאָס נאָר דער געדאַנקען וועגען איהר האָט איהם געבראַכט דער צו, ער זאָל זיך פאָרשטעלען זיין שיקזאַל אַזוי שרעק־ליך. אָבער מאַנדאַלינאַ האָט אין דיעזע מינוטען אַרויסגעוויזען די גאַנצע עדעל־קייט פון אַפּרויען הערץ, פיר וועלכעס עס איז קיין אָפּפער ניט צו שווער. מיט אַ זעלכע פריינדליכע, האָרצליכע אויסדרי־קע, דאַס עס איז אונמאָגליך געוועזען צו צווייפלען אין די ריכטיגקייט פון איהרע וואָרטער, האָט זי איהם גענומען פערזיכערן, דאַס זי האָט איהם נאָך קיין מאָל ניט געליעבט אַזוי הייס, אַזוי ערגע־בען ווי גראַדע יעטצט.

— ביז היינטיגען טאָג, — האָט זי

געזאָגט: — האָב איך ערפילט מיין שולד און מיינע פפליכטע נאָר אויף דער האַלפט, און איך האָב ניט איין מאָל אין דער שטיל שרעקליך געליטען דער פון, דאָס געהמענדיג אַנטהייל אין דיינע פריידען, בין איך ווייט פון דיינע זאָרג און פון די אונאַנגעהמליכקייטען, וואָס דו האָסט אים לעבען. איך האָב געוואוסט, דאָס צוליעב דיין הייראטהען האָסט דו פערלאָרען אַ גאַנצען פערמאָגען, און דעננאָך האָב איך קיין מיטעל ניט געהאַט, ווי דיר צו בעווייזען מיינע דאַנקבאַרקייט. יעטצט אָבער, ווען דער שיקזאַל האָט מיר גע־געבען אַגעלעגענהייט דיר עס צו בעוויי־זען, יעטצט נאָר פיהל איך מיט שטאָלץ דאָס איך בין דיין בעגלייטערין אים לע־בען. און וואָס די צוקונפט וועט אונז ניט ברייננגען, וועל איך אַלעס מיט דיר נערן און פראָהליך איבערטראָגען.

ער האָט איהר האַסטיג צונויפגעדריקט אין זיינע אַרמע, און אין זיינע פינסטערע, אויסגעלאָשענע אויגען האָט זיך אָנגע־צונדען אַ נייע האָפנונג.

דאָס גרויסע מאָכטיגע דאַמפפשיף מיט עמיגראַנטען האָט זיך צום לעצטען מאָל געטהאָן אַוועג, און די מאַשינען וואָס

האָבען אָהן אויפהער געאַרבייט גאַנצע זיבען טאָג, זייען ענדליך שטיל געבליע-בען. דאַס ציעל פון דער רייזע איז געוועזען ערדייכט, גאַנץ ריכטיג, פינקטליך אין דער בעשטימטען שטונדע איז דער דאַמפפשיף גליקליך אַריינגעגאַנגען אין'ם נאָר-דייטשען לאַנד'ס האַפען אין האָבאָקען. אויפ'ם ברעג זייען געשטאַנען אַ מענגע מענשען און האָבען איהם בעגריסט מיט פריידען געשריי. די פּאַזשירער האָבען זיך גענומען צופערטיגען צום הערויסגעהען, בעטראַכטענדיג אַזוי ווי מיט פערדרוס דעם שווימענדען פּאַלאַסט, וועלכען זיי פערלאָזען.

ביינאַהע גאָר צום לעצטען צווישען די רייזענדע, וואָס האָבען זיך צונויפגע-דראַנגט ביים הערויסגאַנג פון'ם דאַמפפ-שיף, איז געשטאַנען אַשאָנע שלאַנקע פרוי, וואָס האָט נאָך אויסגעזעהען איונ-גע און האָט געהאַלטען פאַר דער האַנד איין רייצענדעס קליינעס מאָדכען פון איאַהר פיער.

— וואו איז אָבער דער פּאַפּאַ? — האָט אונגעדולדיג געפרעגט אַהילכיגע קינדער שטימעלע: — מיר וועלען איהם גלייך זעהען? ער האָט פיר מיר געוויס אַגרויסען צו-קער-קוכען! ניט וואָר מאַמאַ?

— יע, יע, מיין לעבען; נאָך אַווי-

לע געהען מיר אַראָב אויפ'ן ברעג, וועלען מיר איהם שוין בעגעגנען.

אָבער מאַגדאַלינאַ'ס אויגען האָבען אומזיסט געזוכט דעם מאַן, צו וועלכען עס האָט זיך געריסען איהר קלאַפּענדעס הערץ נאָך פון דער פריה אָן פון דיעזעם לעצטען טאָג, וואָס זי האָט פערבראַכט אויפ'ם שיף. גראָדע דיעזע לעצטע שטונ-דע פון דער צעהן-מאָנאַטליכע שיי-דונג מיט איהר מאַנן, איז איהר געוועזען אַם שווערסטען איבער צו טראָגען, ניט איינע פון די ליידען, וואָס זי איז איבער געקאָמען אין דיעזעם באָזען יאָהר, האָט זיך ניט געקאָנט פערגלייכען, ווי עס האָט זיך איהר געדאַכט, מיט די שמער-צען פונ'ם וואַרטען.

אונטער דעסען יעדער אַנדערער וואָלט דיעזע לעטצטע קליינע אונאַנגעהמליכקייט געררעכענט פיר גאָר ניט, אים פערגלייך מיט דעם, וואָס די יונגע פרוי האָט איבערגעליטען אין די לעטצטע מאָנאַטען ווי אַוואַהרער העלד, אָהן איין מאָל זיך צו בעדויערן, אָהן איין איינציגעס ביטע-רעס וואָרט. עס איז איהר זאָגאַר שרעקליך געוועזען זיך נאָר צו עראינערען דאָס, וואָס עס איז איהר אויסגעקומען צו פערזוכען, בעזאָנדערס אין די ערשטע וואָכען נאָך דער קאַטאַסטראָפע. פאָול

אָמבערג איז צוריק ניט געקומען. די בעפֿעהלע וואָס מען האָט אומעטום פֿערנאַנדערגעשיקט, מען זאָל איהם גלייך אַרעסטירען, זייען געבליבען אָהן אַ נוטץ. אָהן אַ צווייפֿעל, האָט ער זיך קלוג בענוצט מיט דער צייט, וואָס איז אוועק פֿון זיין ענטלויפֿען ביז מאָן האָט איהם גענומען זוכֿען, אום צו בעהאַלטען אין אַ זיכֿערען אָרט זיך זעלבסט, און אויך די אָנגערויבטע געלד. ווי עס האָט זיך נאָכֿהער אַרויסגעוויזען, האָט ער בערויבט ריכֿאַרד פֿערסטער מעהר ווי אויף זיעבציג טויזענד מאַרק, און אַזאַ פֿערלוסט האָט דאָס געשעפֿט ניט געקאָנט איבערטראָגען. מען האָט ניט אַנדערש געמוזט ליקווידערען, או אין אָנפֿאַנג האָט אויסגעזעהען, דאָס די קרעדיטאָרען וועלען זעהר פֿיעל פֿערלירען ווען אֶפּילו ריכֿאַרד זאָל זיי אַוועק געבען אַלעס, וואָס עס איז איהם נאָך געבליבען.

און דאָס נאָמליך האָט איהם מעהר ווי אלץ פֿערדראָסען. אָבוואָהל אַלע האָבען געקוקט אויף איהם גיכֿער מיט מיטלייד ווי מיט פֿאָרווירפֿע, דעננאָך האָט ער עס געהאַלטען פֿיר איין עוויגע שאַנדע, דאַס פֿיעלע עהרליכֿע לייטע האָבען פֿערלאָרען זייער געלד נאָר צוליעב דעם צוטרויען, וואָס זיי האָבען געהאַט צו זיין פֿירמע.

דאָס האָט איהם געבראַכט אין אַזאַ טיעפע פערצווייפלונג, דאַס ער האָט זאָגאַר בעזיעגט אין זיך זיין עהרענגעפיהל און האָט זיך געווענדעט צו זיינע ברידער, די גליקליכע יורשים, און געבעטען, זיי זאָלען איהם לייהען צוואַנציג טויזענד מאַרק. מיט דיעזער סומע און מיט דעם וואָס ער האָט בעקומען פערקויפענדיג די פאַבריק וואָלט ער געקאָנט קוויטירען אין גאַנצען זיינע קרעדיטאָרען. אָבער די ברידער האָבען איהם ענטזאַגט' און ער האָט בעקומען הילפע גאָר פון איין אַנדער זייט, פון אַפרעמדען, און גאָר אונגעריכט, גראַדע יענער קרעדיטאָר וואָס האָט מעהר ווי אַלע געליטען פון זיין באַנקראָטירען, האָט זיך פערלאָזען אויף זיינע עהרליכקייט און טיכטיגקייט, און האָט אויף אַ צייט גענומען צוריק זיין פרעטענזיאָן, אום ריכאַרד זאָל דערווייל קאָנען דורכקומען מיט די איבעריגע קרעדיטאָרען. אַלזאָ האָבען אַלע קרעדיטאָרען אין גאַנצען ערהאַלטען וויפיעל זיי האָט געקומט, און דער איינציגער וואָס איז געבליבען האָט זיך צופרידען געשטעלט מיט אַ צעטעל, וואָס ריכאַרד האָט איהם הערויסגעגעבען, דאַס ער וועט איהם אויסצאָלען די איינאונצוואַנציג טויזענד מאַרק וואָס איהם קומט אין פאָרלויף פון זעכס יאָהר.

צו ליעב דעם איז ביים יונגען אינזשינער געבליבען אונבעפֿלעקט זיין גוטער נאָמען, וואָס איז איהם געוועזען טהייערער ווי אַלעס אין דער וועלט, און ער האָט פֿון דאָס נייע אָנגעפֿאַנגען זיך דורכצושלאָגען אַוועג אינ'ם לעבען.

יעטצט איז דאָס געוויס געוועזען שווערער, ווי דאַס ערשטע מאָהל. זיין גאַנצער פֿערמאָגען האָט יעטצט בעטראָפֿען ניט מעהר ווי דריי טויזענד מאַרק. ביי זיינע אויסגעצייכענטע פֿאָהיגקייטען וואָלט ער געוויס לייכט געקאָנט בעקומען אַ שטעלע, וואָס וואָלט איהם געבען לעבענסמיטעלן פֿיר זיך אַליין און פֿיר זיין פֿאַמיליע. אָבער דאַן וואָלט שוין אונמעגליך געוועזען גאָר צו דעקנען צו דעקען זיין שולד, וואָס ער האָט נאָך אויף זיך געהאַט, און גראַדע דיעזע שולד האָט איהם נאָך מעהר ווי אַלין געדרעהט דעם קאָפּ. דעריבער האָט ער זיך בעשלאָסען צו פּרוּווען גליק אין אַמעריקאַ, וואו ער האָט שוין אַמאָל פֿערבראַכט צוויי יאָהר, אום צו פֿערגרעסערן זיינע וויסענשאַפֿטען און וואו ער האָט געוואוסט, דאַס אַ טיכטיגער טעכניק ווערט אַלע מאָהל געפֿינען וואָס צו טהאָן.

אָבער אום אויס צו פֿיהרען דיעזען פּלאַן, האָט ער זיך ניט אַנדערש געמוזט שיידען אויף אַצייט מיט זיין פֿרוי און

קינד, וואָרום עס איז דאָך אונמעֶגליך געוועזען, ער זאָל זיי גלייך מיט געהמען מיט זיך אין אַפרעמדעס לאַנד, וואו מאָן קאָן ערוואַרטען טויזענדער געפאַהרען און פערשידענע אונאַנגעהמליכקייטען. פיעל שווערער איז איהם געוועזען צו רעדען וועגען דעם מיט מאַגדאַלינאַ. אָבער זי האָט איהם אין דיזעם פאַל אויך אַרויסגעוויעזען איהר פעסטען כאַראַקטער. זי האָט אָפילו אַ מינוט ניט געקלאָרט און גלייך איינגעשטימט אויף זיין פלאַן. אַלזאָ, איז עס נאָך ניט פערגאַנגען קיין צוויי מאָנאַטען נאָך דער אונגליקליכע קאַטאַסטראָפע, ווי די ליעבענדע מאַן און ווייב, צום לעצטען מאָל זיך היים קוסענדיג אויף דעם היימאַטסבאָדען, האָבען צווישען זיך גענומען אַבשיעד, וואָהרענד יעדער פון זיי האָט ווי אַהעלד איינגעהאַלטען זיינע געפיהלע און נאָר געדענקט וועגען דעם, ניט צו געבען בעמערקען דעם צווייטען די שמערצען וואָס עס מאַכט איהם דיזע שיידונג.

מאַגדאַלינאַ האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין איהר קליינע, בעשיידענע וואָהנונג, און ריכאַרד, ווי ער איז נאָר געקומען אין אַמעריקאַ, האָט גלייך מיט פערדאָפעלטע ענערגיע אָנגעפאַנגען זיך צו שאַפען אַ נייע לאַגע אים לעבען.

אין עטליכע מאָנאַטען אַרום האָט ער

שוין געהאַט די מאָגליכקייט צו שרייבען
צו זיין פֿרוי, וואָס האָט געשמאַכטעט
אין איינזאַמקייט, דאָס ער האָט זיך בע-
שטימט בעזעטצט אין דער שטאָדט
אויסטין, אין דעם שטאַאט נעבאַדאַ און
דאָס ער האָט אַיינגעטראָטען אַלס קאָמ-
פּאַניאָן אין אַמינעראַל-פֿאַבריק, פֿון וועלכע
ער האָפֿט גאָר אים קורצען פֿיעל צו
פֿערדינען. נאַכהער האָט ער איהר צו-
געשיקט עטליכע בריעף מיט קליינע סומען
געלד יעדעם מאָל, און ענדליך אין אַמאָ-
נאַטען נײַן אַרום נאָך זיין אַוועקפֿאָהרען,
איז געקומען פֿאָהן איהם אַ פֿראָהליכער
בריעף, אין וועלכען עס איז געוועזען
אַיינגעשלאָסען עטליכע אָנווייזונגען און אוי-
סער דעם שיפֿס קאַרטען ביז ניויאָרק פֿיר
מאַגדאַלינאַ און די קליינע עלזאַ. אָבוואָהל
זיין לאַגע, — האָט ער געשריעבען, — איז
נאָך ווייט ניט גלאָנצענד, דעננאָך קאָן
ער איהר רעכנען פֿיר גענוג זיכער, אום
זיך מעהר ניט צוענטזאַגען פֿון דעם גליק,
זיך ענדליך ווידער צו פֿעראייניגען מיט זיין
טהייערע פֿרוי און זיין טאָכטערל.

אין דעמזעלבען בריעף האָט ער מיטגע-
טהיילט, דאַס ער וועט איהר קומען בעגעג-
נען אין ניויאָרק; דעריבער האָט מאַגדאַלינאַ
מיט אַ גאַנץ ריינעם געוויסען געקאָנגט פֿער-
זיכערן דער טאָכטער, דאַס באַלד ווי זיי

געהען אַרויס פֿון שיף, וועט זי זעהען איהר פּאַפּאַ.

אָבער איהר פֿערשפּרעכֿען האָט זיך ניט ערפֿיעלט. אונטער די גרויסע מענגע מענשען, וואָס האָבען בעגעגענט די רייזענדע מיט'ם דאַמפּפֿשיף, איז ריכֿאַרד ניט געוועזען. אומזיסט האָט די יונגע פֿרוי געקוקט אין אַלע זייטען; איהרע אויגען האָבען ניט געפֿונען דעם, וואָס זי האָט געזוכֿט. אומזיסט האָט זי געוואַרט אַ האַלבע שטונדע, נאָכֿדעם ווי מאַן האָט איבער געזעהען אין טאַמאָזשנע איהר באַגאַזש, און ווי אַלע זייען שוין פֿערנאַנדער געגאַנגען, אין דער האָפֿנונג דאָס ריכֿאַרד האָט זיך פֿיללייכֿט פֿערשפּאָטיגט און וועט די מינוט קומען. די קליינע, וואָס האָט זיך אָבגענאַרט אין איהר האָפֿנונג צו זעהען דעם פּאַפּאַ און האָט אָפֿילו דעם פֿערשפּראָכֿענען צוקערקוכֿען אויך ניט בעקומען, האָט מיט איהר עדעלן קינדערהערץ ערפֿיהלט די ערשראָקענע אויפֿרעגונג פֿון דער מוטער און האָט אָנגעפֿאַנגען צו וויינען. מאַגדאַלינאַ האָט פֿריהער פֿון אַלץ גערעכֿענט פֿיר נאָטהיג אויפֿצוזוכֿען דעם האָטעל, וואָס ריכֿאַרד האָט איהר אויפֿגעגעבען פֿאָן איהם די אַדרעסע, אויף דעם פֿאַל, ווען ער וועט זיך

מיט איהר איבּער וואָס עס איז ניט קאָ־נען בענעגענען אין האָבּאָקען.

אַזוי ווי זי האָט גערעדט זעהר גוט ענגליש, איז איהר גאָר ניט שווער געווע־זען אַריבּערצושיפֿען זיך אין אַדאַמפּפֿ־פראָהם אויפֿען אַנדערען ברעג טייך, וואו עס ליעגט ניויאָרק, און נאַכהער מיט דער שטאָדט־אייזענבאַהן, צו פֿאָהרען צום האָטעל וואָס ריכאַרד האָט איהר רעקאָמאַנדירט.

ווי נאָר זי האָט אָנגערופֿען איהר נאָ־מען, האָט מאָן איהר גלייך געזאָגט, דאַס פֿיר איהר און מיסטער פֿערסטער איז שוין פֿון געסטערן אָן פֿערטיג אַ צימער, אַזוי ווי איהר מאַן האָט בעשטעלט מיט אַ דעפּעשע פֿון אויסטין; אָבער ביז יעטצט איז נאָך מיסטער פֿערסטער ניט געקומען און עס איז אויך פֿון איהם מעהר קיינע נאַכריכטען ניט געוועזען.

דאָס וואָס זי האָט ערפֿאַהרען אין דעם האָטעל האָט נאַטירליך ניט געקאָנט פֿער־לייכטען איהר אונרוהע. עס האָט איהר בעהערשט אַ געפֿיהל פֿון עלענד און אײנ־זאַמקייט, וואָס האָט איהר זעהר ערשלאָגען דעם מוטה; דער שרעק פֿיר איהר מאַנ׳ וואָס נאָר גאַנץ אונגעוואָהנליכע אומשטאַנדען האָבּען געקאָנט אָבהאַלטען פֿון צו קומען אין דער צייט איהר בעגעגענען, האָט איהר געמאַכט אַזוי פֿיעל שמערצען, דאָס

זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטען ניט צו וויינען.

זי האָט מיטגעטהיילט איהרע אונרו-היגע געדאַנקען דער ליבענסווירדיגע וויר-טהין פון דעם האָטעל. דיעזע עהר-ליבע פרוי האָט מאַגדאַלינאַ גע-וואָלט בערוהיגען און האָט איהר אויף אַלע אַרט געטראָסט און אויפגעוויעזען, דאַס אין אַפיערטאָגיגע רייזע אויף דער אייזענבאַהן איז יעדע פערשפעטיגונג מאָג-ליך און גאַנץ נאַטירליך, און דאָס ניט פון אומעטום קאָן מאַן גלייך שיקען אַטעלע-גראַמע. אָבער נאָך אַלע זאַכען איז דאָס נאָר געוועזען אַ שוואַכער טראָסט. די יונ-גע פרוי, וואָס האָט זיך געמוזט איינהאַל-טען, אום, אַם וועניגסטען ביז מאָרגען אָבענד, אויסצוזעהען פאַר דעם קליינען קינד רוהיג און פראָהליך, האָט פערבראַכט זעהר אַשווערע שלאָפלאָזע נאַכט.

ווי אין אַ פיבער האָט זי ערוואַרטעט דעם פריהמאָרגען, וועלכער, זי האָט געהאָפט, וועט איהר ברייגען אַפראָהליכע נאַכריכט פון ריכאַרד. אַבער איהר האָפנונג איז געוועזען אומזיסט: פון ריכאַרד איז קיינע נאַכריכט ניט געקומען. יעטצט האָט שוין די ווירטהין, וואָס האָט גע-סטערן אַזוי געטראָסט מאַגדאַלינאַ, אויך אויסגעזעהען בעזאָרגט. זי האָט גערעט-

העו מאגדאלינען צו שיקען א טעלעגראמע אין אויסטין צו איהר מאנ'ס א בעקאנטען וואס ריכארד האט איהם אנגערופען מיט'ם נאמען אין איינעם פון זיינע בריעף. איי־נע אנטוואָרט איז ערשט געקומען נאך מיטאג, נעמליך: דער מיסטער ריכארד איז נאך מיט זעכס טעג צוריק ארויסגע־פאָהרען נאך ניויאָרק בעגעגענען זיין פא־מיליע. פון יענע צייט אן איז פון איהם קיינע נאכריכט געקומען.

דיעזע אנטוואָרט האט ערשלאָגען די יונ־גע פרוי ווי אדונער: עס איז קיין צוויי־פעל ניט געבליבען, דאס איהר מאנן האט אין וועג געטראָפען איין אונגליק. ביז יעטצט, ווי זי איז ניט געוועזען ערשראָקען און בעזאָרגט, האט זי דעננאך א ביסעל געהאָפט. יעטצט אָבער איז שוין יעדע האָפנונג פער־שוואונדען, און מאגדאלינא האט אויף א מינוט פערלאָרען איהר מוטה און אויסגעבראָ־כען אין א געוויין. אָבער די צארטע ליעבליכקייט און די זיסע וואָרטער פון איהר ערשראָקענע טאָכטער, וואס האט מיט איהרע קליינע האָנדלאך אבגעווישט די טראָהרען פון איהר געזיכט, האבען איהר ערמאָנט אן איהרע פפליכטען. זי האט פערשטאנען, דאס זי דארף יעטצט ניט טרויערען, אָבער עטוואס אונטערנעהמען און ווירקען.

געלד האָט זי ביי זיך געהאַט זעהר ווענינ, אָבער אַזוי ווי די ווירטהין פֿון דעם אײַנפֿאָהרהויז האָט מיטלייד געהאַט מיט איהר קיממערליכע לאַגע און האָט איהר געשטעלט אויף אַלעם ביליגע פּרייזען, האָט זי געהאָפֿט ביז אַמאָנאַט און נאָך עטוואָס מעהר צו קאָנען דורכלעבען מיט'ם קינד. אָבער אין פֿערלויף פֿון דיע־זער צייט האָט זי ניט אַנדערס בעדאַרפֿט ערפֿאַהרען בעשטימט, וואָס עס האָט געטראָפֿען מיט איהר מאַנן, אונ נאַכהער צו בעדענקען וואָס זי האָט ווייטער צו טהאָן.

פֿריהער פֿון אַלץ האָט זי טעלעגראַ־פֿירט אין אויסטין, מאָן זאָל איהר געפֿאָ־לינגסט גלייך מיטטהיילען, ווען מאָן וועט דאָרט עטוואָס ערפֿאַהרען װעגען איהר מאַנן. נאַכהער האָט זי זיך ערקונדיגט ביי דער ווירטהין די אַדרעסע פֿון דעם פּאָליצייהויז און איז אַוועק אַהין, אום צו ביטען, מאָן זאָל איהר העלפֿען אויפֿזוכען איהר פֿערשוואונדענען מאַנן.

אָבער דאָ האָט איהר די האָפֿנונג וויע־דער שרעקליך אָבגענאַרט. דאָ האָט זיך איהר זייער דייטליך פֿאָרגעשטעלט דער גרויסער אונטערשיעד צווישען דעם, ווי די פּאָליציי, וואָס פּאַסט אויף די אָרדנונג און די זיכערהייט פֿון דער געזעלשאַפֿט,

פֿערשטעהט איהרע אויפֿגאַבען און פּפליכטען ביי איהר אים געבורטס-לאַנד און היער, אין דעם בעריהמטען לאַנד פֿון פֿרייהייט: דאָרט, אין איהר געבורטס-לאַנד, וואָלט מאָן געווים געשטעלט אויף די פֿים די גאַנצע פּאָליציי, אום צו גע-פֿינען אַ שְׁפּוּר פֿון דעם פֿערפֿאַלענען מענשען; און היער, אין ניו-יאָרק, האָט מאָן זיך, פֿערקעהרט, נאָך געוואונדערט, דאַס איהר האָט גאָר געקאָנט איינפֿאַלען צו פֿערלאַנגען פֿון זיי עטוואָס אין דיע-זער אַרט. אַגאַנצע לאַנגע שטונדע האָט מאָן איהר אַרומגעשיקט פֿון איין בעאַמ-טען צו דעם אַנדערען, און ווען זי האָט שוין ענדליך געטראָפֿען דעם וואָס זי דאַרף, האָט מאָן איהר כִּמְעַט גאָר ניט געוואָלט אויסהאָרען.

— וואָס אָבער קאָנען מיר דאָ מאַכען, גנאָדיגע פֿרוי? — האָט איהר קוועטשענ-דיג מיט די פּלייצעס קאַלטבלוטיג געאַנט-וואָרטעט דער אַמעריקאַנער: — יעדען טאָג ווערען ביי אונז פֿערפֿאַלען עטליכע מענשען, און פֿון די מאָננער, וואָס געפֿי-נען פֿיר זיך נוטצליך פֿערפֿאַלען צו ווע-רען פֿיר זייערע פֿרויען, וואָלט מאַן קאָ-נען מאַכען אַ גאַנצע אַרמעע. ווען מיר זאָלען זיך ווערלען פֿערדרעהען מיט אַ זאָל-כֶע צופֿאָלע, און יעדעם מאָל מאַכען

אונטערזוכונגען, וואָלטען מיר מוזען האַלטען איינע אַרמעע פֿון דיענער און בעאַמטע. אויסער דעם האָבען מיר נאָר רעכט עטוואָס צו טהאָן אין דיעזעם איינציגען שטאַאט ניויאָרק: ביי דער גרענעץ פֿון דיעזעם שטאַאט ענדיגען זיך שוין אונזערע פֿאָלמאַכטע. אויב איהר מיינט, דאַס מיט אייער מאַנן האָט זיך עטוואָס געטראָפֿען, קאָן איך אייך נאָר רעקאָמאַנדירען, איהר זאָלט זיך ווענדען אין אַגוטען אונטערזוכונגס קאַנטאָר: מיט דער הילפֿע פֿון אַזאַ קאַנטאָר — וועט איהר יעדענפֿאַלס פֿיל מעהר זיך ערקונדיגען, ווי מיט אונזער הילפֿע׳ אויב עס איז ניט דאָ קיין פֿערדאַכט, דאַס מאָן האָט איבער אייער מאַנן בעגאַנגען אַ פֿערברעך אין די גרענצען פֿון דעם שטאַאט ניויאָרק, דאַן איז זיין פֿערפֿאַלען ווערען נאָר אַפּריוואַט זאַך, וואָס בעלאַנגט נאָר אָן אייך אַליין, און וואָס מיר ברויכען גאָר ניט וועגען איהר צו זאָרגען.

מאַגדאַלינאַ האָט פֿערשטאַנען, דאַס געגען אַזאַ מיינונג וועט זי גאָר ניט מאַכען ניט מיט טראָהרען, ניט מיט איבערצייגונגען. דערצו איז זי נאָך גע־וועזען גענוג שטאָלץ, זי זאָל זיך ניט ערניעדעריגען מיט אומזיסטע ביטען; דע־ריבער האָט זי נאָר געבעטען דעם בע־

אַמטן, ער זאָל איהר אָנווייזען איינעם פֿון די פּריוואַט קאַנטאָרען, פֿון וועלכֿע ער האָט גערעדט. ווי זי האָט בעקומען פֿון איהם די נאָטהיגע אַדרעסע, האָט זי גלייך פֿערלאָזען די גראָסאַרטיגע געביידע פֿון דעם פּאָליצייהויז.

אַ לאַנגע צייט האָט זי זיך ערנסט בעדאַכֿט, אויב זי זאָל אַליין ניט נעהמען זוכֿען איהר מאַנן און פֿריהער ווי אַלין פֿאָהרען אין אויסטין? אָבער איבער פֿיעלע אורזאַכֿען האָט זי זיך פֿון דיעזעם פּלאַן געמוזט ענטזאַגען. אויסער דעם וואָס זי האָט געהאַט ווייניג געלד אויף אַזאַ ווייטע רייזע, האָט זי געמוזט בעקענען, דאָס עס וואָלט איהר פֿיעל לייכֿטער געוועזען אויפֿזוכֿען וועמען עס איז אויף דעם צווישענפּלאַטץ צווישען פּעטערסבורג און מאַדריד, ווי צו ערפֿאַהרען אין דיעזעם פֿרעמדען לאַנד, וואָס עס האָט זיך פּאַסירט מיט איהר מאַנן און וואו ער געפֿינט זיך. ווען עס וואָלט איהר איינגעפֿאַלען צו פֿערניטצען די קליינע סומע געלד וואָס זי האָט נאָך געהאַט אויף אַזאַ אונמאָגליכֿע אויפֿגאַבע, וואָלט זי נאָר אומזיסט זיך און איהר קינד פֿער־אורטהיילט אויף אַרמוטה און נאָטה. דעריבער האָט זי בעשלאָסען, דאָס וואָס

עס זאָל זיך ניט מאַכאָן, מוז זי דערוויי־לע בלייבען אין ניויאָרק.

זי האָט אָבגעוואַרט נאָך אַ טאָג, מיט דער האָפֿנונג, אָבוואָהל אַ שוואַכער, פֿיעל־לייכט וועט דאָך קומען וואָס עס איז פֿיר אַ נאַכריכט. נאַכהער, ווי זי האָט זיך איבערגעצייגט, דאַס עס איז קיינע נאַכ־ריכטען ווי פֿריהער ניט דאָ, איז זי גע־גאַנגען אין דעם וועלטבעריהמטען אונ־טערזוכונגס קאַנטאָר פֿון מיסטער פֿינקערטאָן.

קומענדיג אַהין האָט זי פֿערלאַנגט די זעלבע מינוט צו שפּרעכען מיט דעם ווירטה פֿונ קאַנטאָר און מאָן האָט איהר צו פֿריעדען געשטעלט מיט דער האָפֿליכ־קייט, מיט וועלכער די אַמעריקאַנער זייען אימער געוואָהנט זיך צו בעגעהען מיט דאַמען. אַסימפּאַטהישער אַלטינקער, וואָס האָט מעהר אויסגעזעהען צו זיין אַ געלעהרטער אָדער אַפּאַסטאָר, ווי איין אָנפֿיהרער פֿון אַ זאַ קאַנטאָר, האָט איהר בעגעגענט מיט אַהאָפֿליכען גערוס. ער האָט איהר געדולדיג אויסגעהאָרט און קיין מאָל ניט איבערגעהאַקט די רייד; נאָר אין דער צייט וואָס זי האָט ערקלאָרט איהר פֿערלאַנגען האָט ער ניט, אַראָבגע־נומען די אויגען פֿון איהר שאָנעם גע־זיכט, אויף וועלכעם עס האבען, אָהן

איהר ווימען, אָבגעשיינט ווי אין אַ שפּיע־
געל, אַלע איהרע געפיהלע און בעווע־
גונגען פון דער זעעלע.

— ענטשולדיגט מיך, מים פּערסטער:
איך וויל עטוואָס ביי אייך פרעגען; —
האָט ער געזאָגט, ווען זי האָט געענ־
דיגט איהר ערצאֶלונג, איהר בעשאֶפטיגט
זיך אָדער איהר האָט זיך בעשאֶפטיגט
אויף דער סצענע? ניט וואהר?

מאגדאַלינאַ איז דיעזע פראַגע ניט
שטאַרק געפאֶלען. וואָס האָט דאָס איינס
צו דאָס אַנדערע? וואָס פיר „אַ סְמִיכוּת
הַפָּרָשָׁה„ האָט איהר פּראָפעסיאָן צו דעם
וואָס זי פערלאַנגט? — דעריבער האָט
איהר אַנטוואָרט געקלונגען מיט אַ
אונצופריעדענהייט׳

— נו, יע, ווירקליך, פאַר מיין הייראַטען
האָב איך איינינע צייט פערבראַכט אויף
דער סצענע. אָבער איך פערשטעה ניט׳
גענאֶדיגער הערר, פון וואַנען האָט איהר
דאָס ערקאָנט? און וואָס מאַכט דאָס אויס
פיר דעם ציעל, צו ליעב וואָס איך בין
יעטצט צו אייך געקומען?

— איך בעט אייך נאָך אַמאָל אום
ענטשולדיגונג. וואָס אָנבעלאַנגט די טרויע־
ריגע אורזאַכע וואָס האָט אייך געבראַכט
צו מיר, זאָ מוז איך אייך זאָגען דאָס
עס גיעבט זעהר פיעל אַרטען צו ערקלע־

רען דאָס פֿערפֿאַלען ווערען פֿון אייער מאַנן. אָבער וואָס מאָן זאָל ניט אָננעה־מען, צו ער איז קראַנק געוואָרען אים וועג, צו עס האָט זיך מיט איהם גע־טראָפֿען איין אונגליק, צו מען האָט איהם ערמאָרדעט — אין גאַנצען פֿערפֿאַלען ווערען אויף דער וועלט און ניט לאָזען קיין שפור האָט ער אויף קיין פֿאַל ניט גע־קאָנט. ער מאָג ליעגען ערגעץ אין אַ טי־פֿע גרוב אָדער אופֿ'ם גרונד טייך, אָבער מיינע פֿיסקאַלען וועלען איהם אומעטאום געפֿינען. איין מאָל האָבען מיר בעשלאָ־סען עטוואָס זיך צו ערקונדיגען, וועט שוין קיין זאַך לאַנג פֿערבאָרגען פֿון אונז ניט בלייבען.

ווי שרעקליך עס איז ניט געוועזען פֿיר מאַגדאַלינאַ צו האָרען דאָס עס איז מאָג־ליך, דאָס איהר מאַנן איז געשטאָרבען, ווי דיעזער געדאַנקען האָט ניט שמאָרצ־ליך צו קראַטצט איהר הערצענס וואונד, דעננאָך האָבען זיינע לעטצטע וואָרטער' וואָס האָבען געקלונגען מיט אַזאַ זיכער־הייט און איבערצייגונג, ווידער אָנגע־צונדען אין איהר זעעלע אַ פֿונק האָפֿנונג, וואָס האָט זיך שוין שיעור אין גאַנצען ניט פֿערלאָשען.

— אָה, מיסטער! ווען איהר ענטזאַגט ניט אין הילפֿע איינער אונגליקליכע

פערצווייפעלטע פרוי, וועל איך אייך ניט פערגעסען צייט מיין לעבען.

— מיר ענטזאגען ניט אין אונזער הילפע קיינעם וואס ווענדעט זיך צו אונז און בעצאלט אונז, — האט רוהיג און פריינדליך געאנטווארטעט דער אלטער:— אזוי ווי אונזער קאמפאניע איז ניט קיין רעגירונגס אנשטאלט, נאר אפריוואטליכע אונטערנעהמונג, זא, פערשטעהט זיך, שפיעלט ביי אונז די ערשטע ראלע די ריכטיגע בעציעהונג צווישען די ארבייט, וואס מאן פערלאנגט פון אונז, און די בעלאהנונג; וואס מעהר מאן פערלאנגט פון אונז, איז נאטירליך אלץ האבער די בעלאהנונג, וואס מיר ערווארטען צו בעקומען.

— אלזא, ווי פיעל פערלאנגט איהר פיר דען אויפטראג וואס איך מאך אייך?

— דאס קאן מאן פאראויס אזוי גענוי ניט בעשטימען. עס שטעהט אונז פאר צו מאכען אונטערזוכונגען אין זעהר פיעל ארטער אויף זעהר אגרויסע שטרעקע. יעדענפאלס דארף דאס זעהר פיעל קאסטען. אלזא, וועט איהר געבען האנדגעלד אויף די ערשטע אויסגאבען פינף הונדערט דאלאר, און צודעם וועט איהר אונז ארויס געבען א צעטעל, דאס איהר זייד מחויב אונז אומצוקערען אלע קאסטען,

וואָס וועט אונז אויסקומען צו מאַכען מעהר פֿון דיעזע סומע. אויסער דעם דאַרפֿט איהר נאָך איינשרייבען אַבע־שטימטע סומע אַלס בעלאָהנונג אין דעם פֿאַל אויב מיר וועלען אויפֿזוכען וואו עס איז אייער מאַנן. דיעזע סומע מוזט איהר אונז אַרויסצאָהלען גלייך ווי מיר וועלען אייך אָנווייזען דעם אָרט וואו אייער מאַנן געפֿינט זיך, אַלין איינס, צו מיר וועלען איהם געפֿינען, אַלעבעדיגען, אָדער מיר וועלען בעקומען ריכטיגע בעווייזע פֿון זיין טויד.

דער פֿונק האָפֿנונג האָט זיך ווידער פֿערלאָשען אין מאַגדאַלינאָס זעלע.

— מיינע מיטעלן ערלויבען מיר ניט איינצו־שטימען אויף אַזעלכע בעדינגונגען, — האָט אונמוטהיג געאַנטוואָרטעט מאַגדאַלינאַ: — ביי מיר איז נאָך געבליבען, אַקליינע סומע אויף וועלכע איך האָב גערעכענט, איך און מיין קינד דורכצולעבען ווי עס איז די ערשטע צייט אין דעם פֿרעמדען לאַנד. ווען איך זאָל שוין וועלען זאָגאַר אָבגאָבען די גאַנ־צע סומע, וועט דאָס ערשט זיין אקליינע טהייל פון דעם וואָס איהר פֿאָרדערט אַלס האַנדגעלד. איך וואָלט אייך פֿער־שפּראָכען, דאָס איך וועל אַרבייטען טאָג אונד נאַכט און וועל אייך אויסצאָלען וויפיעל איהר פֿערלאַנגט; אָבער איהר

וועט זיך געווים מיט מיין פערשפרע־
כען ניט בעגנינענען.

דער הויפט־מאַנן פון קאַנטאָר האָט אַפּאָר
מינוטען געטראַכט און געזאָגט:

— אייער פאָרשלאַג גיבט מיר דאַס
רעכט אייך צו פראַגען, מיט וועלכער
אַרבייט האָפט איהר צו פערדיענען אַזאַ
גרויסע סומע?

יעטצט האָט זיך מאַגדאַלינאַ ניט
געקאָנט בעליידיגען און זי האָט גלייך
געאַנטוואָרטעט:

— איך האָב אייך דאָך שוין מיטגע־
טהיילט, דאַס פאָר מיין הייראַטה בין איך
געוועזען אַ דראַמאַטישע אַקטריסע. און
דאַן האָט מאַן מיר פערזיכערט, דאַס איך
בעזיטץ אַטאַלענט. ווי איך ווייס, איז
היער פאָרהאַנדען אַ דייטשער טהעאַטער,
און אויב זאָגאַר אין דיעזעם טהעאַטער
זייען שוין אַלע שטעלען פערנומען, וועט
מיר ניט שווער זיין אַריינצוטרעטען
אין איין ענגלישע טרופע, וואָרום איך
שפּרעך זייער גוט ענגליש.

דער אלטינקער האט געשאָקעלט
מיט׳ם קאָפּ.

— נעהמט ניט פיר אונגוט, — האָט ער
געזאָגט, — אָבער איך מוז אייך זאָגען,
דאַס איהר זייד אין אייערע האָפנונגען
גענאַרט. איך בין בעקאַנט מיט דעם צו־

שטאַנד פֿון די היזיגע טהעאַטערן און מוז אייך, צום גראָסטען בעדויערן, זאָגען, דאַס עס וועט אייך אונמאָגליך זיין אייערע האָפֿנונגען דורכֿצוזעטצען. צו בעקומען אַ גוטע שטעלע אין דער דייטשען טרופּע, וואָס שפּיעלט יעטצט היער, איז ניט דאָ וואָס צו דענקען. ערשטענס, מאַכֿט זי זעהר שלעכֿטע געשאֶפֿטען; צווייטענס, זייען אַלע שטעלען ביי איהר פֿערנאָמען און זי האָט נאָך איבעריגע אַרטיסטען. אין דעם ענגלישען טהעאַטער ווידער, ווען איהר וועט שוין יע קאָנען אָנקומען אַהין, איז אויך מעהר ניט אַלס סטאַטי־סטין אָדער גאָר אויף די לעטצטע ראָלען, אַלזאָ פֿיר אַגאַנץ קליינען געהאַלט. וואָרום ווי גוט עס איז ניט אייער אויס־שפּראַכֿע, דעננאָך האָרט זיך ביי אייך צופֿיעל איין אויסלאָנדישער אַקצענט, איהר זאָלט קענען שפּיעלען גרויסע ראָלען אין איינעם פֿון אונזערע ערשטע טהעאַטרען.

אין זיין שטימע האָט זיך געהאָרט אזוי פֿיעל מיטלייד, דאַס מאַגדאַלינאַ איז גאָר ניט איינגעפֿאַלען צו צווייפֿלען אין די ריכֿטיגקייט פֿון זיינע וואָרטער.

— אויב אַזוי קאָן איך נאָך דערוויילע אַליין ניט וויסען, פֿיר וואָס זיך צו נעה־מען, אום צו פֿערדיענען די נאָטהיגע

סומע. פיעללייכט קאָנט איהר מיר געבען וואָס עס איז פיר א ראַטה?

— אַ ראַטה?.. וואָס קאָן איך אייך ראַטהען? — איבריגענס קאָן איך אייך עטוואָס פאָרלייגען. עס פערשטעהעט זיך, נאָר אין דעם פאַל, דאַס איהר וועט ניט האָבען דאַגעגען צו בענוטצען אייערע סצענישע פאַהיגקייטען צו איין אַנדערע בעשאָפטיגונג אויסער טהעאַטער.

— איך פערשטעהע ניט...

— ווי איך האָב בעמערקט, האָט איהר אַ שטימע, וואָס איהר קאָנט איהר ביינגען און אָנדערען, ווי איהר ווילט. דער אויסדרוק פון אייער געזיכט בייט זיך אַ זוי שטאַרק, וואָהרענד איהר רעדט, דאַס איך האָב נאָך ביי קיין פרויען־צימממער ניט בעמערקט. אייך וואָלט גע־ווים ניט שווער געוועזען אַזוי צו אָנדע־רען אייער שטימע און אייער אויסזעהען, דאָס עס וואָלט אייך ניט ערקענען זאָגאַר דער, וואָס האָט אייך ניט לאַנג געזעהן אין אייער נאַטירליכען געשטאַלט.

— דאָס איז ניט שווער.

— אָה, געווים, ווען עס וואָלט זיך האַנדלען נאָר וועגען דעם, איין מאָל אָדר צוויי מאָל צו טוישען דאָס פובליק, וואָלט דאָס געווים געוועזען אַ גאַנץ לייכ־טע זאַך. אָבער פון אייך וועט מאַן יע־

רענפֿאַלס פֿאָרדערן פֿיעל מעהר. מיט איי-
נעם וואָרטע, קאָנט איהר זיך אָננעהמען,
צום ביישפּיעל, אין פֿערלויף פֿון אַ פֿיער-
טעל שטונדע אַ מאָל צעהען צו ריידען
מיט די זעלבע פּערזאָנען און זיי זאָל גאָר ניט
איינפֿאַהלען צו דענקען, דאַס זיי האָבען
אייך שוין פֿריהער וואו עס איז געזעהען?
פֿיהלט איהר זיך פֿאָהיג צו אַזאַ זאַך?

— דאַס ווענדט זיך געוויס אָן דעם,
ביי וועלכער אומגעבונג, וואו און ווי דאָס
דאַרף פֿאָרקומען . . . איך פֿערשטעהע
אָבער אימּמער ניט...

— נו, לאָמיר רעדען גאָר אָפֿען, מיס
פֿערסטער. וואָצו זאָל איך אייך לייקענען,
איך האָב אֱמת מיטלייד מיט אייער שיק-
זאַל, און וויל אייך גערן העלפֿען אויס-
זוכען אייער מאַנ'ס וואָהנונגס-אָרט; אָבער,
איך אַליין בין ניט מעהר ווי דעם הערר
פינקערטאָנס אַ דיענער, און איך מוז זיך
דעריבער פֿעסט אָנהאַלטען אָן די הויפּט
רעגעל פֿו. אונזער קאַנטאָר, דאַס יעדע
אַרבייט מוז ווערען בעצאָלהט. מיט באַ-
רעס געלד, האָט איהר דאָך אַליין גע-
זאָגט, זייד איהר ניט אים שטאַנדע צו
בעצאָהלען וויפֿיעל מיר פֿערלאַנגען פֿיר
אונזערע אונטערזוכונגען, און פֿערלאָזען
זיך אויף פֿערשפּרעכונגען האָב איך ניט
קיין רעכט. אַלזאָ, ועל איך, צום גראָס-

טען בעדויערן, זיך מוזען ענטזאַגען צו ערפֿיהלען אייער פֿערלאַנג, ווען איהר וועט ניט איינשטימען פֿיר אונזער אַרבייט צו בעצאָהלען אויך מיט אַרבייט פֿון דעמזעלבען ווערטה. יעטצט איז גראָד פֿאַרהאַנדען אַזאַ איינע אַרבייט, און איך האָב אייך נאָמליך געוואָלט פֿאָרלייגען, זיך צו בענוטצען מיט דיעזער געלעגענהייט.

— זאָגט מיר, און וואָס בעשטעהעט דיעזע אַרבייט, — האָט איהם איבערגעהאַקט מאַגדאַלינאַ: — אויב זי איז נאָר ניט איבער די קרעפטען פֿון אַ פֿרוי, נעהם איך מיך גלייך אָן.

— ווייסט איהר, מיס פֿערסטער, וואָס איז דאָס אויף ענגליש „שאָפּפּער"?

— דאָס איז איינער וואָס געהט אום איבער די קראָמען און מאַגאַזינען און קויפֿט אויף וואַרע, אָדער נעהמט נאָר צונויף פּראָבען פֿון וואַרע. מיין מאַנן האָט מיר ערצעהלט, דאָס די אַמעריקאַנער פֿרויען פֿון די גרויסע שטאָדט פֿערליערען טאָג טעגליך אויף דיעזע אַרבייט פֿיעל צייט.

— די לעצטע אַנמערקונג איז גאַנץ ריכטיג. אָבער מיר פֿערשטעהן אונטער דעם וואָרט „שאָפּפּער" נאָך עטוואָס אַנדערס. אייך איז פֿיעלייכט בעקאַנט, דאָס אונזערע גרויסע

מאַגאַזינ֗ען פֿיהרען אימער איינע מיט די אַנדערע אַ גרויזאַמען שטרייט, און צוליעב דער קאָנקורענץ, איז דיעזען שטרייט ניט מאָגליך אויסצומיידען. אין דיעזעם שטרייט ברויכען די פֿיינדע פּיעל-ערליי וואַפֿען, איינע פֿון די וויכטיגסטע וואַפֿען איז די שאָפּפּעריי. יעדער פֿירמע וואָס נעהמט אַנטהייל אין שטרייט און וויל צו ציהען צו זיך דאָס פּובליקום, האַלט אַ בעשטימטע צאָהל פֿלינקע און געשיקטע פּערזאָנען, אים גראָסטען טהייל פֿרויען' וואָס בעקומען געהאַלט און דאַפֿיר פֿערשטעלען זיי זיך פֿיר אונשולדיגע קוי-פּערינען און בעזוכען דיא מאַגאַזינען פֿון די געפֿאָהרליכע קאנקורענטען, אום זיך צו ערקונדיגען און אויסצופֿאָרשען אַלעס, וואָס איז וויכטיג פֿיר זייער פּרינציפּאַל צו וויסען. זיי דאַרפֿען בעמערקען, ווי גרויס עס איז די צאָהל פֿון די קויפֿער, וועלכע וואַרען מאַן פֿאָדערט מעהר, מיט וועלכע מיטעלען דער ווירטה פֿון מאַגאַ-זין ציעהט צו קויפֿער, וועלכע פּרייזען מאַן בעט אויס, און אַלע קליינע גע-שאָפֿטס געהיימניסע. זיי דאַרפֿען אַלע טאָג פֿאָרשטעלען זייער פּרינציפּאַל שריפֿט-ליכע בעריכטע וועגען דיעס אַלעס. דאַפֿיר ווערען זיי בעלאָהנט מעהר אָדער וועניגער נאָך זייער פֿערדיענסט נאָך: א

פלינקערע און א פאַהיגערע בעקומט מעהר, די וואָס איז ניט אַזוי פאַהיג בעקומט וויינינער. אין אַלגעמיין איז דאָס זעהר אַנוטע בעשאַפטיגונג. נאָר יעדער איינ- צעלנער מענטש קאָן זיך לאַנג מיט איהר ניט פערנעהמען, ווארום די ווירטה'ן פון די פירמען, וואָס קאָנקורירען צווישען זיך, היטען זיך נאָך פאַר קיין זאַך ניט אַזוי שטאַרק ווי פאַר די געפאָהרליכע שאַפפער'ס. די גרויסע מאַגאַזינען האָבען אייגענע שפיאָנען, וואָס קוקען נאָך יעדע פרוי וואָס קומט אַהין אַריין, און ווי נאָר עס פאַלט ביי זיי אַחְשַד אויף ווע- מען עס איז, דאָס זי איז פון די שאָפ- פער'ס ווארפט מאָן יענע אַרויס פון מאַ- גאַזין נאָר אָהן צערעמאָניען. אַלזאָ, זעהט איהר, דאָס ווער עס וויל אויסמיידען דיעזע אונאַנגעהמליכקייט, דער מוז זיין זעהר געשיידט און מוז בעזיטצען בע- שטימטע ספעצישע פאַהיגקייטען.

— מאַגדאַלינאַ איז געוואָרען בלאַס. אויף אַ פאָרשלאַג פון דיעזער אַרט, האָט זי וואהרשיינליך ניט געוואַרט.

— און דאָס איז די בעשאַפטיגונג, וואָס איהר דענקט מיר צוא געבען? — האָט זי געפרעגט: — איך וועל ווערען אַ פיסקאַל? אַ שפיאָן?

דער פריינדליכער אויסדרוק אויף דעם

אַלטע׳נס געזיכט האָט זיך ניט געאָנדערט.

— איהר קוקט אויף די זאַך צופיעל טרויעריג, — האָט ער געזאָגט מיט אַשמייכעל: — ביי אונז אין אַמעריקאַ קוקט מאָן אויף דעם מיט גאַנץ אַנדערע אויגען. אָבער איך דענק, דאָס איהר אַליין אפילו דאַרפט אויך ניט קוקען מיט אַזאַ שרעק אויף דעם אויפטראַג, וואָס איך וויל אייך מאַכען. די זאַך איז אַזוי. מיט אייניגע מאָנאַטען צוריק האָט זיך דאָ אין ניויאָרק געאָפּענט אַ גרויסער מאַגאַזין, וואָס זיין ציעל איז נאָר רייך צו ווערען אויף די רכענונג פון פרעמדע און ער בענוטצט זיך מיט פערדאָכטליכע אוגרייגע אָדער אונרעיעלע מיטעלן. ער פערקויפט זיינע וואַארען אַזוי ביליג, די פרייזען זייען דאָרט אַזוי פיעל ניעדריגער פון דעם ווירקליכען ווערטה פון די וואַארע, דאָס עס איז אונמאָגליך, ער זאָל זיי בעקומען מיט׳ם עהרליכען וועג. און אויסער דעם פיהרען זיך די פרינציפּאַלע פון דיעזעם מאַגאַזין זעהר אויפפאַלענד, אָבער די קויפער קימערט דאָס ניט און עס איז איממער איינג פון זיי אין מאַגאַזין. אָבוואָהל דיעזע פירמע עקסיסטירט נאָך ניט מעהר ווי צוויי מאָנאַטען, האָט זי שוין אַ וועקגעלייגט צוויי פירמען, וואָס האָבען מיט איהר קאָנקורירט. אַ דריטע פירמע, אַ ריי-

בֿערע, פֿיהרט יעטצט מיט'ם נייען מאַגאַזין אַ בלוטיגע שטרייט. דיעזע דריטע פֿירמע נאָמליך האָט אונז אויפֿגעגעבען מיר זאָלען גענוי אונטערזוכֿען און ערקונדיגען זיך דעם סעקרעט, וואָס יענער פֿערקויפֿט אזוי וואונדערבאַר ביליג זיינע וואַרע. איינינע מאָל האָט דיעזע פֿירמע געפּרופֿט אַליין זיך דאָס צו ערקונדיגען, אָבער זי האָט גאָר ניט אויסגעפֿיהרט און געבליעבען ביים נאַר. דעריבער האָט זי זיך געווענדט צו אונזער הילפֿע. ווי באַלד אָבער מיר זייען שוין דאַרין פֿערמישט און עס האַנדעלט זיך וועגען דעם פֿערדיענטען רוּף פֿון פֿינקערטאָן'ס בעריהמטען קאַנטאָר, מוזען שוין די אונטערזוכֿונגען מעהר נוטצען בריינגען.

מאַגדאַלינאַס מיינונגען וועגען די אויפֿגאַבע וואָס מאָן האָט איהר פֿאָרגעלייגט, איז יעטצט אויך ניט בעסער געוואָרען; אָבער ביי דער טרויעריגען לאַגע, אין וועלכֿער זי איז געבליעבען, האָט זי קיין מוטה ניט געהאַט זיך צו ענטזאַגען.

— אָבער וואָס וועל איך דאָ דאַרפֿען טהאָן? — האָט זי געפֿראָגט: — אין געשאָפֿטס אַנגעלעגענהייטען פֿערשטעהע איך נאָך ניט אַ האָאָר.

— וועגען דעם האָט איהר ניט וואָס צו זאָרגען. אויף דיעזען פּונקט וועל איך אייך געבען אַ גאַנץ גענויע אומשטאָנדליכֿע

אינסטרוקציאָן, און איך בין זיכער, דאָס איהר וועט שנעל געוואָהנט ווערען מיט דיעזער האָכסט איינפאַכער זייט פֿון אייער אויפֿגאַבע די שווערינקייט פֿון אייער אויפֿגאַבע ליעגט אַנדערס-וואו. אייך וועט נאָמליך אויסקומען אין אַ קורצע צייט וואָס אָפֿטער צו זיין אין די פֿערשיעדענע אָבטהיילונגען פֿונ'ם מאַגאזין, מאָן זאָל אייך ניט ערקענען דאָס איהר זייט די זעלבע, און אַלעס בעטראַכטען, זיך צוהערען צו די געשפרעכען פֿון די קראָמער, און איממער אויף אַזאַ אַרט, עס זאָל ניט זיין אויפֿפֿאַלענד, עס זאָל אויף אייך קיין קליינסטער פֿערדאַכט גיט פֿאַלען; דאָס איז ניט לייכט. איבערטהאָן יעדעס מאָל די קליידער — דאָס אַליין וועט דאַ ווייניג העלפֿען. איהר קאָנט נאָר דאַן האָפֿען, דאָס מאָן וועט אייך ניט ערקענען, ווען איהר וועט קענען יעדעס מאָל אָנדערן אין גאַנצען דעם אויסדרוק פֿון אייער געזיכט. דאָס אָבער איז נאָר מאָגליך ווען מען האָט אַ בעזאָנדערע מאַכט איבער די מוסקולען פֿונ'ם געזיכט. אָבער דאָס איז נאָך אויך ווייניג. מאָן מוז נאָך צו דעם קאָנען אויסהאַלטען דעם כאַראַקטער פֿון דער ראָלע וואָס קומט אויס יעדעס מאָל צו שפיעלען, ווי אינ'ם געשפרעך, אַזוי אין די מאַניערען און

בעוועגונגען. איך ווייס ניט, אויב איהר האַלט זיך גענוג פּאַהיג דער צו. איך פֿון מיין זייט מיין, דאָס איהר וואָלט געוועזען אים שטאַנדע דאָס צו עררייכען, און איך ראַטה אייך פֿון הערצען זיך ניט צו ענטזאַגען. איהר ווערט אונז זיין דיענסט-פֿערטיג און מיר — אייך? איהר ווערט לייסטען דיענסט אונזערע אינטערעסען, און מיר וועלען דאַפֿיר זוכען אייער מאַגן. איין עהרליכער אָבמאַך.

— איין מאָל האָב איך ניט קיין אַנדער מיטעל זיך צו פֿערשאַפֿען אייער הילפֿע אין מיין אינטערעס, מוז איך דאָך ניט ווילענדיג אָננעהמען אייער ראַטה, — האָט זי געאַנטוואָרטעט מיט אזיפֿץ און טרוי-עריג אַראָבגעלאָזען די אויגען.

זי איז נאָך ניט צו ענדע געקומען מיט'ם שעווערען שטרייט, וואָס האָט זיך ערוועקט אין איהר זעעלע, און דער אַלטער, וואָס האָט וואַהרשיינליך פֿערשטאַנען איהר שווע-רען געמיטה, האָט זיך ווידער געווענדט צו איהר מיט אַ טיעף פֿריינדליכע שטיממע.

— איך פערלאַנג גאָר ניט, איהר זאָלט מיר שוין געבען איין אַנטוואָרט. איהר קאָנט זיך נאָך ביז אָבענד בעדענקען; אָבער היינט אָבענד מוז דאָס יעדענפֿאַלס געענדיגט ווערען: יע אָדער ניין. ווידער, ווען אפֿילו איהר ווערט מרוצה ווערען

אויף מיין פֿאָרשלאַג, וועלען מיר ערשט קאָנען בעשטימט ענדיגען אונזער אָבמאַך נאָך דעם, ווי עס וועט זיך איינגעבען די פּראָבע.

— און אין וואָס וועט זי בעשטעהן?

— אָט אין וואָס. איהר וועט מאָרגען ביז מיטטאָג צוויי מאָל בעזוכען דעם מאגאַזין, וואָס איך האָב מיט אייך וועגען איהם גערעדט, און יעדעס מאָל דאָרט פֿערברייננגען ניט וועניגער ווי אַ האַלבע שטונדע, אָבער דאָס אַזוי מאַכען, עס זאָל אויף אייך קיין פֿערדאַכט ניט פֿאַלען, ווער אייגענטליך איהר זייט. איינער פֿון מיינע אַגענטען דאַרף וויסען אין וואָס פֿיר איין אָנצוג איהר וועט זיין געקליידעט, און איהם וועל איך שיקען אַהין אין מאַגאַזין, אַכטונג צו געבען אויף אייך. אויב ער וועט אונז ברייננגען אַ גוטען בעריכט וועגען אייער האַלטונג, וועלען מיר מאָרגען מאַכען מיט אייך אַ קאָנטראַקט אין דעם, דאָס איהר נעהמט אויף זיך צו געברויכען אַלע אייערע פֿאָהיגקייטען אויף די זאַך, וואָס מיר האָבען אייך אויפֿגעגעבען, און איך נעהם זיך אָן אין דעם נאָהמען פֿון פּינקערטאָן'ס קאָנטאָר צו בעזאָרגען די אויפֿזוכונג פֿון אייער מאַנן. זעלבסט פֿערשטאָנדליך, דאָס אין דער צייט וואָס איהר וועט זיך בעשאָפֿ-

טיגען מיט אונזער אויפגאַבע, וועט איהר בעקומען אַלערליי הילפע, וואָס איהר וועט נאָר האָבען נאָטהיג. געלד אויף געשעפֿטס אויסגאַבען, און אַלעס וואָס איהר וועט בעדאַרפֿען, וועט מאָן אייך גלייך ארויסגעבען. און איהם פֿאַל, אויב איהר וועט אונז בריינגען נוטצען מיט אייער דיענסט, קאָנט איהר האָפֿען צו בעקומען אַ בעזונדערע בעלאָהנונג, אַ נאַג־ראַדע.

— פֿון נאַגראַדעס ענטזאַג איך זיך דורכאויס, — האָט מאַגדאַלינאַ געאַנטוואָר־טעט מיט אַ פֿעסטע שטיממע: — ווען איך בעשליעס מיך אָנצונעהמען אייער פֿאָרשלאַג, איז דאָס נאָר דעריבער, ווייל אין מיין יעצטיגע לאַגע האָב איך קיין אַנדער וועג ניט אַרויסצוגעהן פֿון דער שרעקליכע אונוויסענהייט וועגען מיין מאַנ'ס שיקזאַל. אָבער טהועט מיר די געפֿעליגקייט און רעדט מיט מיר ניט פֿון איבעריגע געלד בעלאָהנונגען, דער מיט בעליידיגט איהר נאָר מיך.

— איך האָב געוויס ניט געמיינט אייך צו בעליידיגען, — האָט איהר בערוהיגט דער אַלטער: — אַלזאָ וואַרט איך פֿון אייך היינט אָבענד איין אַנטוואָרט.

אויף דעם האָט זיך זייער געשפּראָך געענדיגט. מיט איין אונגלויבליכע שוויי־

ריגקייט אויפ'ם הערצען איז מאַגדאַלינאַ ווידער אַריינגעפאַלען אין טומול פון דער גרויסער שטאָדט, וואו טויזענדער מענשען זייען קאַלטבלוטיג און גלייכ־גילדיג געגאַנגען פאַרביי איהר, און האָבען קיין אַכט געגעבען אויף די בע־קימערנים און פאַרצווייפלונג פון דער פערלאַסענע פרוי.

אויף מאָרגען אום צעהען אוהר איז צווי־שען די מענגע קויפער, וואָס האָבען זיך געדראָנגט אין אַלע אָבטהיילונגען פון דעם מאַגאַזין ברעווער עט קאָמפּאַניע, אויך אַריינגעקומען אַ בעיאָרענטע פרוי וואָס וואַר איינפאַך, כּמעט אָרעם געקליידעט, איהר גאַנצער אויסזעהען, איהרע בעווע־גונגען, איהר אויסשפּראַכע האָבען געלאָזט דענקען, דאָס זי איז ניט לאַנג גע־קומען צו פאָהרען אין נוי־יאָרק, וואַהר־שיינליך, פון וואַנען עס איז פון אייראָפּאַ, זי האָט זיך אָבגעשטעלט, דאָ נעבען איין זאַך, דאָ נעבען איין אַנדערע, און יעדער זאַך אַרומגעקוקט, אַרומגעטאַפּט און זיך געדונגען פונקט ווי אַ קליינ־שטאָדטעלדיגע פרוי. ווען מען האָט איהר געזאָגט דעם פּרייז פון דעם געגענשטאַנד וואָס האָט איהר אינטערסירט, האָט זיך

אויף איהר געזיכט בעוויזען אַזא בע־וואונדערונג, אַזא קאָמישער אויסדרוק, דאָס די קראָמער האָבען זיך קוים איינגעהאַלטען פון געלעכטער. דער צו נאָך איז דיעזע אויסלאָנדערין געוועזען אַ ביסעל טויבלאַך און האָט שלעכט גערעדט און שלעכט פערשטאַנען ענגליש: די אַנט־וואָרטען אויף איהרע פראַגען האָט זי פער־שטאַנען ניט ריכטיג און עס איז שווער געוועזען מיט איהר זיך צוזאַמענריידען. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, דאָס ביינאַהע אַלע קראָמער וואָס זייען געוועזען אויפמערקזאַם אויף איהר לאָכער־ליכען אויסזעהען און איהרע קאָמישע מאַניערן, האָבען ענדליך גאַנץ אָפען גענומען זיך לוסטיג מאַכען איבער איהר, ווייל זיי זייען געוועזען זיכער, דאָס זי פער־שטעהעט קיין זאַך ניט.

אָבער מעהר פון אַלעס האָט זי געמאַכט די קראָמער פערגעניגען, וואָהרענד זי איז געגאַנגען פאַרביי דעם גלעזערנעם וואָנדטעל וואָס האָט אָבגעטהיילט דעם הויפט קאָנטאָר פון דעם מאַגאַזין, און האָט פלוצלונג ערזעהען שרייבמאַשינען, אויף וועלכע עס האָבען געאַרבייטעט די בוכהאַלטער. איהר האָט זיך ניט אַנדערס פערוואָלט זעהען וואָס איז דאָס פיר אַ ציקאַווע פאָרטעפיאַנע. איינער פון די

קראַמער, וואָס האָט ליעב געהאַט זיך לוסטיג צו מאַכען, האָט זיך ניט געקאָנט ענטזאַגען פון דעם פערגעניגען צו זעהען, וואָס פאַר אַ מינע זי וועט מאַכען, ווי ער וועט איהר צופיהרען נאָהנטער צו איינע פון דיעזע מאַשינען. ער איז צוגעגאַנגען מיט איהר צו אַ טישעל פון אַ בוכהאַלטערין, און די יונגע פערזאָן, ניט אויפהאָרענדיג צו אַרבייטען אויף דער מאַשינע, האָט אויסגעבראָכען מיט'ם קראַמער אין אַ גרויסען געלעכטער ביי יעדער נאַאיפען בעמערקונג פאַן דער אויסלאַנדער „נאַרעלע".

אָבער מיט אַמאָל איז די בוכהאַלטערין געוואָרען שטיל אין ערנסטהאַפט; גלייכפאַלס האָט זיך דער ברייטער שמייכעל אויף דעם קראַמער'ס געזיכט געוועכסעלט אין איין ערענסטהאַפטען געשאָפטס אויסדרוק. ער האָט געוואָלט שנעל אַרויס פיהרען די אויסלאַנדערין, אָבער עס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען: דער הערר וואָס האָט מיט זיין אַריינקומען געשטאָרט די פראָהליכע שטימונג פון די דיענער, האָט שוין די פרעמדע פרוי בעמערקט.

דאָס איז געוועזען אַ דאַרער מענש פון מיטלען וואוכס מיט רויטהליכע האָאָר און אַ זאַ באָרד. אָבוואָהל ער איז נאָך געוועזען יונג, האָט ער דעננאָך

אויסגעזעהען אַ קראַנקער. ער איז געגאַנגען עטוואָס איינגעבויגען מיט'ם קאָפּ אַראָב־ געלאָזען אויף די ברוסט, צוליעב וואָס עס איז שווער געוועזען צו בעמערקען, וואָס פיר אַ געזיכט ער האָט געהאַט. דערצו האָט ער נאָך געטראָגען ברילען מיט זעהר גרויסע דונקעלע גלעזער. ער איז אַרוים געגאַנגען פון אַ קליינע זייטען טהירעל און האָט זיך געווענדעט צו אַ דאָפּעלטען שרייבטיש, וואַהרשיינליך האָט ער געוואָלט עטוואָס בעפעהלען דעם בוכהאַלטער, וואָס האָט געאַרבייטעט אויף דיעזעם שרייבטיש. ווי ער איז אַריין, זייען אַלע דיענער געלאָפען צו זייערע אָרטער, אָבער ער אַליין האָט אַפילו אויף איין אויגענבליק ניט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, און מאָן האָט געקאָנט מיינען, דאָס איהם אינטערעסירט גאָרניט וואָס עס טהוט זיך אַרום איהם. אָבער די פאַלש־ הייט פון דיעזער מיינונג האָט מאָן קלאָר אַרויסגעזעהן פון דעם, וואָס ער האָט גלייך בעמערקט די געגענוואַרד פון דער אויסלענדערין.

מיט אַ נידעריגע, הייזעריגע, אָבער שטריינגע, בעפעהלענדע שטימע, וואָס האָט געבראַכט אין פערלעגענהייט די דיענער, האָט ער צו זיי געזאָגט:

— וואָס האָט דאָ נעטהיג דיעזע פער־

זאָן ? ווייסט איהר דען ניט , דאָס אים פֿערלויף פֿון דער געשאֶפֿטס צייט , איז קיינעם , אויסער די דיענער , ניט ער־לויבט אַריינצוגעהען אין קאַנטאָר ? איך וועל גלייך ענטזאַגען פֿון שטעלע יעדען , וואָס וועט נאָך אַ מאָהל וואַגען איבערצו־טרעטען דיעזעס פֿערבאָט !

די טויבליכֿע דייטשין האָט, פער־שטעהט זיך , גאָר ניט פֿערשטאַנען . עס האָט נאָר אויסגעזעהען , אַזוי ווי זי האַפּט אונדייטליך טרעפֿען , דאַס זיינע וואָרטער בעציהען זיך ווענען איהר אויך . זי איז געבליעבען שטעהען אויף דעם זעלבען אָרט , וואו זי איז פֿריהער געשטאַנען , און האָט אויסגעשטעלט די אויגען אויף דעם הערין וואָס האָט זיך געבייזערט : ער האָט געזאָגט דעם בוכֿהאַלטער נאָך עטליכֿע וואָרטער און איז מיט שנעלע טריט צוריק אַרויס דורך דאָס קליינע טהירעל. ערשט נאָכֿדעם ווי דער קראָמער אויף וועמען מאָן האָט זיך געבאָזערט , האָט צו איהר אַנעשריי געטהאָן האַרט אין אויער, דאָס זי קאָן דאָ מעהר ניט בלייבען , האָט זי פֿערשטאַנען וואָס דאָ איז געוועזען : שאָקלענדיג מיט'ם קאָפּ איז זי נאָכֿגעגאַנגען דעם קראָ־מער און צוריק אַרויס פֿון קאַנטאָר אין מאַגאַזין .

וועך איז דאָס דיעזער אונאַנגענעהמער

הערר? — האט זי געפֿרעגט איהר בעגלייטער, ווי די גלעזערנע טהיר פֿון קאַנטאָר האָט זיך הינטער זיי ווידער פֿערמאַכט.

אָבער דער קרעמער האָט שוין פֿערלאָרען די פֿאָריגע לוסטיגקייט, און ער האָט איהר נאָר זעהר אונהעפֿליך קורץ געאַנטוואָרטעט:

— דאָס איז מיסטער דאָרטינגטאָן, איינער פֿון אונזערע פּרינציפּאַלען. איבער אייערע נאַרישע נייגעריגקייט האָט ער מיך אַזוי אָבגעבריהט. מעהר האָט איהר דאָ ניט וואָס צו פֿרעגען.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער זיך פֿון איהר אָבגעקעהרט. די אַנשטענדיגע פּערזאָן האָט נאָך אַזאַ שמיטץ פֿערלאָרען יעדע לוסט עטוואָס איינצוקויפֿען, און האָט לאַנגזאַם גענומען געהען צום אַרויסגאַנג, פֿערבייגעהענדיג נאָר וואַרפֿענדיג די אויגען אויף די פֿערשיעדענע וואַארען, וואָס זייען געלעגען אויף די טישען.

עס איז אַוועק פֿיעללייכט ביי אַ שטונדע צייט נאָך איהר אַרויסגעהען פֿון מאַגאַזין, און אונטער די קויפֿער האָט זיך בעוויזען אַ געפּוצטע דאַמע, וואָס האָט אויסגעזעהען אַ פֿראַנצעזין. זי האָט פֿערלאַנגט צו קויפֿען געוויסע טהייערע שפּיטצען, אָבער זי האָט געשפּראָכען

ענגליש אזוי שלעכט, דאָס די קראָמער פון דער שפּיטצען אָבטהיילונג האָבען אויף קיין אַרט פון איהר ניט געקאָנט פערשטעהען, וועלכען סאָרט שפּיצען זי האָט נאָטהיג. וויפיעל קאַרטאָנען מיט שפּיצען מאָן האָט איהר ניט אויסגעוויזען, האָט זי אַלץ מיט איין אונצופריעדענע מינע אוועקגעלייגט אָן אַזייט און ענדליך האָט זי געפראָגט, אויב עס איז ניט מאָגליך, מאָן זאָל אַרויסרופען צו איהר איינעם פון די ווירטהען, וועלכער, ווי זי האָפט, וועט זיך קאָנען ערקלאָרען מיט איהר, אויף איהר פראַנצאָזישען מוטער-שפּראַכע און וועט פערשטעהען, וואָס זי ברויכט צו האָבען.

מיט דיענסטפערטיגקייט און האָפליכ-קייט, צו וועלכע די אַמעריקאַנער געשעפטס-לייטע זייען אימּמער געוואָהנט, האָבען די קראָמער שנעל צופרידען געשטעלט איהר וואונש, און אין עטליכע מינוט אַרום איז צו איהר צוגעגאַנגען אַ ניעדריגער דאַרער ברונעט מיט אַקאָכיגען, שאַרפען בליק אין די אויגען. מיסטער ברעווער האָט ביי איהר געפראָגט אויף פראַנצאָזיש, אויף וועלכער שפּראַכע ער האָט זעהר לייכט גערעדט, וואָס זי פערלאַנגט פון איהם!

אַגוטע אויג וואָלט פיעללייכט בע-

מערקט, דאָס ווי זי האָט ערזעהען דיעזען קליינען מענשעלע, איז איבער איהר שטאַרק אַנגעפאַרבטען און צונג-פוטצטען געזיכט דורכגעלאָפען אַ שאָטען פון ענטטיישונג. ווי עס שיינט, האָט זי געהאָפט צו בעגעגענען אַנשטאָט איהם איין אַנדערען, אָבוואָהל זי האָט עס מיט קיין זאַך ניט אַרויסגעוויזען, ניט אין גע-שפּראַך, ניט אין איהר אויפפיהרונג. אים געגענטהייל, זי האָט אומשטאָנדליך און גענוי ערקלאָרט מיסטער ברעווער'ן, וואָס זי פערלאַנגט, און ער האָט זיך מיט פערדרוס געמוזט ביי איהר ענטשולדיגען, דאָס אין דיעזעם אויגענבליק איז ער ניט אים שטאַנדע איהר צופריעדען צו שטעלען, ווייל ער האָט נאָך ניט ער-האַלטען דעם סאָרט שפּיטצען, וואָס זי בעדאַרף.

— אויב אַזוי וועל איך אַריינקומען אין אַוואָך אַרום, — האָט זי געזאָגט, אויפשטע-הענדיג פון איהר אָרט. — זי האָט גענומען פון איהם אָבשיעד, מיט אַ לייכטען שאָקעל מיט'ן קאָפּ, און איז אַרויס פון דעם מאַגאַזין.

ק. זאָרט.

די שפּיאָנין.

צווייטער טהייל

מיסטער בערענס, דער אָבער אָנפֿיהרער פֿון פינקערטאָנ'ס ניויאָרקער קאַנטאָר, איז געוועזען זעהר פֿריינדליך און ליבענסווירדיג, ווען מאַגדאַלינאַ איז נאָכמיטטאָג געקומען צו איהם אין קאַבינעט.

— איך גראַטולירע אייך, מיס פֿערסטער, — האָט ער געזאָגט: — מיין אַגענט האָט מיר ראַפּאָרטירט פֿון אייער היינטיגען דעביוט ביי דער פֿירמע „ברעווער עט קאָמפּאַניע". נאָך דעם ווי ער האָט מיר ערצעהלט, האָט איהר אייער ראָלע געשפּילט מוסטערהאַפֿט.

אַזוי ווי מיר האָבען נעסטערן אָבגערעדט, האָט איהר אונז היינט נאָר בעדאַרפֿט ווייזען אַ פּראָבע, אַ מוסטער פֿון אייער קונסט, — האָט ער ווייטער גערעדט: — עס פֿערשטעהט זיך, דאָס איך האָב נאָך קיין רעכט ניט און איך וואַג ניט צו פֿאָרדערן פֿון אייך אַזעלכע מיט-

שהייל.נגען, וואָס זאָלען האָבען איין אינטערעס, וואָס זאָלען זיין נוטציג פֿיר אונזערע פּרינציפּאַלען.

— און דעננאָך קאָן איך אייך שוין מיטטהיילען אַ זאַך, וואָס איך בין אַליין ניט אים שטאַנדע צו וויסען, ווי ווייט וויכטיג זי איז. דאָ האָט איהר די אַדרעסע פֿון צוויי פֿירמען, מיט וועלכע ברעווער עט קאָמפּאַניע שטעהען צווישען זיך אין בעציהונג: אָדער זיי האָבען פֿון זיי שוין ערהאַלטען וואַארע אָדער זיי דאַרפֿען נאָך ערשט ערהאַלטען: איינע פֿון דיעזע פֿירמען איז אַ וועבער מאַנופֿאַקטור אין גער. די אַנדערע — אַ גלאָז פֿאַבריק אין סילעזיען. עס איז גאַנץ מעגליך, דאָס מיט דער הילפֿע פֿון דיעזע נאָמען וועט מאַן קאָנען פֿאָרשטעלען די פּרייזען, וואָס מיסטער ברעווער מיט זיין קאָמפּאַניאָן צאָהלען אַליין פֿיר די וואַארע, וועלכע זיי פֿערקויפֿען אַזוי ביליג.

דאָס געזיכט פֿון דעם אַלטען האָט אויסגעדריקט די גרעסטע צופֿריעדענהייט·

— פֿאָרטרעפֿליך! אויסגעצייכענט! — האָט ער אויסגעשריען: — מיסטער ברעוועער עט קאָמפּאַניע היטען נאָך קיין געשעפֿטס סעקרעט ניט אַזוי שטאַרק ווי דיא נאָמען און אַדרעסען פֿון זייערע פֿאַבריקאַנטען. זאָגט מיר געפֿעליגסט, ווי אַזוי האָט

איהר דאָס געקאָנט ערפאַהרען גלייך שוין אין דעם ערשטען טאָג?

— מיט אַ גאַנץ איינפאַכען מיטעל. קו־קענדיג מיט געמאַכטען ערשטוינען אויף די שרייב־מאַשינען, האָב איך אין דער זעלבען צייט איבערגעלעזען אַלע בריעף, וואָס איך האָב נאָר געקאָנט דורכלויפען מיט די אויגען. און אויגען האָב איך זעהר גוטזיכטיגע.

— נו, אויב איהר וועט אויף דיעזער אַרט שפּעטער אויך אַרבייטען, בעקומט איהר פון אונז אַ גרויסע בעלאָהנונג. דאָ זיינען ביידע קאָנטראַקטען, וואָס איך האָב פערטיג געמאַכט, לויט דעם ווי מיר האָבען געסטערן אָבגערעדט. זייט אַזוי גוט און קוקט דורך, און אויב איהר האָט גאָר ניט וואָס איינצווענדען, ביטע איך נעפּאָלינגסט אונטערצושרייבען.

מאַגדאַלינאַ איז צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש און האָט איבערגעלעזען ביידע פּאַפּיערען, וואָס זייען געוועזען אויפגעשריבען מיט עכט אַמעריקאַנישע פּינקטליכקייט און קלאָרהייט. זי האָט גענומען אין האַנד אַ פּעדער, אָבער פאַר דעם אונטער־שרייבען, האָט זי זיך ווידער געווענדעט צו מיסטער בערענס:

— איך האַלט זיך שולדיג צו האַנדלען מיט אייך גאַנץ אָפען. ווי גרויס עס איז

ניט דער ציעל, צוליעב וואָס איך האָב גענומען אויף זיך דיעזע אויפגאַבע, דעננאָך וואָלטען מיך די שמערצען, וואָס איך האָב איבערגעלעבט היינט אין דער פריה, פיעללייכט וויעדער אָבגעהאַלטען פון מיין בעשלוס, ווען איך וואָלט ניט ביי מיין ערשטען וויזיט אין מיסטער ברעווער'ס מאַגאַזין בעמערקט עטוואָס, וואָס איז זעהר וויכטיג פיר מיך אַליין. פיעללייכט האָט זיך עס מיר נאָר אָבגעדאַכט. יאָ, עס קאָן זעהר זיין, דאָס איך האָב מיך געאירט, אָבער דעננאָך צווינגט מיך די הייליגע שולד, מיט אַלער מאָגליכקייט זיך אָנצושטרענגען צו ערפאָהרען די ריכטיגקייט אין דיעזער זאַך, עס מאָג מיך קאָסטען וואָס עס וויל. אַלזאָ, שפּיאָנעווע איך ניט נאָר פיר אייך און אייערע פרינציפּאַלען, אָבער פיר מיך אַליין אויך. און נעמליך דיעזער אומשטאַנד איז די לעצטע אורזאַכע וואָס טרייבט מיך אָנצונעהמען אייער פאָרשלאַג.

— דאָס ווענדט זיך דורכאוים אָן אייך, עהרווירדיגע מיס פערסטער! אין אייערע אייגענע אַנגעלעגענהייטען האָבען מיר געווים ניט זיך צו מישען.

— אָבער איך וואָלט אין דיעזער זאַכע אייך פערלאַנגען אייער ראַטה און הילפע, אַזוי ווי איהר האָט זיך שוין געווים

עטוואָס ערקונדיגט וועגען די ווירטהעען פֿון דער פֿירמע ברעווער עט קאָמפּאַניע: ווען איהר ניט אַזוי גוט זיין מיר זאָגען ווער זייען אייגענטליך דיעזע לייטע?

— זעהר גערן. עס איז פֿאַרהאַנדען זייערע צוויי. איינער פֿון זיי איז מיסטער ברעווער. ער האָט נאָך גאָר ניט לאַנג געדיענט אין אַגרויסען געשעפֿט אין טשיקאַגאָ, וואו ער איז געוועזען דער עשטער קראָמער. ביז אהער האָבען מיר נאָך אויף איהם ניט געקאָנט אויפזוכען וואָס עס איז, פֿיר אַ פֿלעק. דער צווייטער איז מיסטער בֶּנְיָמִין דאַרלינגטאָן. וועגען זיין פֿערגאַנגענעם לעבען ווייסען מיר גאָר-ניט, אויסער דעם, דאָס ער איז געקומען אהער פֿון איינעם פֿון די זידליכע שטאַ-אַטען מיט עטליכע וואָכען נאָר פֿאַר דעם, ווי די פֿירמע האָט זיך געאָפּענט. פֿון אַלץ ווייזט אויס, דאָס דיעזער דערלינגטאָן איז אייגענטליך דער רעכטער איינפֿיהרער פֿונ'ם געשעפֿט, אָבוואָהל ער שטעלט אומעטום אויס זיין קאָמפּאַניאָן, אַזוי ווי איבער דעם וואָס ער אַליין איז ניט אין גאַנצען געזונד. ער לעבט גאַנץ אָבגעזאָנדערט, האָט מיט קיינעם ניט קיינע אויפֿטראַגע, פֿיהרט קיין פֿריינדשאַפֿט און קיין בעקאַנטשאַפֿט; ניט ביי זיך אין קאַבינעט אינ'ם מאַגאַזין, ניט ביי זיך אין וואָהנונג, וואו ער איז

נאָר דאָ ביי נאַכט, נעהמט ער קיין אַנ־דערע וויזיטען ניט אָן, אויסער די וואָס בעלאַנגען צום געשעפֿט. זייען גענוג פֿיר איך דיעזע נאַכריכטען?

— פֿאָרלויפֿיג מוז איך צופֿרידען זיין דאַמיט, — האָט געזאָגט מאַגדאַלינאַ, וואָס האָט קוים פֿערבאָרגען איהר ענטטוישונג. — נאַכדעם האָט זי זיך אונטערגעשריעבען אויף ביידע קאָנטראַקטען און איינעם פֿון זיי אָבגעגעבען צוריק מיסטער בערנס.

— איך דאַנק אייך, מיס פֿערסטער, אַלזאָ זייען מיר יעטצט קאָלעגען, וואָס אונז איז נאָטהיג, ווייסט איהר שוין, דאָס איבריגע — פֿערלאָזען מיר זיך אויף אייער אייגענען פֿערשטאַנד און אייערע געשיק־ליכקייט. אויף איין זאַך נאָר וואָלט איך מיר ערלויבען אייך צו מאַכען אויפֿמערק־זאַם. אָבוואָהל די פֿאָרטרעפֿליכע פּראָבע, וואָס איהר האָט היינט געוויעזען פֿון אייער קונסט, איז ווערטה צו בעוואונ־דערן, דעננאָך מוז איך אייך זאָגען, דאָס איך ראַטה אייך ניט אויף ווייטער אַזוי רייסענד פֿאָרצושטעלען אייערע אויסגע־קליעבענע טיפען. וואָס מעהר איהר וועט צוציהען צו זיך די אויפֿמערקזאמקייט פֿון די געשעפֿטסדיענער, איז אַלץ מעהר די געפֿאַהר, דאָס אייער וואַהרע ראָלע וועט זיך ענטדעקען פֿאַר דער צייט.

— אין דיעזער הינזיכט קאָנטע איהר זיין גאַנץ רוהיג, מיסטער בערנס. געוויס וועל איך זיך ניט שטעלען אין אַזאַ געפאַהר, וואָס איך קאָן אויסמיידען. און נאַכדעם ווי איך האָב מיך היינט געקאָנט איינ־האַלטען אין אַזאַ מינוט, וואָס עס וואָלט געוועזען גאַנץ נאַטירליך צו פערליערען די געדולד — נאַכדעם, זאָג איך, האָב איך פיר קיין זאַך ניט צו פירכטען, וואָס עס קאָן טרעפען.

ווי עס האָט אויסגעזעהען, איז מיס־טער בערנס געבליעבען גאַנץ צופריעדען מיט איהר ערקלאָרונג. דעננאָך, ווי זי האָט גענומען אַוועקגעהן, האָט ער זיך ווידער צו איהר געווענדעט:

— נאָך איין וואָרט, מיס פערסטער, איין מאָל האָבען מיר געפאָדערט פון אייך אַבעווייז פון אייער טויגליכקייט און קענט־שאַפט, וואָלט פון אונזער זייט ניט עהרליך געוועזען, מיר זאָלען אייך ניט ווייזען אַ פּראָבע פון אונזער קענטשאַפט. געסטרן גלייך נאָכאייער ערשטען בעזוך, האָב איך אויפגע־געבען אַרבייט דעם טעלעגראַפישען דראָטה, אום צו ערפאַהרען דעם אָרט, וואו אייער מאַנן האַלט זיך אויף. און אָבוואָהל דער רעזולטאַט פון די ערשטע אונטערזוכונגען איז נאָך דערווייל זעהר אַ קליינער, דענ־נאָך ווייס איך שוין געוויס, דאָס ער

איז גליקליך געקומען אין ליוּאיס, פֿון וואַנען ער האָט געקאָנט מיט דער צענט־ראַל־שטילמער־אייזענבאַהן דירעקט קומען אין ניו־יאָרק.

אין מאַגדאַלינאַס אויגען האָט זיך אָנ־געצונדען אַפֿריידע. זי האָט זיך גיעריג אָנגעחאַפּט פֿיר די שוואַכע האָפֿנונג, וואָס האָט איהר פֿערשפּראָכען צו בעפֿרייען פֿון די שמערצען, וואָס האָבען אויף שטיקער געריסען איהר זעעלע.

— אָה, ווי דאַנקבאַר איך בין אייך מיסטער בערנס, פֿיר אייערע גוטסקייט! — האָט זי אויסגעשריען און פֿון גרויס אויפֿרעגונג געחאַפּט דעם אַלטינקען פֿיר די האַנד: — יאַ, יעטצט גלויב איך, דאַס איהר וועט איהם געפֿינען. און ביז דעם לעצטען טאָג פֿון מיין לעבען וועל איך אייך דאַפֿיר בענטשען.

— איך האָב גאָר ניט קיין רעכט אויף אייערע דאַנקבאַרקייט, עהרווירדיגע מיס פֿערסטער. אונזער שולד איז צו ערפֿיע־לען, ווי ווייט עס איז מעֶגליך, עהרליך אַלעס, וואס מיר האָבען זיך אָנגענוהמען. ווידער, ווייסט איהר דאָך — אַ האַנט וואַשט אַ האַנד. דיעזעס שפּריכוואָרט גילט ביי אונז אין אַמעריקאַ אַזוי פֿיעל און פֿיעללייכט נאָך מעהר ווי אין אייער געבורטס־לאַנד.

מאַנדאַלינאַ האָט נאָך געהאַט פֿיעל וואָס צו פֿראָגען, אָבער מיסטער בערנס האָט ערקלערט, דאָס ער האָט איהר, שוין אַלעס געזאָגט, וואָס ער ווייס, זי האָט גענומען פֿון איהם אָבשיעד און איז אַוועג צו זיך אַהיים, צו איהר טאָכטער'ל און זי האָט זיך שוין לאַנג ניט געפֿיהלט אַזוי מונטער, ווי יעטצט.

דער אָנפֿיהרער פֿון אונטערזוכונגס-קאַנטאָר האָט איהר בעגלייט מיט די אויגען און געקוועטשט מיט די פלייצעס.

— אַרמע פֿרוי! — האָט ער געמורמעלט: — פֿיר וואָס האָב איך איהר ניט געזאָלט גליקליך מאַכען מיט דער קורצע-ווייליגען האָפֿנונג, נאָך וועלכער עס וועט געווים באַלד קומען די טרויעריגע ריכטיגקייט? — זאָל זי זיך דערווייל־ע פֿרייהען...

ער האָט איהר ניט געזאָגט די גאַנצע וואהרהייט: ער האָט געוואוסט פֿיעל מעהר ווי דאָס וואָס ער האָט איהר מיטגעטהיילט. אין דער וואהרהייט האָט דער אויסטינער אַגענט פֿון פינקערטאָנס קאָמפּאַניע טעלעגראַפֿירט, דאָס איינער האָט געזעהען פֿערסטער'ן אין ליוואים, אָבער דערצו איז נאָך געשטאַנען אין טעלעגראַמע, דאָס ער איז געוועזען געפֿעהרליך קראַנק און דאָס מאַן האָט איהם ניט

געקאָנט אָבהאַלטען, ער זאָל ניט פֿאָהרען ווייטער.

מיסטער בערנס איז געוועזען איבער־צייגט, דאַס די לעצטע ווערטער פֿון דער דעפּעשע האָבען געגעבען רעכט צו דענקען, דאַס מאַגדאַלינאַס מאַנן ליעגט שוין יעטצט טויט וואו עס איז צווישען ליוואים און ניויאָרק, ווארום ווען די קראַנקהייט זאָל איהם נאָר האָבען פֿערהאַלטען אים וועג, וואָלט ער שוין לאַנג געפֿינען אַ מיטעל צו שיקען אַ נאַכ־ריכט וועגען זיך צו זיין פֿרוי אָדער צו זיינע פֿריינדע אין אויסטין.

שפּעטער האָט מאַגדאַלינאַ אויך ער־פֿילט די אויפֿגאַבע, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען, מיט אַזוי פֿיעל קונסט און גע־שיקליכקייט, ווי זי האָט אַרויסגעוויזען אין איהר ערשטע פּראָבע, און מיסטער בערנס האָט זיך וואָס פֿון טאָג מעהר געוואונדערט אויף איהרע מייסטערהאַפֿטע אַיינפֿאָלע. זי האָט געדונגען ניט ווייט פֿון דער פֿירמע ברעווער עט קאָמפּאַניע אַ קליינעם צימער מיט אַ בעזונדערן אַריינגאַנג אין וועלכען זי האָט אַלע צייטען פֿון טאָג געקאָנט אַריינגעהען און קיינער זאָל איהר ניט בעמערקען. מיט

דיעזעם צימֶמער האָט זי זיך בענוצט אויף איהרע פֿערשיעדענע פֿערשטעלונגען, אין אַ קורצע צייט אַרום האָט זיך ביי איהר אויפֿגעזאַמעלט אַ מענגע פֿאַקטען, וואָס האָבען קלאָר געוויזען, דאַס אין ברעווערס מאַגאַזין האָט מאָן פֿערקויפֿט די וואַארע אונטער דעם פּרייז, וואָס זיי האָבען דעם מאַגאַזין אַליין געקאָסט. אַלזאָ, איז געוועזען צו שליעסען, דאַס דאָ איז גע־ווים פֿאַרהאַנדען וואָס עס איז פֿיר אַ שווינדעל.

איין זאַך האָט זיך מאַגדאַלינאַ ניט איינגעגעבען, אָבוואָהל זי האָט געראַדע אויף דעם אַנגעווענדט אַלע קראֶפֿטען פֿון איהר פֿערשטאַנד און איהרע אַלע קונס־שטיקע וואָס זי האָט זיך ניט אָנגעשטרענגט צו רעדען מיט מיסטער דאַרלינגטאָן אָדער נאָר איהם פֿון נאָהנטען צו בעטראַכטען, האָט דאָס צו קיין זאַך ניט געפֿיהרט. דער מענש וואָס האָט פֿערשטאַנען צו דרעהען, ווי ער האָט געוואָלט, די מאַ־שינע פֿון אַזאַ גרויסען געשאֶפֿט, האָט אויך פֿערשטאַנען ווי זיך צו היטען פֿון עַיִן הָרָע. וואָס האָט מאַגדאַלינאַ פֿאָרט ניט אויסגעדענקט, אום אַריינצוקומען צו איהם אין קאַבינעט! אָבער צוליעב די אָרדענונגען וואָס מיסטער דאַרלינגטאָן האָט איין מאָל פֿיר אַלע מאָל ביי זיך

איינגעפֿיהרט געגען אונגעווינשטע בעזו־כֿע, זייען אַלע איהרע פּלאָנער צופֿלויגען געוואָרען, און האָבען זיך געענדיגט מיט גאָרנישט. דאַרלינגטאָן פֿלעגט קיינעם ניט אויפֿנעהמען, וואו ער זאָל פֿריהער ניט ערקלאָרען גאַנץ גענוי איינעם פֿון די בוכֿפֿיהרער אָדער מיסטער ברעווער, די אורזאַכֿע און דעם ציעל, צוליעב וואָס ער וויל שפּראָכֿען דַוְקא מיט איהם, דאַרלינגטאָן. מאַנדאַלינען, וואָס וואַר יע־דעם מאָל אין איין אַנדער געשטאַלט, האָט מאָן צוויי מאָל ענטזאַגט, און מעהר האָט זי שוין ניט געוואַגט צו פּרווען, אום אויף זיך ניט אַרויף צו ציהען קיין פֿערדאַכֿט.

דאָך האָט זיך איהר איינגעגעבען איהם צו זעהען צווי, דריי מאָל אין פֿערלויף פֿון צוואָלף טאָג, וואָס זייען פֿערגאַנגען פֿון איהר ערשטען וויזיט אין מאַגאַזין. אָבער צו דיעזעם ציעל האָט זי איהם געמוזט אָבהיטען אין דער שטראַסע צו דער צייט, ווען ער איז דעם מאָרגענס געגאַנגען אין מאַגאַזין, אָדער ווען ער איז ביי נאַכֿט געגאַנגען פֿון מאַגאַזין צוריק נאָך הויזע. אָבער דיעזע פֿאַרבייגעהענדע בעגעגעניסען האָ־בען איהר ניט געקאָנט געבען די געוויס־הייט, וועלכֿע זי האָט געזוכֿט, און וועל־

בֿע עס איז איהר געוועזען אַזוי נאָטהיג זיין אונגעוואָהנליכֿע האַלטונג, זיין שנעלער גאַנג, דער שטאָהענדער ברייטער קראַגען פֿון מאַנטעל, וואַס האָט איהם אין גאַנצען פֿערדעקט דאָס געזיכֿט, דער הוט, וואָס איז ביי איהם געוועזען אַראָבגערוקט אי־בער די אויגען מיט די דונקעלע ברי־לען — דאָס אַלעס האָט ניט ערלויבט צו בעטראַכֿטען זיינע געזיכֿטס־ציגע. דאָס איינציגע רעזולטאַט, וואָס זי האָט עררייכֿט מיט גאַנצע שטונדען פֿון וואַרטען און אַנגעשטרענגטען אויפֿמערקזאַמקייט, איז נאָר געוועזען דאָס זי איז אַמוויינינגסטען געבליעבען ביי איהר פֿריהערדיגען פֿער־דאַכֿט.

די אונטערזוכֿונגען און בעציעהונג פֿון איהר מאַנן האָבען ווי פֿריהער קיינע נוטצען געבראַכֿט, מאָן האָט נאָך איהם אַלין גע־מוזט האַלטען פֿיר פֿערפֿאַלען אָהן אַ שפּור, און די יונגע פֿרוי האָט אָפֿט געמוזט אָנ־ווענדען אַלע קראָפֿטען אום זיך ניט פֿער־נאַנדער צו וויינען מיט ביטערע טראָה־רען, וואָהרענד מיסטער בערענס פֿלעגט איהר עקלאָרען מיט אַ טאָן פֿון מיטלייד און פֿער־דרוס, דאָס וועגען איהר מאַנן איז נאָך אַלץ קיינע נאַבֿריכֿטען ניט געקומען.

עס איז מאָגליך, דאָס איהרע קראָפֿ־טען וואָלט ווירקליך ווייניג געוועזען, זי

זאָל בלייבען פעסט און ניט פאַלען אונ־
טער דער לאַסט פון אַזעלכע ליידען
ווען ניט דאָס קינד, צו וועלכעס זי איז
געוועזען צוגעבונדען מיט אַלע פיבערן
פון איהר זעעלע. די קליינע עלזאַ האָט
שוין לאַנג אויפגעהערט צו פראַגען וועגען
פאַפאַ און דעם פערשפּראָכענען צוקער־
לעקאַך. מיט דעם געפיהל וואָס מען בע־
מערקט ביי פיעל קינדער, האָט זי פער־
שטאַנען, דאָס מיט דיעזע פראַגע, פערבי־
טערט זי דער מוטער דאָס געמיטה. זי איז
זאָגאַר שנעל געוואוהנט געוואָהרען צו דעם,
די מוטער זאָל אַוועקגעהען ביינאַהע אויף
דעם גאַנצען טאָג פון דער היים, אָבוואָהל
אין אָנפאַנג איז זי צו דעם גאָר ניט
גלייכגילטיג געוועזען. צום גליק האָט זי
זיך באַלד בעפריינדעט מיט נאָך אַ קליינעם
מאָדכען, דער ווירטהינ׳ס אַ פלימעניצע,
וואָס האָט איהר ליעב בעקומען: זיך
פערטיפענדיג אין שפּיעל מיט איהר פריינ־
דין, האָט זיך עלזאַ ביסלעכוויים צו־
געוואוהנט רוהיג צו בלייבען שטונדען לאַנג
אַליין אָהן די מוטער. די ווירטהין, וויע־
דער, פלעגט אַזוי גוט אַכטונג געבען אויף
דאָס ליעבע קינד, דאָס מאַגדאַלינאַ האָט
זיך אויפגעהערט צו שרעקען עלזאָ׳ן איבער־
צולאָזען אין קוואַטיר און אַליין אַוועקצו־
געהן. אין דיעזער היגזיכט, האָט זי אַם

וויינינגסטען געקאָנט זיין רוהיג און ניט געהאַט צו ערוואַרטען קיינע שטאָרונגען אין איהר יעצטיגען שווערען און ביטע־רען דיענסט.

ענדליך איז געקומען די צייט, וואָס מיסטער בערנס האָט מיטגעטהיילט מאַג־דאַלינאָן, דאָס אין עטליכע טאָג אַרום וועט זי שוין געווים זיין פערטיג מיט איהר אַרבייט, ווייל זי האָט שוין אויפ־געזאַמעלט גענוג מאַטעריאַל, מאָן זאָל שוין קאָנען מאַכען איין ענדע פון דער פירמע „ברעווער עט קאָמפּאַניע". מאַגדאַ־לינאַ האָט אויסגעפאָרשט, פון וועלכע פאַבריקאַנטען דיעזע לייטע האָבען געלי־פערט וואַארע. פון דיעזע פאַבריקאַנטען וויעדער האָט מאָן זיך ערקונדיגט, דאָס פיר די ערשטע וואַאָרע האָט ברעוועד געצהאָלט זעהר פינקטליך, אָבער נאַכדעם ווי ער האָט זיך דערמיט פערשאַפט צו־טרויען, האָט ער געמאַכט בעשטעלונגען אויף קרעדיט אויף פיעל גראָסערע פּאַר־טיען וואַארע, אַלס ווי עס בעווייזט, דאָס מען קאָן איהם טרויען, ער האָט אָנגעוויעזען אויף אייניגע אַנדערע געשאָפטספירמען, וואָס שטעהען שוין לאַנג מיט איהם אין אויפטראַגען. אָבער דיעזע פירמען, וועל־כע האָבען ווירקליך געגעבען וועגען „ברע־וועד" די בעסטע מיינונגען, זייען שוין

לאַנג געוועזען בעקאַנט אין פינקערטאָנ'ס קאַנטאָר פיר בעטריגער, וואָס פיר געלד האָבען זיי גערן געטהאָן דיעזע געפעֶליג־קייט יעדעם, וואָס האָט זיך צו זיי גע־ווענדט. מיסטער בערנס האָט איהר ווייטער ערקלאָרט, דאָס מאָרגען אָדער איבער־מאָרגען, וועט מען געוויס עטוואָס אונ־טערנעהמען, אום צו פערזיכערן ברעווערס קרעדיטאָרען, און דאַן וועט שוין מוזען אין גאַנצען ווערען איין ענדע פון דער פירמע. אָנצוקלאָגען די ווירטהען פון דיע־זער פירמע גלייך אין געריכט און שוין זיי צו אַרעסטירען איז ביז יעטצט דאָך נאָך ניט געוועזען גענוג אורזאַכען. אָב־וואָהל עס איז געוועזען געגען זיי אַ גרויסער פערדאַכט, אָבער אַ זאָלכע קלאָרע אורזאַ־כען זיי צו אַרעסטירען, ווי די געזעטצע פאָרדערן, האָט מאָן ביז יעטצט נאָך ניט געקאָנט אויפזוכען. „און ווי נאָר זיי ווע־לען זיך ערקונדיגען דאָס, וואָס די קרע־דיטאָרען רעכנען צו טהאָן, וועלען זיי גלייך ענטלויפען", — האָט מיסטער בערנס געענדיגט ערקלאָרען דער יונגען פרוי.

מאַנדאַלינאַ האָט זיך שטאַרק פערטראַכט ווי זי האָט אויסגעהאָרט דיעזע מיטטהיי־לונגען, און האָט אייליג גענומען פון מיס־טער בערנס אָבשיעד.

נאָהנט פֿון האַלבע נאַכֿט האָט ברעווער'ס קאָמפּאַניאָן פֿערלאַסען דעם מאַגאַזין דורך די אויסענטהיער, צו וועלכֿע ער האָט געקאָנט צו געהען גלייך פֿון זיין אַרבייטס־קאַבינעט, ניט פֿאַרבייגייהענדיג די איבעריגע אָבטהיילונגען פֿון דעם מאַגאַזין. ער איז געוועזען ווי געוואָהנליך אַזוי איינגעהילט, דאָס עס איז אונמאָגליך געוועזען איהם צו ערקענען, און איז געגאַנגען ניעדריג אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, אַזוי געשווינד, ווי ער וואָלט זיך געאַיילט צו פֿערפֿערטיגען וואָס עס איז פֿיר אַ נאָטהיגע זאַך, אָדער ווי מאָן וואָלט זיך נאָך איהם נאָכֿגעיאָגט. קיינער פֿון די וויניגע דורכֿגעהער, וואָס ער האָט בעגעגענט אויף דיעזער, ביי טאָג געוואָהנליך זעהר קאָכֿיגע האַנדעלס־שטראַסע, האָט אויף איהם קיין אַכֿט ניט געגעבען. אָבער ווי ער איז אַריין אין דעם אָרט, וואָס איז געוועזען בעלויכֿטען מיט איין עלעקטרישען לאַנטערנע, איז אויף איהם פלוטצלונג אָנגעפֿאַלען איין אָנשטאָנדיג געקליידעטע בעיאָהרענטע דאַמע, וואָס אויף איהר געזיכֿט האָט זיך געזעהען פֿריידע און גרויס וואונדער, און האָט איהם אָנגענומען פֿיר ביידע שולטערן.

— מיין זאָהן! — האט זי אויסגעשריען מיט אַהאַלב פֿערשטיקטען שטימע: — מיין

זאָהן! ענדליך האָב איך דיך ווידער גע-
פונען!

אומזיסט האָט דאַרלינגטאָן מיט אַ האַס-
טיגען בעוועגונג געפּרופט זיך אַרויסרייסען
פון די האַנד וואָס האָבען איהם שטאַרק
צוזאַמענגעדריקט.

—איהר האָט איין אירטהום! — האָט
ער געשריען: — איך בין ניט דער, וואָס
איהר מיינט. איך האב ניט דעם פערגע-
ניגען אייך צו קענען.

אָבער די אַנשטאַנדיגע דאַמע האָט
איהם ניט געהאָרט.

—ניין! איך האָב ניט קיין אירטהום! —
האָט זי יעטצט אויסגעשריען אזוי הויך,
דאָס איינינע פאַרבייגעהענדע האָבען זיי
בעמערקט און זיך אָבגעשטעלט קוקען: —
דו מאָגסט זיך פערהילען און פעראַנדערן
דיין געזיכט, וויפיעל דו ווילסט, אָבער
די מוטער׳ס אויג וועסט דו ניט נאַרען.

און איידער עס האָט איהם נאָך גאָר
געקאָנט קומען אויפ׳ן געדאַנקען דאָס וואָס
זי וויל טהאָן, האָט זי פלינק ווי אַ פייל
פון בויגען אויף איין מאָל פון איהם
אַראָבגעריסען דעם הוט פון קאָפּ און די
ברילען פון די אויגען.

אַ פּאָאר העל-בלויע, וואַסערדיגע אוי-
גען האָבען איהר איין סעקונדע אָנגעקוקט
מיט שרעק און ערשטוינען, אָבער נאָכהער

האָט זיך דאַרלינגטאָן האַסטיג ארויסגעריסען פון איהרע האַנד און געטהאָן אַ געשריי:

דיעזע פרוי איז פון זינען אראָב! וואָס טהועט ביי אונז די פּאָליציי? מאָן איז שוין יעטצט ניט זיכער אַ משוגענע זאָל אויף אייך אין מיטען נאַס ניט אָנפאַלען!

די מענשען אַרום האָבען געלאַכט.

אָבער די אַנשטאָנדיגע דאַמע האָט זיך שוין וואַהרשיינליך יעטצט אַליין איבערציינגט, דאָס זי האָט אַטעות געהאַט. זי האָט אין פערלעגענהייט אראָבגעלאָזען די האַנד און דורכגעזייהט דורך די צאַהנער:

— ענטשולדיגט מיר, גנאַדיגער העלר! איך האָב ווירקליך איין אירטהום געהאַט, ווייל איהר זייד זעהר אָהנליך צו מיין זוהן. אָבער איהר זייד ניט מיין זוהן, ניין!

די נייגעריגע צושויער האָבען געהאַט פערדרוס, וואָס די פאַמיליען סצענע וואָס זיי האָבען געהאָפט צו זעהען, האָט זיך אַזוי גיך געענדיגט. אָבער מיסטער דאַרלינגטאָן האָט שנעל אָנגעטהאָן צוריק דעם הוט און די ברילען און איז מיט אַמאָל געוואָרען אַזוי האָפליך:

— אַ מוטער וואָס זוכט איהר זוהן מוז מאָן אַלעס פערצייהען, גנאָדיגע פרוי, — האָט ער געזאָגט: — איך ווינש אייך פון

גאַנצען הערצען איהם וואָס שנעלער צו געפֿינען.

ער האָט זיך האַפֿליך פֿערנייגט און אַוועק ווייטער מיט זיין וועג.

אין אַמינוט אַרום איז שוין קיינער אויף יענעם אָרט ניט געוועזען.

אַלזאָ זייט איהר דורכאויס איבערצייגט דאָס דיעזער בנימין דאַרלינגטאָן איז ניט קיין אַנדערער ווי אייער מאַנ'ס קאָמפּאַניאָן, וואָס האָט איהם בעגנבעט? ווי איהר זאָגט, קאָנט איהר דאָ קיין אירטהום ניט האָבען.

— יאַ, איך בין דורכאויס איבערצייגט אין דעם, אַזוי ווי ער וואָלט דאָס אַליין מיר ענטדעקט. ער האָט ווירקליך אָבגעפֿאַרבט די האָאָר און פֿערלאָזען אַבאָרד, וואָס עס האָט איהם זעהר שטאַרק געאָנדערט. ער האָט אָבער זיינע געזיכטסציגען אַזוי ווייניג געקאָנט אומוועכסלען, ווי די אייגענטהימליכע פֿאַרב און די פֿאָרמע פֿון זיינע אויגען, וועלכע איך וואָלט צווישען הונדערטע אַנדערע גלייך ערקענט, אַז דאָס איז אָמבערגס אויגען. און אין דעם ערשטען מאָמענט, ווי ער האָט זיך ערשראָקען, האָט זיין שטימע אויך אָנגענומען צוריק

איהר נאַטירליכֿען טאָן. מיט איינעם וואָרטע, פֿיר מיר איז מעהר קיין צווייפֿעל ניט דאָ, דאָס ער איז דאָס.

אַזוי האָבען געשפּראָכֿען צווישען זיך מיסטער בערנס און מאגדאַלינאַ פֿערסטער אויפֿ'ם פֿריהמאָרגען פֿון דעם אַנדערען טאָג. די יונגע פֿרוי האָט איהם צום ערשטען מאָל ערצאָהלט די גאַנצע געשיכֿטע פֿון איהר אונגליק. זי האָט איהם מיטגעטהיילט, דאָס נאָך אין דער מינוטע וואָס דער פֿערשטעלטער דארלינגטאָן האָט געהייסען איהר אַרויספֿיהרען פֿון זיין קאַנטאָר, האָט זיך איהר שוין פֿאָרגעשטעלט, דאָס ער איז אָמבערג. נאָכֿהער האָט זי איהם ערצאָהלט מיט אַלע אומשטאַנדען מיט וואָס פֿיר אַ סקאַנדאַל אין בראָדאָווײ שטראַסע זי האָט זיך געסטערן אין דעם דורכֿאוים איבערצייגט. יעצט האָט זי פֿערלאַנגט זיין ראַטה, וואָס וויי־טער צו טהאָן, אום דער פֿערברעכֿער, צוליעב וועמען זי האָט זיך אַזוי פֿיעל אָנגעליטען, זאָל ווידער ניט ענטלויפֿען.

—איהר זאָגט, דאָס די דייטשע רעגיערונג פֿאָרדערט, מאָן זאָל דיעזען בעטריגער אַרעסטירען, וואו מאָן וועט איהם נאָר פּאַקען?

יאַ. דאָ האָב איך מיטגענומען איינע פֿון די צייטונגען, וואו עס איז געדרוקט

דיעזע פובליקאַציאָן. איז דאָס ניט גענוג איהם גלייך צו אַרעסטירען?

ער האָט אויפמערקזאַם דורכגעלעזען די פובליקאַציאָן.

— לײדער איז דאָס ניט גענוג. מיס-טער דאַרלינגטאָן וועט זיך דאָך געוויס לייקענען, דאָס ער איז דער אָמבערג וואָס מאָן זוכט, און די פרעדמעטען אין דער פובליקאַציאָן זייען ניט גענוג דייט-ליך און גענוי, מאָן זאָל קאָנען קלאָר בעווייזען, דאָס די ביידע פערזאָנען זייען איינע און די זעלבע. אייער איינציגע ציינגניס זאָל קאָנען דיענען אָנשטאָט אַלע בעווייזע, וואָס די געזעטצע פאָרדערן אין אַזאַלכע פאַלע, אין דעם צווייפעלע איך זעהר שטאַרק, יעדענפאַלס איז דאָס אַזאַ שווערע און אַלאַנגע פראָצעדורע, דאָס דער טויגעניכטס וועט גענוג צייט האָ-בען ווידער צו ענטלויפען.

— אָבער דאָס איז שרעקליך! איז דאָס מעגליך, דאָס דיעזער טויגעניכטס, וועמען איך האָב צו פערדאַנקען אַלע אונזערע אונגליקע, וועט בלייבען ניט בעשטראָפט? ניין! עס מאָג זיך זיין וואָס עס וויל, איך געה שוין און גיעב אָן אויף איהם איינע אָנצייגע.

— איך האָב קיין רעכט ניט אייך אָבצוהאַלטען. איך ערלויב מיר גאָר אייך

אַנצומערקען, דאַס אונזערע אַמעריקאַנישע רעגירונג אַליין קאָן אין דיעזע געשיכטע גאָר ניט מאַכען. פֿריהער מוזט איהר זיך ווענדען צו אייער געזאַנדטען אָדער צום גענעראַל-קאָנסול מיט אַ ביטשריפֿט מאָן זאָל דיעזען בעטריגער אַרעסטירען, און נאַכ-הער ווי זיי ווּעלען זיך גוט ערקונדיגען דאָס אייערע וואָרטער זייען ריכטיג, וועלען זיי זיך שוין אַליין ווענדען צו אונזער רעגי-רונג מיט געהאָריגע פֿאָרדערונגען. אָבער מיר זאָלען שוין אָנגעהמען, דאַס דאַר-לינגטאָן-אָמבערג וועט זיין אַזאַ נאַר און וועט דאָס צולאָזען, מאָן זאָל איהם אַרעס-טירען, דאַן זייד איהר נאָך אַלץ ניט זי-כער, דאָס מאָן וועט איהם אַרויסגעבען צו אייער רעגירונג, וועלכעס וועט ריכ-טען און בעשטראָפֿען. איין אַרעסטירטען גיעט מאָן נאָר דאַן אַרויס צו זיין רעגי-רונג, ווען דער, וואָס פֿאָרדערט דאָס, צאָהלט איין זעהר גרויסעס געריכטס קאָסטען און צינזען, אויב אָבער איהר זייד ניט אים שטאַנדע איינצוצאָהלען דיע-זע סומע — אַ דאָלאַר טהויזענד, אויב ניט מעהר, וועט זיך די זאַך ענדיגען מיט דעם, דאָס מאָן וועט דעם שווינדלער אַ קורצע צייט האַלטען אונטער'ם שלאָס און מאָן וועט איהם פֿריי לאָזען. און אַ צווייטען מאָהל, מאָגט איהר זיכער זיין,

וועט איהר איהם שוין אַזוי לייכט ניט פּאַקען.

דיעזע ווערטער האָבען אויף מאַגדאַ-לינאַ געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק.

— אָט דאָס הייסט גערעכטיגקייט! — האָט זי אויסגעשריהען מיט איין אונבע-שרייבליכע ביטערנעס: — איך, וואָס איך האָב קיינעם אויף אַ האָאר ניט אָנגעריהרט דאַרף שמאַכטען פון פערצווייפלונג, און דיע-זער טויגעניכטס קאָן זיך גאַנץ פריי און רוהיג פרייען מיט די פרוכטע פון זיין רויב און זיך לוסטיג מאַכען איבער די געזעטצע, וואָס קאָנען גאָר ניט מאַכען מיט מענ-שען פון זיין אַרט.

— ניין, מיס פערסטער! איהר שטעלט פאָר די זאַך פיעל שלעכטער, ווי זי איז, ער איז גאָר ניט אַזוי אַלמאַכטיג, מאָן זאָל איהם שוין קיין זאַך ניט טהאָן. מיין שולד איז געוועזען אייך אָפען צו ערקלאָרען ווי עס געהט צו ביי אונז מיט אַ זעלכע זאַכען, אום אייך אָבצוהאַלטען פון אונ-פראַקטישע אומזיסטע טריט, אָבער איך מיין גאָר ניט, דאַס מיר דאַרפען זיטצען רוהיג און גאָר ניט פרובען וואָס צו טהאָן. נאָר ביי אונז אין דער פרייען אַמעריקאַ בענוצט מען זיך אין אַ זעלכע אַנגעלע-גענהייטען מיט אַנדערע מיטעלן. ווילט איהר זיך אין גאַנצען פערלאָזען אויף מיך און מיי-

ערלויבען צו געברויכען די זעלבע מי־
טעלן אין אייער אַנגעלעגענהייט אויך?

— מיט'ם גרעסטען פערגעניגען, מיס־
טער בערנס, אויף אייך קאָן איך מיך
דורכאויס פערלאָזען. אָבער וואָס דענקט
איהר צו טהאָן?

— ערלויבט דאָס מיר דערווייל צו
האַלטען בסוד און גיעט מיר נאָר דעם
נומער צייטונג מיט דער געריכטס בעקאַנט־
מאַכונג וועגען דעם אַרעסטירען, און אוי־
סער דעם נאָך אַ פאָרמעלע שריפטליכע
אַנצייגע, דאָס איהר האָט אין דעם פער־
שטעלטען דאַרלינגטאָן ערקענט דעם ענט־
לאָפענען פאָול אָמבערג. דאָס איבריגע
איז שוין מיין זאַך, און איך זאָג אייך
צו די גאַנצע זאַך אָבצומאַכען ניט שפּע־
טער ווי אין פיער און צוואַנציג
שטונדען.

איידער מאַגדלינא האָט נאָך צייט געהאַט
צו ענדיגען שרייבען די פערלאַנגטע אָנ־
צייגע, האָט מאָן דעם אַנפיהרער פון
דעם קאַנטאָר איבערגעגעבען אַ טעלעגראַם
וואָס האָט איהם זעהר ערפרייעט. ער
איז צוגעגאַנגען צו דער יונגע פרוי און
האָט איהר געזאָגט, האַלטענדיג אין
האַנד די דעפּעשע:

— מיס פערסטער, איך האָב פיר

אייך אַ גוטע נאַכֿריכֿט. מאָן האָט געפֿו-
נען אייער מאַנן.

מאַגדאַלינאַ האָט געגעבען אַ געשריי
און עס איז ביי איהר אַרויסגעפֿאַלען די
פֿעדער פֿון האַנד. זי איז געוואָרען טויט
בלאַס און געבליעבען זיטצען ביינאַהע
אין אָהנמאַכֿט.

— מאָן האָט איהם געפֿונען?! — האָט
זי געמורמעלט: — וואו? זייד באַרעמהער-
ציג און זאָגט מיר אַלעס מיט אַמאָל!
זאָגט ער איז טויט?...

— ניין אָבער, מיס פֿערסטער, איך
האָב דאָך אייך געזאָגט — אַ גוטע נאַכֿ-
ריכֿט. אייער מאַנן לעבט. נאָר ער איז
אים וועג געפֿאָהרליך קראַנק געוואָרען און ער
ליעגט אין ספּיטאָל אין דער שטאָדט
אָמאַכֿע, וואָהין מאָן האָט איהם גע-
בראַכֿט גלייך פֿון דעם אייזענבאַהן צוג.
ווי עס ווייזט אויס, האָבען זיך אין וואַגאָן
געפֿונען בעטריגער, וואָס האָבען זיך בענוצט
מיט דעם צושטאַנד פֿון קראַנקען און האָ-
בען אַוועקגענומען ביי איהם אַללעס
וואָס ער האָט געהאַט, ביז דעם לעט-
צטען פֿאָדים ווייל מען האָט נאַכֿהער
ביי אייער מאַנן ניט געפֿונען, ניט קיין
קאָסטבאַרע זאַכֿען ניט קיין געלד און
אויך ניט קיין דאָקומענט, פֿון וועלכֿעם
מאָן זאָל קענען אַרויסזעהען, ווער ער

איז, פֿאַר דעם אָבשיקען אַהער דיעזע דעפּעשע וואָס איך האָב נאָר וואָס ער־האַלטען, איז ער נאָך געוועזען אָהן גע־פֿיהל און נאָך ניט געקומען צו זיך, דערי־בער האָט מאָן ניט געקאָנט קיינעם גע־בען צו וויסען פֿון זיין שיקזאַל ניט אין אויסטין ניט אַהער אין ניו־יאָרק.

מאַגדלאַינאַ, וואָס האָט געשלונ־גען יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס פֿון זיין מונד, האָט זיך שוין גע־שטאַרקט איבער איהרע פֿהיזישע שוואַכ־הייט און ווידער בעקומען איהר מוטה.

— מיין אָרט איז שוין מעהר ניט היער אין ניו־יאָרק, — האָט זי זיך געווענדט צום אַלטען מאַנן: — אָבער דאָרט, נעבען דעם בעט פֿון מיין קראַנקען מאַנן. איך בעט אייך, מיסטער בערנס, מאַכט מיך פֿריי פֿון די פּפליכטען וואָס איך האָב אויף זיך גענונען.

— וועגען דעם איז ניט דא וואָס צו־רעדען. זאָגט, וויפֿיעל עס קומט אייך פֿיר אייערע מיהע. אייך שטעהט דאָך יעצט פֿאָר צו מאַכען גרויסע אומ־קאָסטען.

מאַגדאַלינאַ איז געוואָרען ערשטוינט פֿון זיינע וואָרטער און האָט ניט גע־וואוסט וואָס איהם צו אַנטוואָרטען.

ניט פֿיעל קלאָרענדיג האָט ער ביי זיך אין טשעקביכֿעל וואָס אויפֿגעשריעבען און אויסגעריסען דאָס בלאָטעל און איהר אי-בער געגעבען, ניט ווידערהאָלענדיג די פֿראַגע, וויפֿיעל עס קומט איהר?

עהרליך פֿערדיענטעס געלד, ווירדיגע מיס פֿערסטער, דאָ האָט איהר עס.

— ניין, דאָס קאָן איך ניט נעהמען, — האָט זי געזאָגט — דאָס איז צופֿיעל.

— וואָס רעדט איהר צופֿיעל. מיר גיע-בען ניט קיין מַתָּנוֹת און נעהמען ניט, דאָס וואָס האָט אונז געקאָסט די אונטער זוכונג פֿון אייער מאַנן, האָבען מיר שוין אָבגערעכֿענט, אַלזאָ נעהמט רוהיג דאָס געלד, דאָס געהערט צו אייך, עס וועט אייך צו נוטץ קומען.

אין די ריכֿטיגקייט פֿון דיעזע לעצטע וואָרטער האָט מאַגדאַלינאַ ניט געקאָנט צווייפֿעלן, דעריבער האָט זי זיך מעהר ניט געלאָזט בעטען. וועגען אָמ-בערגען האָט זי שוין כִּמְעַט אין גאַנצען פֿערגעסען.

נאָר ביים אָבשיעדנעהמען, ווי מיס-טער בערנס האָט איהר געפֿראַגט: אַלזאָ ערלויבט איהר מיר דורכֿאויס זיך אָבצו-רעכֿענען מיט דיעזעם דאַרלינגטאָן, ווי איך פֿערשטעה? — דאַן נאָר האָט זי זיך ווידער אָן איהם ערמאָהנט.

— יאַ, יאַ ... טהועט אַזוי, ווי נאָך אייער מיינונג איז בעסער, — האָט זי געאַנטוואָרטעט מיט אַזאַ טאָן, אַזוי ווי עס וואָלט זיך האַנדלען וועגען אַ זאַך וואָס האָט גאָר קיין בעדייטונג ניט.

און אין דער וואַרהייט איז יעטצט פיר איהר קיין זאַך אין דער וועלט ניט געוועזען, אויסער דעם פייערדיגען וואונש צו פליעהען צו איהר קראַנקען, עלענדען איינזאַמען מאַנן.

איידער זי האָט געקאָנט ערפילען דיעזען וואונש האָט נאַטירליך נאָך גע־מוזט פערגעהען אַ לאַנגע צייט. מאָן האָט בעדאַרפט קומען צום מאַנן, דאָס הייסט, מאַכען זעהר אַ ווייטע רייזע, וואָס פיר אַ הר מיט׳ם קינד איז געוועזען זייער אַ שווע־רע זאַך. און אַלס זי זייען שוין ווי עס איז געקומען אין אַמאַבע, האָט מאָן מאַגדאַ־לינען געזאָגט, ווי זי איז געקומען אין ספיטאַל, דאָס פריהער ווי אין אַ וואָך אַרום קאָן זי גאָר ניט האָפען, מאָן זאָל איהר צו לאָ־זען צו איהר מאַנן. ווי די אָרצטע האָבען געזאָגט, איז ער נאָך געוועזען אַזוי שוואַך, דאָס די אויפרעגונג, וואָס וועט איהם געווים מאַכען דער בעזוך פון זיין פרוי און קינד, קאָן איהם אין גאַנצען בערוי־

בען זיינע קראַפֿטען. אין שווערע פֿאַלע פֿון טיפֿהאָזנע קראַנקהייטען מוז דער אַרצט רעקאָמאַנדירען די גראָסטע פֿאָר־זיכטיגקייט. אַלזאָ האָט מאַגדאַלינאַ געמוזט געדולדיג וואַרטען אַם ווענינגסטען נאָך אַ וואָך.

ענדליך אָבער איז אָנגעקומען די שטונדע — דיעזע זיסע זעליגע שטונדע, וואָס מאַגדאַלינאַ האָט צוליעב איהר פֿערגעסען אַלע איבערנאַטירליכע לײדען און שמערצען, וואָס זי האָט איבערגעליטען.

אָבער אויסער דעם, איז איהר נאָך בעשערט געוועזען צו בעקומען בעפֿרידי־גונג פֿון איין אַנדער אָרט, און דאָס האָט זי געהאַט צו פֿערדאַנקען די ענערגיע פֿון מיסטער בערענס.

נאָך אין דעם ערשטען טאָג פֿון איהר קומען אין אָמאַכע האָט זי ערהאַלטען פֿון איהם אַ דעפּעשע פֿון דיעזעם קורצען אינהאַלט: "מיסטער דאַרלינגטאָן האָט איינ־געצאָהלט פֿופֿצעהן טויזענד דאָלאַר. איהר קאָנט מיט דיעזער סומע טהאָן וואָס איהר ווילט". —

זי האָט אָבער ניט פֿערשטאַנען דעם זי־נען פֿון דיעזער דעפּעשע ביז מיסטער בערענס האָט איהר דאָס שפּעטער ניט ערקלערט אין אַ בריעף. ווי עס האָט זיך ארויס געוויזען פֿון דיעזעם בריעף, האָט

מיסטער בערנס געהאַנדעלט דורכאויס אויפ'ן אַמעריקאַנישען אַרט. ער האָט זיך אַנגערופען מיט אַ פרעמדען נאָמען און זעהר קלוג פערפיהרט דעם פערשטעלטען דאַרלינגטאָן אין אַ שטילען אָרט, וואו ער האָט אין מיטען געשפּראָך אַרוים גענו־מען דעם גומער צייטונג מיט דער בעקאַנט־מאַכונג וואָס בעלאַנגט פּאָול אָמבערג און פלוטצלונג ערקלאָרט, דאָס ער, דאַרלינג־טאָן, איז דאָס יענער ענטלאָפענער פּאָול אָמבערג, וואָס מאָן בעפעהלט צו אַרעסטי־רען. ער האָט זיך נאַטירליך גענומען שטרייטען און לייקענען, אָבער אויף דעם האָט מיסטער בערנס אַנגערייט זעהר אַ גוטע אַנטוואָרט: ער האָט געאָפענט די טהיר פון'ם אַנדערען צימער און געהיי־סען די צוויי בעוואַפענטע מאָנער, וואָס זייען דאָרט געוועזען, זיי זאָלען נעהמען דאַרלינגטאָנ'ן און בריינגען צום שעריף.

דאָ איז שוין דער טויגעניכטס געוואָרען גאָר איין אַנדער מענש. ער האָט זיך גענומען בעטען מיט טראָהרען, מאָן זאָל איהם ניט אַרעסטירען, און האָט פערשפּראָ־כען אָב צו געבען זיין גאַנצען פערמעגען מען זאָל איהם נאָר לאָזען פריי. פיר איינס האָט איהם שוין מיסטער בערנס אויך זיינע נייע זינדע אויסגערעכענט און האָט איהם אונבאַרעמהערציג אַזוי צוגעשפּאַרט צו

דער וואנד, דאס ער האט זיך אין אליין מודה געוועזען און געזאגט, דאס ער מיט זיין קאמפאניאן האבען גערעכנעט אריינצוהאפען א רעכטע סומע געלד און אוועקפאהרען אין אויסטראליען.

פון זייערע געשעפטס ביכער האט מען געזעהען דאס זיי האבען גענוג בארעם געלד אין פערשיעדענע באנק אום צו דעקען זייערע שולדען, און אזוי ווי מיסטער ברעווער האט נאר געפאלגט אמבערגס בעפעהלע און איז אין זיינע פלענער ווייניג שולדיג געוועזען, און אזוי ווי ער האט יעטצט געוואלט אבמאכען די זאך, וואס עס זאל איהם דאס ניט קאסטען, האט מען איהם איבערגעגעבען, ער זאל ליקווידירען דאס געשעפט אונטער דער אויפזיכט פון אפערזאן, וואס די קרעדיטארען האבען אויסגעקליעבען. אמבערגען אבער האט מען גערעטהע, וואס שנעלער אוועקצופאהרען אין אויסטראליען. אנשטאטט הונדערטע טויזענד וואס ער האט געהאפט מיט צו פיהרען, איז ביי איהם נאר געבליעבען זעהר אקליינע סומע. ווייל ער האט נאך געמוזט ארויסצאהלען פופצעהן טויזענד דאלאר פיר דעם פערלוסט וואס האט דורך איהם געהאט זיין געוועזענער קאמפאניאן, ריבארד פערטטער, וועלכען ער האט בערויבט.

ריכֿאַרד פֿערסטער איז אין עטליכֿע וואָכֿען אַרום אַרויס פֿון ספּיטאָל פֿאָלקאָם געזונד. די אונגעריכֿטע פֿופֿצעהן טויזענד דאָלאַר האָבען איהם געשאַפֿט די מאָגליכֿ־קייט זיך צו קוויטירען מיט זיין גראָס־מוטהיגען לאַנדסמאַן, וואָס האָט איהם אויסגעהאָלפֿען אין זיין נויטה. דאָס איבע־ריגע געלד האָט ער אריינגעלייגט אין זיין נייען געשאָפֿט אין אויסטין און האָפֿט אים קורצען צו ווערען אַ רייכֿער מאַנן.

וואָס מאַגדאַלינאַ בעטרעפֿט, זאָ קאָן זי נאָך ביז הער זיך אָהן שוידער ערי־נערן אָן די צייט, וואָס זי האָט געדיענט אין פינקערטאָנס קאַנטאָר אלס איינע אונגעוואָהנליכֿע שפּיאָנין.

ז. דעליס.

דִי נְקָמָה

ערצאֶהלונג

פֿון

ז. דעלים.

ראָש האָט נאָך געפֿיהלט די וואַרעמקייט פֿון דעם לאַנגען קוס וואָס ער האָט געהאַפּט פֿון זשיוועל, וועלכע האָט זיך בעקוועם אויסגעצויגען אין דיא קישעלעך פֿון דעם ווייכען פֿאָטעל, ווען זיינע אויגען האָבען זיך פלוצלונג אָבגעשטעלט אויף דיא פֿיגור, וואָס איז יעצט אַריין אין צימער. דאָס איז געווען העקטאָר מאָרלען, דער מאַן. ראָש האָט אויף איהם אַ וואָרף געטהאָן אַ פֿלינקען און דערשראָקענעם בליק, וועלענדיג איבערלעזען אין זיינע אויגען וואָס ער דיינקט.

מאָרלען האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ פֿאָטעל, אַרויסשטעלענדיג דיא פּאַדעשוועס פֿון זיינע שיך אַזוי, אַז זייא זאָלען אויסקומען נעהנטער צום פֿלאַם פייער, וואָס האָט פֿריילּיך געברענט אין אויווען, אום צו דערוואַרמען זיינע דערפֿראָרענע פֿיס, און וויא עס שיינט האָט ער מיט גרויס אינטערעס נאָב-

געקוקט די פּאַרע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען פון דיא פייכטע שיך. דערנאָך האָט ער זיך אַ ציעה געטאָהן אין דעם פאָטעל און האָט מיט אַ פערגניגענדען שמייכעל גענומען רייבען זיינע הענד, וויא ער וואָלט מיט דעם וועלען אויסדריקען זיין פערגניגען פון דער אַנגענעהמער וואַרעמקייט.

ראָש האָט אַרויסגעלאָזט אַיין ערלייכטערטען זיפץ.

— העקטאָר האָט גאָר ניט בעמערקט, האָט ער געזאָגט צו זיך:

געוויס האָט ער קיין זאַך ניט געזעהען. אום צו איבערצייגען זיך אין דעם, איז געווען גענוג אַ קוק טאָהן אויף איהם און זעהן, וויא ער האָט זיך אַזוי פויל אויסגעצויגען אין פאָטעל און אַיינגעשפּאַרט זיך מיט זיינע ברייטע האָריגע הענד אין זיינע שטאַרקע און פולע זייטען. ראָש האָט ניט ווילענדיג פערגליכען זיין אייגענע אויסגעדאַרטע פיגור מיט דעם געזונדען קערפּער פון דעם בלאָנדען ריעז. דיא פערגלייכונג האָט איהם קיין פערגניגען ניט פערשאַפט, נאָר ער האָט זיך געטרייסט מיט דעם, אַז ער איז עלעגאַנטער און שעהנער. דיא שענהייט האָט געדאַרפט איבערציעהען די וואָג אין זיין זייט, און דעריבער איז צו איהם זשוועל מעהר גענייגט, ווי צו איהר מאַן.

ראָש דע-סטאַלים איז אַוועק פון פּאַריז,

ווייל זיין לייבּטזיניגער לעבען האָט געמאַכט אַ חורבן פון זיין געזונד אונד פערמעגען. איהם איז אויסגעקומען צו פערהיטען סאַיי דאָס ערסטע און סאַיי דאָס צווייטע, און בעזעצען זיך אויף אַ געוויסע צייט אין זיין גוט. ער האָט שוין דאָרטען געוואָהנט עטליכע מאָנאַטען. זיין איינציגער שכן איז געווען זיין יוגענדפריינד העקטאָר מאָרלען, וועמעס ליעבע צו לאַנדס-ווירטשאַפט האָט איהם פערהאַלטען אין דאָרף. מאָרלען איז געווען פערהייראַטעט. זיין שמחה מיט זיין יוגענד-פריינד איז געווען זעהר גרויס, און ראָש איז ביי איהם געוואָרען אַ שטענדיגער איינ־געהער. נאָר אין דער גאַנצער געגענד איז זשיוועל געווען די איינציגע פּרויענצימער, וואָס איז איהם געפעלען געוואָרען, און דאָס איז געווען אַ גענוגענדע אורזאַכע אַז ער זאָל זיך מיט איהר אָפּגעבען.

ראָש האָט זיך צוגעקליבען אַיועק צו געהען. העקטאָר האָט זיך אויך גלייך אויפ־געהויבען און געזאָגט:

„היינט איז אַ פּראַכטפאָלע נאַכט, איך וועל זיך דורך געהן מיט דיר אַ ביסעל און אויס־רויכערן אַ פּיפּקע אויפ'ן וועג".

„אַך. דוא שלעכטער מענש, האָט זשיוועל אָנגעבלאָזען דיא ליפּען". „דוא ווילסט מיר איבערלאָזען איינע אַליין? האָט זיא געזאָגט

און אויסגעשטעלט דעם מאַן דעם שטערען פֿאַר אַ קוש.

מאָרלען האָט זיך פֿאָרזיכטיג צו געריהרט מיט זיינע ליפּען צו איהר שטערען.

דיא חברים האָבען זיך געלאָזט אין וועג. דער הימעל איז געווען אויסגעזייט מיט שטערן, די פֿערפֿראָרענע ערד האָט הילכיג ווידערהאָלט זייערע טריט. העקטאָר איז געווען איינגעהילט אין אַ קורצען פּעלצעל מיט אַ הויכען קאָלנער, מיט דער פּיפּקע אין מויל, און איז געגאַנגען שטיל מיט גרויסע טריט, וואָס האָט געצוואונגען ראָשין ער זאָל אַביסעל אונטערלויפען. אים ניט אָב צו שטעהן פֿון זיין פֿריינד.

ראָש האָט זיך ניט געקאָנט בעשליסען צו בעטען זיין פֿריינד ער זאָל געהן אַ ביסעל לאַנגזאַמער און האָט קיין וואָרטער ניט געפֿונען, אום איבער צו רייסען די שטילקייט. אָבוואָהל ער איז געווען זיכער, אַז העקטאָר האָט ניט דעם מינדעסטען פֿערדאַכט. נאָר דאָך איז אויף איהם אָנגעפֿאַלען עפּעס אַ אונפֿערשטענדליכער שרעק, וועלכער האָט איהם וויא אַ היפּנאָטיזירטען געצוואונגען געהן טריט פֿאַר טריט מיט זיין אָבגענאַרטען פֿריינד אין דער פֿינסטערער שטילקייט פֿון דער נאַכט.

יוייט אַרום און אַרום איז געלעגען אַ נאַקעטע פֿעלד, עטוואָס משופּעדיג. דיא איינפֿאָרמיגקייט פֿון פֿעלד איז צו שטערט גע-

וואָרען דורך די איינזאַמע בוימער און זייערע צווייגען, וואָס האָבען ווי געציטערט פֿאַר ווייהטאָג, האָבען געשיינט צוא מאַכען שרעקליכע קולאַקעס ווי בייא אַ סקעלעט. דיא רעלסען פֿון אייזענבאַהן האָבען דאָס פֿעלד צוטהיילט און האָבען זיך געצויגען ווייט און אויף זייער שיינענדע איבערפֿלאַכע האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט די שטערן פֿון אויבען.

ביידע פֿריינד זיינען געגאַנגען איבער אַ שמאָלען וועגעל, איבער וועלכען עס האָבען זיך געצויגען די סלופּעס פֿון טעלעגראַף, אויף יענער זייט פֿון דיא רעלסען איז געלעגען אַ אומעדיגער פֿלאַכער טהאָל וואָס האָט געשיינט פּאַרטיג צו אַנטלאָפֿען ווערען אונטער דעם שנייענעם קיטעל. ווייט אויפ'ן האָריזאָנט האָט אויפֿגעפֿלאַמט אַ רויט פֿייערעל פֿון אַ סיגנאַל לאַנטערנע.

מאָרלען האָט זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט, אַהייב געטאָהן זיינע הענד און אַראָבגעלאָזט זייא אויף ראָשים אַקסלען. ראָש איז אַנידערגעפֿאַלען, מאָרלען האָט זיך איבער איהם איינגעבויגען צו געשטופּט איהם מיט'ן מויל צו דער ערד, אום ער זאָל ניט קענען שרייען, האָט איהם פערשטאָפּט דעם מויל מיט אַ טיכעל און פֿערבונדען דיא הענד. נאָכהער האָט ער איהם אַריבער געשלעפּט איבערן פֿאַרקאַן צו דיא רעלסען און אַנידער=

געלייגט איהם מיט'ן האלז אויפ'ן קאַלטען אייזען. דער פראָסטיגער קעלט פון די רעלסען האָט ראָש'ן דורך געשניטען וויא אַ שאַרפער מעסער.

דער אָבגעגאַרטער מאַן האָט זיך יעצט אויפגעהויבען, האָט אַרוים געצויגען זיין זייגער, אַקוק געטהאָן אויפ'ן ציפערבלאַט פאַר'ן שוואַכען שיין פון דער פיפקע און געזאָגט:

„דער קוריער צוג וועט דורך געהן אין 52 מינוט אַרום״.

דער בעפאַל איז געוועזן אַזוי פלוצליך, דאָס ראָש, האַלב אַ דערשטיקטער, האָט פאַר שרעק אַפילו ניט געפּרובירט שרייען; ער האָט וויא פערלאָרען זיין ווילען.

דיא אייזיגע בעריהרונג פון דעם קאַלטען שטאָהל פון דער רעלסע האָט איהם אָבער אויפגעוועקט פון דער צומישונג; אָבער ער האָט ניט בעגריפען זיין לאַגע. העקטאָרס וואָרטער האָבען איהם קלאָר געמאַכט דיא גאַנצע שרעק פון זיין לאַגע.

דער שרעק פאַר'ן טויט האָט איהם אַריינגעגעבען נייע קרעפטען. ער האָט געמאַכט אַ ענערגישע בעוועגונג און אָבגעריסען זיין האַלז פון רעלס און צונויפדרעהענדיג זיך ווי אַ קנייל'על, האָט ער זיך אַראָבגעקייקעלט פון דעם אָבגעשאָטענעם בערגעל.

נאָר העקטאָר האָט איהם ווידער געחאַפּט

און ווידער אַרויף געלייגט אויף דיא רעלסען, און צו געבונדען איהם מיט'ן טיכעל צו דער רעלסע.

— אַזוי וועט זיין זיכער.

אַ פינסטערע פערצווייפלונג האָט אַרומגעהאַפּט דעם אונגליקליכען: ער איז פערלאָרען: ניטאָ קיין רעטונג. פון אונטער דיא ברעמען, וועלכע ער האָט בכיון פערמאַכט, אום ניט צו זעהן דעם ווילדען בליק פון זיין תלין, האָבען זיך לאַנגזאַם גענומען קייקלען טרעהרען, ראָש האָט געוויינט פון זיין מאַכטלאָזיגקייט, פון שרעק פאַר'ן טויט.

זיין געגנער האָט שפּאָטיש געפרעגט:

„דוא וויינסט, ראָש?"

אָ, דער עדות פון זיינע טרערען, וואָס פרייט זיך מיט זיין ראַכע: ער האָט געוואָלט דערשטיקען דיא טרערען, ניט לאָזען זיי רינען, נאָר ער האָט דאָס ניט געקענט דערוויזען און אַ טראָפען נאָך אַ טראָפּען האָבען זייא גערונען איבער זיינע באַקען. ראָש האָט זיך שוין מעהר ניט גערירט, זייענדיג איבערצייגט, אַז דאָס איז אומזיסט.

איהם האָט ערוואַרטעט אַ זיכערער טויט אָהן אַ קאַמפּף, אָהן בעשיצונג, אָהן ראַכע, אונטער דיא שווערע ראָדער פון לאָקאָמאָטיו.

נאָר דער טויט אַליין איז נאָך ניט געווען אַזוי שרעקליך; ערגער פון אַלץ איז געווען דיא ער־

ווארטונג, און ער האָט געדאַרפֿט צייהלען דיא מינוטען, דיא סעקונדען, דיא אויגענבליקע, דיזע גסיסה אין דיא אויגען פֿון אַ צווייטען, אַ מעהר שטאַרקערען, וואָס האָט זיך נוקם געוועזן פֿאַר זיך. שטאַרבען, אָ יאַ, חאָטש שוין! נאָר פֿאַר וואָס קומט ניט דער צוג און בעפֿרייט איהם ניט פֿון זיין שרעקליכע לאַגע.
נאָך צווייא און פֿופֿציג מינוט, און איהם האָט שוין געדוכט, אַז ער ליגט שוין אויף דיא רעלסען אַ גאַנצע שטונדע.

— נאָך פֿערציג מינוט, ראָש.

ראָש האָט אָנגעהויבען צו כריפען, עפּעס אַ גרויסע משא האָט איהם גענומען שטיקען דיא ברוסט. ער האָט ניט געוואָלט טראַכ־טען פֿון זיין האָפֿענונגסלאָזיגקייט און קווע־לען זיך מיט דיא געדאַנקען. נאָר דער גייסט האָט ניט געוואָלט פֿאָלגען דעם קאָר־פער, ער איז דורך געדרונגען דורך זיין פֿער־צווייפֿלונג און האָט געהאַלטען פֿאַר זיינע אויגען דאָס שרעקליכע בילד פֿון צו־דרוזגעטען קאָפּ.

אויסער דעם האָט איהם אַ צווייטער, פֿיז'שער וועהטאָג דורך גענומען. דיא קאָלט האָט איהם דורכגענומען און געשמידט איהם, דאָס בלוט וואָס האָט אָקאָרשט געראוישט אין זיינע אויערן און געקלאַפּט אין זיינע שלייפֿען איז אָבגעשפּרונגען צוריק צום האַרצען און האָט לאַנגזאַמער געמאַכט זיין קלאַפּען.

דיא טרעהרען וואָס האָבען פערדעקט זיינע באַקען, האָבען איהם געגעסען דאָס לייב וויא קופּער וואַסער, דיא פערמאַכטע אויגען האָבען איהם געשטאָכען ווי מיט נאָדלען.

פלוצלונג האָט דעם אונגליקליכען אַ שיין געטאָהן אַ שטראַהל פון האָפענונג. זיין אויעהר וואָס איז געווען צו געבויגען צו דער ערד, האָט געחאַפּט אַ גערויש, וואָס איז וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער געוואָרען און האָט דערמאָנט טריט. דאָס געהט דער וועכטער! ער איז גערעטעט.

דיא טריט זיינען אַלץ נעהענטער געוואָרען. ראָש'ן איז שיער דיא נשמה אַרויסגעפלויגען פון דער פריילינער האָפענונג. ער האָט מעהר ניט געליטען, ער האָט כמעט געלאַכט פון שרעק, אָ, ער האָט געוואוסט אַז ער וועט נאָך ניט שטאַרבען.

נעהענטער און נעהענטער זיינען דיא טריט צו געקומען, זיי זיינען שוין אַזוי נאָהענט, אַז מאָרלען דאַרף זיי הערען. אָ, יעצט דאַרף ער זיך שוין מיט זיין ראַבע זעגנען, און ער וועט איהם בעצאָהלען, זיין האַרץ האָט ווידער געקלאַפּט מיט האַס און האָפענונג.

נאָר דיא טריט האָבען זיך איבערגעהאַקט, דערנאָך האָבען זיי זיך פון דאָסנייא דערהערט. ראָש'ן האָט אויסגעוויזען, אַז ער האָרט זיי שוין ניט אַזוי דייטליך.

נאָר ער האָט נאָך אַלץ געוואָלט האָפֿען.
ער האָט זיך געמאַטערט אַ געשריי צו טאָהן,
נאָר דאָס טיכעל האָט פֿערשטױבט דעם קול.

דער גערויש פֿון דיא טריט איז אַלץ געוואָרען שוואַכער, צוזאַמען מיט זיי איז אויך פֿערשוואונדען זיין האָפֿענונג. ער האָט פֿערזוכט צו מאַכען די לעצטע אָנשטרענגונג, נאָר אומזיסט.

— ראָש, נאָך אַ פֿירטעל שטונדע!

ער האָט זיך אָנגעהויבען צו צאַפּלען פֿאַר כעס, נאָר דער תהום וואו ער איז פּלוצ-לונג אַראָבגעפֿאַלען פֿון זיין האָפֿענונג איז געוועזן זעהר אַ טיפֿער.

יעצט האָט זיך אין איהם אויפֿגעהויבען אַ צווייטער געפֿיהל פֿון האַס, אַ האַס צו זשיוועל, צו דיא נאַרישע ליאַלקע וואָס איז שולדיג אין זיין אונגליק. פֿערלירען דאָס לע-בען צוליב אַ לייכטזיניגע פֿרויענצימער, און נאָך זיין לעבען, דאָס איז שרעקליך!

דיא נאַרישע בעשעפֿנים! וויא צופֿרי-דען וואָלט ער געוועזן צו האָבען איהר יעצט נעבען זיך אויף דיא רעלסען און זעהן וויא זיא וועט זיך צאַפּלען פֿאַרן טויט. שרעקליך איז דער געדאַנק, אַז עס קען נאָך זיין אַז נאָך זיין טויט וועט נאָך אפֿשר דער תלין זיינער פֿערגעבען זיין ווייב.

— ראָש, נאָך צעהן מינוט!

און דער מענש, וועמעס קול קלינגט

וויא דער גלאָק צו אַלויה, דער מענש איז געוועזן זיין פֿריינד, האָט איהם אויסגע־שטרעקט זיין האנד, האָט געלייקענט, אום נאָר ריכֿטיגער אויסצופֿיהרען זיין פֿערדעט־הערישען פּלאַן. ראָש איז געוואָרען אַ אָנ־געצונדענער פֿון דעם געדאַנק, אַז ביי איהם אין קעשענע ליגט אַ רעוואָלווער. וויא בלינד ער איז געוועזן, אַז ער האָט זיך גע־לאָזט פֿערפֿיהרען פֿון מאָרלען. און וויא פֿאַ"ש, וויא ליסטיג מאָרלען האָט זיך גע־פֿיהרט! האָט ער דאָס גאָר קיין בלוט אין דיא אָדערן, אַז ער האָט זיך געקענט מאַ־כֿען אַזוי גלייכֿגילטיג, אָנשטאָט דעם אָנצו־וואַרפֿען זיך אויף זיין פֿאַלשע ווייב און אַרוים רופֿען אויף אַ דועל איהם, ראָשין? אין אַ דועל וואָלט ער איהם שוין געטראָפֿען, און עס האָט זיך איהם שוין פֿאָרגעשטעלט ווי ער איז אַרוים מיט איהם אויף אַ דועל און ווי ער האָט איהם דורכֿגעשאָסען... דער שוים איז איהם אַרויסגעטראָטען אויף דיא ליפּען.

זיין מאַכֿטלאָזיגקייט האָט נאָך גרעסער געמאַכֿט זיינע ליידען, ער האָט געוואַרט דער טויט זאָל שוין וואָס גיכער קומען און מאַכֿען אַ סוף צו זיינע צרות.

אַ וואַרעמער אַטהעם האָט זיך צוגערוקט צו זיין געזיכט. זייענדיג זיכֿער אין דער מאַכֿטלאָזיגקייט פֿון זיין אָפּפֿער, האָט העק־טאָר זיך איינגעבויגען איבער איהם און

אָבגעבונדען דאָס טיבעל פֿון דער רעלסע.

— ראַטעווע זיך, ראָש, נאָך דריי מי-נוטען זיינען פֿערבליבען, ראַטעווע זיך וואָס גיכער.

ערגעץ ווייט, האָט זיך געהערט אַ שטי-לער און דומפּפער גערויש. אָנפאַנגס איז דער גערויש געווען ערנליך אויפֿ'ן זשומען פֿון אַ איינציגען ביען, נאָר וואָס ווייטער איז ער אַלץ שטאַרקער געוואָרען ביז ער האָט זיך פֿערוואַנדעלט אין אַ ווילדען שרעק-ליכען גערויש וויא פֿון אַ צובושעוועטען ים. דער נאָך האָט זיך דיא ערד אָנגעהויבען צו טרייסלען.

דאַס פּייפען פֿון לאָקאָמאָטיוו האָט געריסען ביי דיא אויערן און דאַרטען ווייט אַרונטער נאָר ביי דער ענדע פֿון דיא רעלסען האָ-בען זיך געוויזען צווייא העלע פֿינטעלאַך, וואָס ווייטער זיינען זייא אַלץ מעהר געוואַקסען, פֿערוואַנדלענדיג זיך אין אויגען פֿון אַ ווילדע חיה: דער קוריער צוג האָט זיך גענעהגט. אָבקעהרענדיג מיט וויהטאָג דעם האַלז, האָט ראָש געקוקט, וויא דיא ווילדע חיה לויפֿט גלייך צו איהם, דיא מוסקולען פֿון האַלז האָבען כמעט געפּיהלט, ווי זיי צו-רייסען זיך. ער האָט געוואָלט אָבקעהרען דעם קאָפּ, אום ניט צו זעהן לכל הפחות דעם שרעק, נאָר די אויסגעשטאַרטשעטע, אָנגעגאָסענע מיט בלוט אויגען פֿון דער

מערדערישען מאַשין האָבען איהם ווי בעצויבערט און וויא מיט אַ מאַגנעט געצויגען צו זיך.

דער צוג איז שוין איבערן קאָפּ.

דער בלישצענדיגער שטאָהל פֿון דיא רעדער האָט היים געמאַכט דיא רעלסען. די הייסע פֿונקען זיינען וויא גאָלדענע טרעהרען געפֿאַלען ביי דער ווילדער טהיר פֿון בויך, נאָך איין דרעה מיט דיא רעדער — און סוף...

דער מאַשיניסט און דער הייצער האָבען דוריכן גערויש פֿון דיא רעדער דערהערט אַ געשריי, פֿון וועלכען ביי זייא איז פֿערקיהלט געוואָרען דאָס בלוט אין דיא אָדערן. אין דער זעלבער צייט האָבען זייא דערזעהן אויפ'ן וועג אַ פּאָאָר מענשען... נאָר באַלד איז דאָס אַלעס פֿערשוואונדען געוואָרען.

מאָרלען האָט אָפּגעבונדען ראָשין, וועלכען ער האָט אין דעם לעצטען אויגענבליק פֿון מיטלייד אָדער עדלער ראַכע אָב געצייגען פֿון דיא רעלסען. און ווי נאָר דער אונגליקליכער האָט דערפֿיהלט, אַז ער איז פֿרייא, האָט ער זיך אָנגעחאַפּט מיט ביידע הענד פֿאַרין האַלז און גענומען לויפֿען מיט אַ ווילדען געשריי:

— מיין קאָפּ! מיין קאָפּ!

עדמאָנד ד'אַמיטשיס.

די קראַפט פון ליבע.

די מעשה, וואָס איך וויל אייך דאָ ערצאָהלען, האָט געטראָפען אויף אַ קליינער אינזעל, ניט ווייט פון סיצי־ליען. אויף דער גאַנצען אינזעל איז מעהר ניט דאָ ווי איין שטאָדטעל, אין וועלכעם עס קאָנן זיך געפינען אין אַלעמען ביי צוויי טויזענד איינוואָהנער. אין דער צייט וואָס האָט פּאַסירט דיעזע געשיכטע, זייען אונטער די איינוואָהנער געוועזען ביינאַהע פיער הונדערט פערשיקטע. צו ליעב זיי איז אין שטאָדטעל געשטאַנען אַ גאַרניזאָן פון פערציג סאָלדאַטען מיט איין אָפיציער. דיעזער גאַרניזאָן פלעגט זיך בייטען אַלע דריי מאָנאַטען. די סאָל־דאַטען האָבען דאָ זעהר גוט געלעבט. ערשטענס, האָבען זיי דאָ כמעט גאָר ניט געהאַט וואָס צו טהאָן. צווייטענס, איז דאָרט געוועזען פאָרטרעפליכע און דערצו

זעהר בילינגע וויין. איך רעד שוין ניט
וועגען דעם אָפּיציער וואָס איז געוועזען
פֿראַנק און פֿריי און האָט אויסער דעם
געהאַט דאָס פֿערגעניגען צו פֿיהלען,
דאָס ער איז דער הויפּטמאַן איבער גאָר
די מיליטאָר פֿונ'ם לאַנד. ער האָט זיך
געקאָננט פֿערשאַפֿען מיט צוויי זשאַנ-
דאַרמען, וואָס האָבען געדיענט אין דער
מיליטאָר קאַנצעליי. אַ קוואַרטיער האָט
ער געהאַט אַ גראָססאַרטיגע און אַ טהייערע
אין רעכטען מיטטען שטאָדטעל. דעם
פֿריהמאָרגען פֿלעגט ער פֿערברענגען אויף
געיאָג אין די בערג; נאָכמיטטאָג איז ער
געוואָהנט געוועזען צו זיטצען אין דער
קליינען שטאָדט ביבליאָטהעק צוזאַמען
מיט די בעהאָרדען און הויפּטלייט פֿון
שטאָדט. אין אָבענד האָט ער ליעב גע-
האַט צו שפּאַציערען אין אַ לאָדקע אויפ'ם
מעער, מיט אַ ציגאַר אין מויל, און צי-
גאַרען זייען דאָרט געוועזען פּראַכטפֿאָללע
און האָבען זעהר בילליג געקאָסט. גע-
קליידעט פֿלעגט ער דאַמאָלס זיין אין
וואָס עס איז, ווי עס האָט זיך אַמאָל
פֿערוואָלט, אָהן די מינדעסטע צערע-
מאָניען, ווייל ער האָט ניט געהאַט
פֿאַר וועמען זיך צו שטאָרען, אַזוי האָט
ער זיך געלעבט אָהן אַ שום זאָרג,
צופֿריעדען, פֿראָהליך, ווי מאָן האָט

בעסער ניט געקאָנט פֿערלאַנגען, איין זאַך נאָר איז איהם געווען ניט אַנ־גענעהם, נאָמליך, דער געדאַנקען, דאָס אַזאַ גליקליכֿעס לעבען קאָן מעהר ניט דויערען ווי דריי מאָנאַטען.

דאָס שטאָדטעל ליעגט האַרט אויפֿ'ם ברעג פֿון מעער, און דאָרט איז דאָ אַ קליינער האַפֿען, וואָהין אין יענער צייט פֿלעגט פּינקטליך צוויי מאָל אין מאָנאַט ארייננפֿאָהרען די פּאָסט דאַמפֿשיף, וואָס מאַכט די רייזע צווישען טוניס און טראַפּאַניע. אַנדערע שיפֿען פֿלעגען אַהין קוממען זעהר זעלטען, אַזוי זעלטען, דאָס יעדעס מאָל ווען דאָס האָט גע־טראָפֿען, איז מיט דעם די שטאָדט פֿול געוועזען, מאַן האָט געקלונגען אין די גלאָקען און אַלע איינוואָהנער פֿון שטאָדט פֿלעגען צוזאַמען לויפֿען אויפֿ'ן ברעג, ווי אויף אַזואונדער.

דאָס וואַר איין איינפֿאַכֿע, ניט קיין רייכֿע שטאָדטעל, אָבער אַ פֿראָהליכֿע. בעזאָנדערס, איז געוועזען פֿראָהליך נעבען דעם הויפּט פּלאַטץ, וואָס האָט גע־שפּיעלט פֿיר די איינוואָהנער דיעזעלבע ראָלע, וואָס אַ הויף פֿיר די איינוואָהנער פֿון אַ גרויסע הויז אין אַ גרויסער שטאָדט דיעזער פּלאַטץ איז געוועזען פֿערבונדען מיט'ם ברעג דורך זעהר אַ גלייכֿע, אָבער

אַ קורצע און אַ שמאָלע גאַס, זאָ דאָס עס איז פֿון איהם צום מעער געוועזען זעהר נאָהנט. אַלע קראָמען אַלע געביידען פֿון דער רעגירונג אין דער געמיינדע געפֿינען זיך אויף דיעזעם פּלאַטץ. צו יענער צייט וואַרען דאָרט צוויי קאַפֿפֿע־הייזער: איינע פֿון זיי פֿלעגען בעזוכען די פֿיהרער און בעאַמטע פֿון ושטאָדט, די אַנדערע האָט געדיענט פֿיר איינפֿאַכע פּריוואַט לייט. די קוואַרטיער, אין וועלכע עס האָט איממער געוואָהנט דער קאָמאַנדיר פֿון'ם גאַרניזאָן, איז געוועזען אויף דער זייטע וואָס איז אומגעקעהרט צום מעער. אַזוי ווי די גאַס איז פֿון ברעג אָן ביז טיעף אין אינזעל, געגאַנגען אַלץ האָכער און האָכער, דעסגלייכען אויך די גאַנצע שטאָדט, האָט דער אָפֿיציער גע־קאָנט פֿון די פֿענסטער פֿון זיינעביידע ציממער זעהר גוט זעהען ווי דעם האַפֿען, אַזוי אויך דעם ברעג אויף אַ גרויסע שטרעקע, און דעם מעער, און די וויטע שפּיטצען פֿון די סיציליאַנער בערג. די גאַנצע אינזעל בעשטעהט פֿון וואולקאַנישע בערג, בעוואַכסען מיט גרויסע גע־דיכטע וואַלדער פֿון פֿעך בוימער.

פֿאַר דריי יאָהרען, אין אַ שאָנען פֿריהמאָרגען האָט זיך ביי דעם האַפֿען פֿונ'ם שטאָדטעל אָבגעשטעלט אַ דאַמפּפֿ־

שיף וואָס איז געפֿאָהרען נאָך טונים. ווי נאַר מאָן האָט איהם פֿון וויטען בעמערקט, האָבען די גלאָקען גענומען קלינגען אָהן אַיין אויפֿהער, און אַלע איינ-וואָהנער פֿון שטאָדט זייען צונויפֿגעלאָפֿען אויפֿ'ן ברעג, אויך דער קאָמאַנדיר פֿון גאַרניזאָן, די סאָלדאַטען, דער שטאָד-פֿיהרער, דער סודיאַ, דער גייסטליכער, דער פּאָליסמאַן, דער סבּאָרסטשיק, דער אָמענדאַנט פֿון פּאָרט, דער קאַראַבינער אָפֿיציער און דער יונגער דאָקטאָר, וואָס האָט אַכטונג געגעבען אויף די געזונדהייט פֿון די פֿערשיקטע. צוויי גרויסע באָטען (לאָדקעס) זייען צוגעפֿאָהרען צו דער דאַמפּפֿשיף, האָבען אַרויפֿגענומען און איבערגעפֿיהרט אויפֿ'ן ברעג פֿיערציג סאָלדאַטען מיט איין אָפֿיציער — זעהר אַ שאַנער יונגער מאַנן, אַ פֿיין געוואַכסענער ברונעט. ער האָט זיך בעגריסט מיט זיין דיענסט קאַמאַראַד, האָפֿליך גע-אַנטוואָרטעט אויף די פֿריינדליכע גריסע פֿון די בעהאָרדען און איז אַן דער שפּיטצע פֿון זיינע סאָלדאַטען אַריינ-געגאַנגען אין שטאָדטעל דורך צוויי צייל-ען פֿון נייגיעריגע. ער האָט פֿערנאַנדער-געפֿיהרט אויף קוואַרטיערען זיינע סאָל-דאַטען, און האָט זיך אַליין גלייך אומגע-קעהרט אויפֿ'ן פּלאַטץ צו דער געזעל-

ענשאַפֿט , וואָס האָט איהם ערוואַרטעט .
דער שטאָדטהויפּטמאַן האָט פֿאַר איהם
פֿאָרגעשטעלט אַלע בעאַמטע פֿון שטאָד-
טעל , איינעם נאָך דעם אַנדערען ,
וואָהרענד ער האָט איהם , האַלב אין
געלעכטער , האַלב ערנסט , בעהאַנדעלט
ווי אַ מיטברודער . נאָך דיעזער צערע-
מאָניע פֿון פֿאָרשטעלונג איז זיך די גע-
זעלשאַפֿט פֿערנאַנדערגעגאַנגען אין פֿער-
שיעדענע זייטען , און דער אָפֿיציער מיט
זיין קאַמעראַד איז אַוועק אויף זיין קוואַר-
טיער , וואָס מאַן האָט פֿיר איהם בע-
שטימט . היער האָט דער דיענער פֿונ'ם
אָפֿיציער , וואָס פֿאָהרט אָב , צוזאַמען גע-
פּאַקט זאַכען אין וועג אַריין און דער
דיענער פֿונ'ם נייעגעקאָמענען אָפֿיציער
האָט איהם געהאָלפֿען , וואַרטענדיג מיט
אונגעדולד די צייט וואָס מאָן וועט שוין
קאָנען זיך אויספּאַקען , אין אַ שטונדע
אַרום איז שוין אַלץ געוועזען אין אָר-
דנונג . אין דעמזעלבען אָבענד , אום
אַכט אוהר , האָבען די אַלטע סאָלדאַטען
אָבגערייזט , די נייע האָבען זיי בעגלייט
אין האַפֿען , און ווי נאָר אונזער אָפֿיציער
האָט גענומען אָבשיעד פֿון זיין קאַמעראַד ,
איז ער גלייך געקומען צוריק אַהיים און
זיך געלייגט שלאָפֿען , די רייזע און דיא
פֿערדרעהענים פֿונ'ם לעצטען טאג האָבען

איהם געמאכֿט אַזוי מיד, דאס ער האט זעהר געוואָלט שאָלפֿען, און ער האט אַיינגעשלאָפֿען מיט'ם גראָסטען פֿערגעניגען.

~~~~~~~~

אויף'דעם צווייטען טאָג איז ער אַרויס פֿון שטוב, וויא נאָר עס איז ליכֿטיג געוואָרען. ער האָט קיין צעהן טריט ניט געטאָהן איבער דעם פלאַטץ, ווי ער האָט ערפֿיהלט, דאָס מאָן ציעהט איהם פֿון הינטען פֿאַר'ן מונדיר. אַלס ער האָט זיך אומגעקעהרט, האָט ער בעמערקט נעבען זיך אַ מאָדכֿען אין אַ פֿאָזע פֿון אַ סאָלדאַט, וואָס בעגריסט אַיין אָפֿיציער. דאָס מאָדכֿען וואַר הויך און שלאַנק, שאָן געבויעט, אָבער זעהר אָבגעלאָזען געקליידעט, ניט פֿערקאַמט, פֿערנאַנדער געפֿלאָכֿטען און צופודערט די האָאר. זיא האָט אָנגעשטעלט אויף איהם איהרע גרויסע פֿייערדיגע שוואַרצע אויגען און געשמייכֿעלט.

— וואָס פֿערלאַנגט איהר? — האָט געפֿראָגט דער אָפֿיציער, קוקענדיג אויף איהר מיט וואונדער און נייעגירדע.

דאס מאָדכֿען האָט ניט געאַנטוואָרטעט, זיא האָט געשמייכֿעלט' ווי פֿריהער און געהאַלטען די האַנד ביי דעם שטערן ווי אַסאָלדאָט פֿאָר אַיין אָפֿיצער

דער אָפֿיציער האָט געקוועטשט מיט די
~~~~~~~~

פלייצעס און איז אַוועק ווייטער, אָבער אין עטליכע מינוט אַרום האָט ער, מאָן צופּט איהם ווידער פון הינטען, ער קעהרט זיך אום, ער זעהט: זיא שטעהט ווידער נעבען איהם אויסגעצויגען אין פראַנט וויא אַסאָלדאַט. ער האט זיך אַרומ-געקוקט אין אַלע זייטען, און האט בעמערקט דאָס בייא דיעזער סצענע בייוואָהנען עטליכע זייטיגע צושויער און לאַכען.

וואָס פערלאַנגט איהר? האָט ער נאָך אַמאָל געפראָגט.

דאָס מאָדכען האָט אויס געשטרעקט די האַנד, אָנווייזענדיג אויף איהם, און מיט אַ שמייכעל געזאָגט:

— איך פערלאַנג דיך.

— איך פערשטעה, — האָט ער גע-טראָפען וואָס זי מיינט: — דאַכט זיך, איך האָב ביי זיך קליין געלד. מיט דיעזע ווערטער האָט ער אַרויסגענומען פון טאַש איינינע מטבעות און האָט איהר געוואָלט דערלאַנגען און אַוועקגעהן.

אָבער זי האָט צוגעדריקט די האַנד צום הערצען, אַזוי ווי זיך צו שיטצען פון דער אויסגעשטרעקטע האַנד מיט די געלד און האָט ווידער אויס-געשריען:

— איך פערלאַנג דיך!

נאַכהער האָט זי גענומען טראַפּעצע

מיט די פּים, האָט זיך געחאַפּט מיט
ביידע האַנד פיר איהרע שוואַרצע האָאר
און גענומען יאָמערליך וויינען מיט איין
טאָן, אַזוי ווי קינדער וואָס מאַכען זיך
וויינענדיג. די בייוואָהנער האָבען זיך
לוסטיג געמאַכט, דער אָפיציער האָט
זיי אַלעמען בעטראַכט און איז זיך
אַוועקגעגאַנגען מיט זיין וועג. ער איז
בשלום דורכגעגאַנגען דעם גאַנצען פּלאַטץ,
אָבער ווי ער איז געקומען צו די גאַס
וואָס פיהרט צום האַפען, האָט ער דער־
האָרט הינטער זיך שנעלע און לייכטע
טריט, און איידער ער האָט נאָך צייט
געהאַט אַ קוק צו טהאָן, האָט איהם
אַ זעלטענע שטילע שטימע איינגעראַמט
אין אויעהר:

— מיין לעבען!

עס האָט איהם דורכגעשווידערט פון
קאָפּ ביז די פּים און ער איז געלאָפען
ווייטער, ניט אַרומקוקענדיג זיך; אָבער
דיזעלבע שטיממע האָט איהם באַלד
ווידער איינגעראַמט אין אויעהר:

— מיין לעבען!

— וואָס איז דאָ געשעהען! — האָט
ער אַנגעשריי געטהאָן, ענדליך פער־
ליערענדיג די געדולד, און האָט זיך
האַסטיג אומגעקעהרט צו דער מאָדכען,
וואָס האָט זיך אָבגערוקט אויף הינטען: —

לאָזט מיך צורוה! פאַרט פון דאַנען!
איהר האָרט וואָס איך זאָג אייך?

זי איז געוואָרען אויף אַ ווײַלע טרויעריג, אָבער נאָכהער האָט זי מיט אַמאָל אַ שמייכעל געטהאָן, איז צו-געגאַנגען נאָהנטער און האָט אוים-געשטרעקט די האַנד, אזוי ווי זי האָט איהם געוואָלט אַרומנעהמען (ער איז פלינק אָבגעשפּרונגען אָן אַ זייט), און שטילערהייד געזאָגט:

— זיי ניט אין כּעס, מיין הערץ!

— געה פאָרט! זאָג איך דיר.

— מיין לעבען!

— די מינוט טרעט אָב, אויב ניט וועל איך רופען סאָלדאַטען און מאַן וועט דיך אַוועקפיהרען אין טורמע.

ער האָט איהר אָנגעוויעזען אויף עטליכע סאָלדאַטען וואָס זייען געשטאַנען אין אַ ווינקעל. דאַן איז זי לאַנגזאַם אַוועק-געגאַנגען, געהענדיג טריט ביי טריט, און נאָך אַלץ ניט אַראָבלאָזענדיג פון איהם די אויגען און ווידערהאָלענדיג שטילער-הייד, קוים וואָס עס האָט זיך געהאָרט:

— מיין לעבען!

— אַ שאַדען! — האָט געטראַכט דער אָפיציער, געהענדיג ווייטער שפּאַצירען:— אַזאַ שאָנהייט!

זי איז ווירקליך געוועזען זעהר שאָן.

דאָס איז געוועזען אַ פּראַכֿטפֿאָלע פּראָבע פֿון די פֿייערדיגע און שטאָלצע שאֶנהייט, וואָס מאָן בעגעגענט ביי די פֿרויען פֿון סיציליען. דיזע שאֶנהייט איז ניט נאָר רייצענד, אָבער דער וואָס בעגעגענט זיך מיט איהר, קאָנן שוין איהר ניט ביישטעהען און מוז זיך ניט ווילענדיג פֿערליעבען. צום גראָסטען טהייל איז גענוג אויף דעם אֵיינער פֿון איהרע לאַנגע דורכֿדרינגענדע בליקען, וואָס געהען אַריין טיעף אין זעלע און צינדען אָן אין מענשען אַזוי פֿיעלליידענשאַפֿט, וויפֿיעל זיי דריקען זעלבסט אויס. וואָס יענעם מאֶדכֿען בעטרעפֿט, האָט זי געהאַט פּעך שוואַרצע האָר אויך אַזאָלכֿע אויגען, אַ הויכֿען, קלוגען שטערען, אונגעוואָהנליך אויסדרוקספֿאָללע ברעמען און ליפּפּעלאַך פֿאָלל לעבען און קראַפֿט. איהר שטימע האָט געקלונגען אָדער געבראָכֿען און הייזעריג, אָדער מאַטט, אָבגעשוואַכֿט. לאַכֿענדיג, פֿלעגט זי זיך פֿערגעהן, און צייט נאָכֿדעם ווי זי האָט אויפֿגעהאָרט צו לאַכֿען, פֿלעגען ביי איהר בלייבען אָפֿען די ליפּפּען און ברייט אויסגעשטעלט די אויגען.

~~~~~~~~

— פֿיר וואָס ערלויבט מאָן איהר
~~~~~~~~

ארומגעהן ? — האָט אין אָבענד געפֿראָגט דער אָפֿיציער ביים דאָקטאָר, בעגעגענענ־דיג זיך מיט איהם אין קאַפֿפֿע הויז און ערצאָהלענדיג, וואָס עס האָט איהם פּאַסירט אין דער פֿריה.

— וואו ווילט איהר מאָן זאָל איהר האַלטען ? — האָט דער דאָקטאָר גע־אַנטוואָרטעט: — זי איז אָבגעוועזען מעהר ווי אַ יאָהר אין ספּיטאָל אין סיציליען. די שטאָדט האָט איהר דאָרט געהאַלטען אויף איהרע קאָסטען, אָבער ווי מאָן האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז אַרויסגעוואָרפֿענע געלד, האָט מאָן איהר געבראַכט צוריק אַהיים.

דאָס זי זאָל ווענן געזונד ווערען איז כמעט קיינע האָפֿנונג דאָ; דאָרטיגע דאָקטוירים האָבען דאָס אַליין געזאָגט. דאָ איז זי אַם וועניגסטען פֿריי, און וואַרום זאָל מאָן דאָס דער אונגליקליכע ניט פֿער־גינען, וועו זי ריהרט קיינעם ניט אָן, אויסער מיליטאָר לייט, אָפֿיציערען.

דער אָפֿיציער האָט געוואָלט וויסען, וואַרום זי ריהרט קיינעם ניט אָן, אויסער אָפֿיציערען.

— דאָס וויים קיינער ניט אויף קלאָר, יעדער ערצאָהלט די געשיכטע אויף איין אַנדער אַרט, בעזאָנדערם די אונ־געבילדעטע לייטע, וועלכע ליעבען קיין

מאָל ניט די הוילע וואַהרהייט און מוזען אימער עטוואָס צולייגען פֿון זיך; אָבער ווי עס שיינט מיר און ווי עס בע־שטאַטיגען אויך מענשען וואָס מאָן קאָנן זיך אויף זיי פֿערלאָזען, איז די געשיכטע דערפֿון אַזוי. מיט דריי יאָהר צוריק וואַר היער אַיין קאָמאַנדיר פֿונ'ם גאַר־ניזאָן, — אָט אַזוי ווי איהר יעטצט, — זעהר אַ שאָנער יונג, וועלכער האָט נאָך דערצו פֿאָרטרעפֿליך געשפּיעלט אויף אַ גיטאַרע און געזונגען ווי אַ וואַהרע נאַכטיגאַלל. דיעזער אָפֿיציער האָט זיך פֿערליעבט אין דאָס מאַדכען. זי וואַר דאַנן, און זי איז נאָך יעטצט אויך, די שאָנסטע אין דער גאַנצען געגענד...

— זי איז ווירקליך זעהר שאָן, — האָט איהם דער אָפֿיציער איבערגעהאַקט די רייד.

— און זי האָט זיך אין איהם אויך פֿערליעבט, אַ טהייל צו ליעב זיין שטימע (איבער אַ גוטע שטימע געהט מען דאָך דאָ אָפּט פֿון זינען אַראָב), אַ טהייל האָט ער איהר בעצויבערט דערמיט, וואָס ער איז געוועזען דער קאָמאַנדיר פֿון גאַר די היעזיגע מיליטאָר, און נאָך מעהר דער־איבער, וואָס ער איז געוועזען אַ שאָנער יונג. אָבער זי האָט זיך שוין פֿערליעבט!

אַזוי איז מאָן נאָר פֿאֶהיג היער זיך צו פֿערליעבען: מיט אַזאַ ברענן, מיט אַזאַ פֿייער, דאָס זי האָט פֿערגעסען אָן אַלין אין דער וועלט. עס האָט ניט געפֿעהלט סצענאָן פֿון אייפֿערזוכט, וואַהנזיניגקייט און וואוטה, ווי אין אַ וואַהרע טראַגעדיע. פֿון פֿאַמיליע האָט זי נאָר געהאַט אַ מוטטער, אַיין אַלטע אָרמע פֿרוי, וואָס פֿלעגט איהר אין אַלצדינג נאָכגעבען און האָט געטהאָן אימּמער וואָס און ווי זי האָט נאָר געוואָלט. איהר קאָננט אייך פֿאָרשטעלען מיט וואָס פֿיר אַ פֿרייהייט זיי האָבען זיך בענוטצט. מאָן האָט דעריבער שטאַרק גערעדט אויף זיי, מאָן פֿלעגט אומעטאום ערצאֶהלען וועגען זיי פֿערשיעדענע מעשיות, וועלכע עס זייען געוועזען דורכאויס ליגען, אָבוואָהל עס איז געוועזען גענוג אורזאַכע פֿיר שלעכטע צינגער, ווארום דאָס מאֶדכען האָט זיך אַזוי אונפֿאָרזיכטיג אויפֿגעפֿיהרט, דאָס מאָן האָט איהר געקאָנט חושד זיין אין אַלצדינג. ווי די מעשה איז, יעטצט זייען אַלע איינשטימיג מסכים, דאָס צווישען די יונגע לייט איז קיין אומפאַסינגעס ניט פֿאָרגעקומען. אין אֶמת ריידענדיג, איז דאָס שוועהרליך צו גלויבען, בפֿרט ווי מאָן זאָגט נאָך, דאָס

זיי פֿלעגען אימֶמער און שטאַנדיג זיין צוזאַמען. איבעריגענס, בעגעגענען זיך דאָ אַזעלכֿע כאַראַקטערען, בעזאָנדערס אין די היעזיגע אָרטער: מאַדכֿען וואָס זייען פֿון נאַטור זעהר ליידענשאַפֿטליך, דערצו אונאַבהענגיגע און ווייסען ניט וואָס הייסט דאָס זיך שאָמען, און דעננאָך, בייא אַלעם דעם, זייען זיי אַזוי שטרענג, האַלטען זיך אַזוי פֿעסט ווי הייליגע. וואָס זאָלען מיר דאָ רעדען, דער אָפֿיציער האָט איהר פֿערשפּראָכֿען צו הייראַטהען מיט איהר און זי איז פֿון פֿרייד שיער פֿון זינען ניט אַראָב. וויפֿיעל מאָל האָט מאָן זיך ווירקליך געשראָקען, דאָס זי וועט וואַהנזיניג ווערען. אַזוי זאָגט מאָן, אַם ווענינגסטען, און איך גלויב דאָס. ווער ווייס צו וואָס עס קאָנן קומען די ליעבע ביי אַ פֿרוי מיט אַזאַ נאַטור? איין מאָל איז געקומען צו דעם, דאָס ווען מאָן וואָלט פֿון איהרע האָנד ניט ארויסגעריסען אַ מעדכֿען, אויף וועלכֿע עס איז איהר איינגעפֿאַלען צו ווערען אייפֿערזיכֿטיג, וואָלט זי איהר געוויס דערשלאָגען צום טויד אָדער געמאַכֿט פֿיר אַ קאַליעקע. דאָס האָט פּאַסירט גראַדע היער געגען דיעזען קאַפֿפֿע-רעסטאָראַן. און דאָס איז שוין ניט געוועזען דאָס ערשטע מאָל. ענדליך האָט קיין פֿרוי ניט געוואַגט אויפֿ-

צוהייבען דעם קאָפּ, געהענדיג פאַרביי די פענסטער פון איהר געליעבטען, אָדער אומקעהרען זיך ווען מאָן האָט זיך מיט איהם בעגעגענט, זי זאָל די מינוט וואָס עס איז ניט אָנמאַכען. צום סוף איז געקומען די צייט וואָס דער גאַרניזאָן האָט זיך בעדאַרפט בייטען. דער אָפיציער האָט פערשפּראָכען אין צוויי מאָנאַטען אַרום ווידער צו קומען, דאָס מאַדכען האָט איהם געגלויבט, ער איז אָבער אַוועק-געפאָהרען און האָט פון זיך קיינע נאַכ-ריכט געגעבען. דאָס מאָדכען איז קראַנק געוואָרען. עס קאָן זיין דאָס ווי זי האָט אָנגעפאַנגען געזונד ווערען, וואָלט זי זיך ביסלעכווייז אָן איהם פערגעסען, אָבער צום אונגליק איידער זי האָט זיך אין גאַנצען ערהאָלט פון איהר קראַנקהייט, האָט זי ווי עס איז ערפאַהרען, דאָס איהר גע-ליעבטער האָט זיך פערהייראַטהעט מיט איין אַנדערע. אויף אַזאַ אונגליק האָט זי זיך גאָר ניט געריכט — און זי איז אַראָב פון זינען. אָט דאָס איז די גאַנצע געשיכטע.

— און נאַכהער?

— נאַכהער האָט מאָן איהר אַוועק-געשיקט אין שפּיטאָל, אַזוי ווי איך האָב אייך שוין פריהער געזאָגט; פון דאָרטהין האָט מאָן איהר ווידערגעבראַכט

אַהער, און יעטצט איז שוין מעהר ווי אַ יאָהר ווי זי איז דאָ.

אין דיעזער מינוט איז אַריין אין קאַפּפע הויז א סאָלדאַט און געפראָגט דעם דאָקטאָר.

— דאָס איבעריגע וועל איך אייך איין אַנדערמאָל ערצאָהלען. אויפ'ם וויעדער-זעהען!

מיט דיעזע וואָרטער איז דער דאָקטאָר אַוועקגעגאַנגען. בשעת דער אָפיציער האָט פון איהם גענומען אָבשיעד, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט מיט'ם שווערד פערצעפּעט דעם טיש. גלייך אין דיעזעם אויגענבליק האָט זיך אויפ'ם פּלאַטץ גע-לאָזט הערען אַ געשריי:

— איך האָר, ער איז דאָרט! ער איז דאָרט!

— פיהרט איהר פון דאַנען אַוועק! — האָט אַגעשריי געטהאָן דער יונגערמאַנן, האַסטיג אויפשטעהענדיג.

מאָן האָט איהר אַוועקגפיהרט.

— איך געהע נאָך הויזע איהם ער-וואַרטען! — האָט זיך געהערט די שטימע פון דער אַוועקגעגאַנגענע אונגליקליכע: — איך וועל איהם ערוואַרטען צו הויזע, מיין טהייערינקען!

קארמעלאס מוטער האט געוואהנט אין א נ'עק שטאדט אין א קליינינקע שטיבעלע צוזאמען מיט נאך עטליבע ארעמע פאמיליען און האט זיך בעשאפטינט מיט נאהען. אנפאנגס ווי איהר טאכטער איז משונע געווארען, האבען איהר די ארומינע רייבערע איינוואהנער געהאלפען עטוואס מיט געלד, אבער צייט איינינע מאנאטען האט איהר שוין קיינער מעהר א גראשען ניט געגעבען. די וואהלטהאטער און בעלי צדקות האבען זיך בישלעכווייז איבער-צייגט, דאס זייער הילפע ברענגט דער אונגליקליכע מאדכען קיינע נוטצען, ווייל זי וויל אין דערהיים ניט עסען און ניט שלאפען, און ווען מאן האט איהר געמאכט א נייע קלייד, פלעגט זי איהר גלייך צו-פליקען און עס איז אויך קיין ארט אונמאגליך געוועזען ביי איהר אויסצופיהרען זי זאל זאגאר איין וואך נאר ניט געהן אבגעריסען.

עס איז איבעריג צו זאגען, וויפיעל די מוטער האט דערפון! קראנקונג געהאט; טאג פיר טאג האט די ארמע פרוי ניט אויפגעהערט אנצווועגדען אלע איהרע קראפטען, האט געטהאן וואס זי האט נאר געקאנט, אום צו דערזעהען ביי דער טאכטער זאגאר נאר איין פונק פערשטאנד; אבער איהרע מיהע איז געוועזען אומ-

זאָנסט. אַמאָל פֿלעגט זי זיך ביי איהר שוין ווי עס איז אײַנבעטען, זי זאָל זיך לאָזען אָנטהאָן אַ נייע קלייד פֿון שטאַרקע צייג, אָבער אין אַמינוט אַרום איז זי שוין ווידער געגאַנגען אין טראַנטעס און אין לומפּען. אַיין אַנדערס מאָל פֿלעגט זיך דער מוטער אַיינגעבען איהר צו פֿערקאָמען און פֿערפֿלעכטען די האָאר; אָבער אין דעמזעלבען אויגענבליק פֿלעגט זי אַריינלאָזען ביידע האָנד אין קאָפּ און מיט האַסט נעהמען צוריק פֿערנאַנדערוואַרפֿען און צופּודערען די האָאָר, דאָס אין אַ מינוט אַרום איז גאָר קיין סימן ניט געוועזען, אַז זי איז אַמאָל געוועזען פֿערקאָמט.

געוואָהנליך פֿלעגט קאַרמעלאַ ביינאַהע אַ גאַנצען טאָג אַרומקריכען איבער די ווילדע און שטילע בערג, לאַכענדיג אין דערהויך און ריידענדיג מיט זיך זעלבסט. אָפֿט האָבען איהר פֿערביינעהענדיג געזעהען די קאַראַבינער, זיך שפּילענדיג מיט שטיינדלאַך, אָדער זיטצענדיג אויפֿ'ם שפּיטץ פֿון אַ פֿעלז און קוקענדיג פֿערטראַכטערהייד אויפֿ'ן מעער, אָדער האַרט שלאָפֿענדיג אויסגעצויגענערהייד אויף דר'ערד. ווען זי האָט זיי בעמערקט, פֿלעגט זי זיי לאַנג בעגלייטען מיט די אויגען, ביז וואַגען זיי זייען ניט פֿער-

שוואונדען געוואָרען ; אָבער קיין מאָל האָט זי ניט געענטוואָרטעט ניט מיט אַ וואָרט , ניט מיט אַ ווינק , ניט מיט אַ שמייכעל אויף די צייכען וואָס זיי האָבען איהר געמאַכט. דאָס גראָסטע וואָס זי פלעגט זיך שוין ערלויבען , איז גע-וועזען , דאָס זי אָהט אַמאָל געמאַכט מיטביידע האַנד , אַזוי ווי זי וואָלט זיך ציעלען מיט א ביכס אין די מענשען וואָס זייען געגאַנגען פון ווייטען ; אָבער אַפילו דאָס האָט זי איממער אויך געמאַכט מיט איין ערנסטע מינע. מיט סאָלדאַטען, וועלכע זי האָט בעגעגענט , פלעגט זיך קאַרמעלאַ קיין מאָל ניט אָבשטעלען . זי פלעגט געהן פאַרביי זיי , ניט אַנטוואָרטענדיג מיט קיין וואָרט אויף זייערע שפאַס-וואָרטער , אַפילו ניט אומקעהרענדיג די קאָפ און ניט קוקענדיג אויף זיי . און קיינער האָט ניט געוואַגט צוריהרען זיך צו איהר מיט אַפינגער , וואַרום דאָס האָט געשמעקט מיט אַ פאַטש , פון וועלכען עס האָט זיך אָבגעדרוקט אויפ'ם געזיכט די גאַנצע האַנד מיט אַלע פינף פינגער .

וואו זי האָט געקאָנט זיין , איז זי גלייך געקומען צו לויפען , ווי זי האָט ערהאָרט אַז מאַן פויקט וואו עס איז . די סאָלדאַטען פלעגען זיך געהן מוסטירען

אויסען שטאָדט אויפ'ם ברעג פֿון מעער פֿלעגט זי זיי אויך נאָכגעהן.

וואָהרענד די סערזשאַנטען האָבען געלעהרענט די סאָלדאַטען און דער אָפֿיציער האָט פֿון וויטען אַכטונג געגעבען, פֿלעגט זי שטעהן אָן אַ זייט מיט אַ שטאָקען אין האַנד אָנשטאָט אַ ביקס און מיט'ם גראָסטען ערנסט איבערמאַכען אַלץ וואָס די סאָלדאַטען האָבען געטהאָן. נאַכהער פֿלעגט זי מיט אַ מאָל אוועקוואַרפֿען דעם שטאָקען און נעהמען געהן אַרום דעם אָפֿיציער מיט צאַרטליכע בליקען און שמייכלען, אין רופֿען איהם אין דערשטיל, די סאָלדאַטען זאָלען ניט הערען, מיט די ליעבליכסטע נאָמען. אין שטאָדט פֿלעגט זי אימער זיין אויפ'ם פּלאַטץ נעבען דעם הויז, וואו עס האָט געוואָהנט דער אָפֿיציער. אַרום איהר פֿלעגען זיך צוזאַמען קלייבען אַ מענגע קינדער, וואָס זי פֿלעגט אַמוזירען און לוסטיג מאַכען מיט אַלערליי שטיק. דאָ פֿלעגט זי מאַכען פֿון פּאַפּיער אַ הויכען הוט, אָנטהאָן אויפ'ן קאָפּ וואָס מעהר אויף אַ זייט, אָנשפּאַרען זיך אויף אַ גראָבען שטאָקען, רעדען אונטער'ן נאָז און נאָכמאַכען ווי דער שטאָדטפֿיהרער געהט; דאָ פֿלעגט זי פֿאָרשטעלען, ווי די דאָרטיגע דאַמען געהען אום פֿייערטאָג אין קירכע, האַלטענדיג

אַראָבגעלאָזען די אויגען, פֿערקוועטשט די ליפּפּען און זיך פֿאָכענדיג מיט אַ פֿאָכער. איין אַנדערסמאָל פֿלעגט זי אויסזוכען נעבען קאַזערנע איין אַלטע צעריסענע מיטצע, וואָס די סאָלדאַטען האָבען ארויסגעוואָרפֿען, אַרויפֿציעהען אויף זיך איבער די אויעהרן, בעהאַלטען די האָר אונטער די מיטצע, און זיך אויסציעהענדיג ווי אַ סטרונע, אַראָבגעלאָזען די האַנד, נעהמען מאַרשירען איבער דעם פּלאַטץ, פּונקט ווי איין אונגעשיקטער רעקרוט וואָס פֿאַנגט זיך אָן צו לערנען, אָבער וואָס זי האָט ניט געטהאָן, האָט עס שוין קיינם ניט געקימערט. מיט איהר פֿלעגען זיך נאָר אינטערעסירען קינדער, בעזאָנדערס קנאַבען. אָבער אַם מייסטען פֿלעגען די מוטטערס פֿערבאָטען איהרע קינדער צו צוגעהן צו איהר, וואָרום זי האָט אַמאָל פּלוטצלונג געחאַפּט אַ שאָגינקען אַכט־יאָהריגען קנאַבען, וואָס איז געוואָהנט געוועזען איהר איממער נאָכצוגעהן, און האָט איהם בעדעקט מיט אַ זאָלכע פֿייערדיגע קושען, אַז דאָס קינד האָט זיך ערשראָקען און גענומען וויינען און שרייען, דאָס זי וויל איהם ערשטיקען.

צייטענווייז, אָבוואָהל גאַנץ זעלטען, פֿלעגט זי אַריינגעהן אין קירכע, פֿאַלען אויף די קניע, צונויפֿלייגען די האַנד

ווי אַנדערע און מורמעלען וואָס עס איז פיר וואָרטער. אָבער גלייך נאָכדעם פלעגט זי נעהמען לאַכען אויפ'ן קול, מאַכען אַזאָלכע תנועות און זיך אויפפיהרען אַזוי אונפאַסענד, וואָס מאָן האָט איהר געמוזט אַרויספיהרען פון קירכע.

פריהער האָט זי געהאַט איין אַנגענעהמע שטימע און האָט פיין געזונגען, אָבער ווי זי איז אַראָב פון זינען פלעגט זי אַנשטאָט זינגען נאָר ברומען אין איין טאָן אָהן אַ שום געשמאַק. געוואָהנליך האָט זי דאָס ליעב געהאַט צו טהאָן זיטצענדיג אויפ'ם שוועל פון איהר היים אָדער אויף די טרעפ פון דעם אָפיציער'ס וואָהנונג, און גריזענדיג פייגען, וואָס עס איז געוועזען איהר איינציגע שפייז.

צייטענווייז אָבער פלעגט זי אויך ווערען אונמוטהיג, און טרויעריג, וואָהרענד זי פלעגט מיט קיינעם ניט רעדען און זאָגאַר מיט קינדער ניט מאַכען קיין געלעכטער. דאַמאָלס האָט זי זיך געליינגט נעבען טהיר, זיך צונויפדרעהענדיג ווי אַ הונד, צוגעדעקט דאָס געזיכט מיט'ם פאַרטוך אָדער מיט אַ טיכעל און איז געלעגען אונבעוועגליך, וואָס מאָן האָט איבער איהר ניט געטהאָן, און האָט זיך קיינעם ניט אָבגערופען, ווען אַפילו די מוטער האָט איהר גערופען. אָבער

דאָס האָט געטראָפען גאַנץ זעלטען; געוואָהנליך איז זי איממער געוועזען פראָהליך.

מיר האָבען שוין געזאָגט, דאָס אויף סאָלדאַטען האָט זי ניט געקוקט; זיי האָט זי אין אַכט ניט גענומען, אין גאַר איהרע צאַרטליכקייט האָט זי געהאַלטען פיר די אָפיציערען. איבריגענס, ניט צו אַלע אָפיציערען האָט זי זיך גלייך בע-נומען. צייט זי איז געקומען פון ספיטאָל האָט זיך דער גאַרניזאָן שוין געביטען זעכס מאָל און עס איז שוין איבער-געוועזען אונטער דער צייט אלערליי אָפיציע-רען פון אַלערליי אויסזעהען, געוואוכסען אין כאַראַקטערען. און אַלע האָבען בע-מערקט, דאָס מעהר סימפאַטהיע האָט זי געהאַט צו יונגערע און שאָנערע, דאָס זי האָט גוט פערשטאַנען דעם אונטערשיעד צווישען אַ שאָנעם און ניט קיין שאָנעם, אָבוואָהל זי האָט אַלעמען גלייך אָנגערופען: „מיין לעבען", „מיין הערץ".

איינער פון די ערשטע אָפיציערען האָט געהאַט זעהר אַ גרויסען נאָז, אויס-געגלאָנצטע אויגען, אַ הילכיגע שטימע און דערצו נאָך אַ גרויסען בויך. אויף איהם האָט זי קיין מאָל פריינדליך ניט געקוקט. ביי דער ערשטע בעגעגעניס האָט

זי איהם געזאָגט עטליכע ליעבע ווערטער, אָבער ער איז געוואָרען בּאָז, און ער האָט איהם געאַנטוואָרטעט מיט זידלעריי און דערצו געוויעזען דעם פֿויסט, געבּענדיג איהר צו פֿערשטעהען, דאָס זי זאָל בעסער פֿון איהם איין מאָל פֿיר אַלע מאָל אָבטרעטען. זי האָט איהם געפֿאָלגט, אָבוואָהל זי האָט ניט אויפֿגעהאָרט איהם נאָכצוגעהן ווען זי האָט איהם בּעגעגענט, און צו פֿערברענגען די אָבענדע אויף די טרעפ פֿון זיין וואָהנונג. ווען ער פֿלעגט אין מיטען אָנקומען. האָט זי איהם אַ וואָרט ניט גערעדט, אָבער פֿון אָרט האָט זי זיך ניט געריהרט. אויף דערזעלבען אָרט איז זי זיך בּעגאַנגען מיט נאָך צוויי, דריי אָפֿיציערען, וואָס זייען געקומען שפּעטער און האָבען אויס-געוויעזען און געהאַט אַ זאָלכע מאַניערען ווי דער ערשטער. אָבער נאָכהער זייען געוועזען עטליכע יונגינקע אָפֿיציערען, אונטער זיי אויך איינינע זעהר שאָנע און פֿריינדליכע. פֿון אַ זאָלכע האָט זי בּעשטימט געקאָנט פֿון זינען אַראָב, ווען דאָס וואָלט זיך שוין מיט איהר פֿריהער ניט געטראָפֿען. איינעם פֿון די אָפֿיציערען איז איינגעפֿאַלען דער געדאַנקען, ער וועט איהר געזונד מאַכען דערמיט, וואָס ער וועט זיך פֿערשטעלען, דאָס ער איז אין

איהר ערנסט פֿערליעבט ; אָבער דאָס איז איהם באַלד איבערדריסיג געוואָרען און אין דריי טאָג אַרום האָט ער זיך פֿון דיעזע אויפֿגאַבע ענטזאָגט. אַיין אַנדערער וואָס איז געווען ווייניגער מענשען־פֿריינד און מעהר אייגעננוטציג, ווי יענער, האָט זיך מְיַשֵׁב געוועזען, מאָן דאַרף פרובען האַנדלען מיט איהר אַזוי ווי זי איז יעטצט. ווער זאָגט דאָס, ביי אַ שאָנע מאַדכען מוז ניט אַנדערש זיין די קאָפּ אין אָרדנונג ? ער האָט גע־נומען אַיינרעדען קאַרמעלאַ, דאָס וואו עס האַנדעלט זיך וועגען ליעבע, דאָרט איז גאָר אַ געזונדער פֿערשטאַנד אַיין איבעריגע זאַך. אָבער צו זיין גראָסטען ערשטוינען, האָט ער בעגעגענט פֿון איהר דעם שטרענגסטען ווידער שטאַנד. זי האָט ביי דעם ניט געזאָגט קיין מאָל : „ניין", און האָט אין אַלגעמיין קיין בע־שטימטע אַנטוואָרט אויף דעם געגעבען, אָבער יעדעס מאָל וואָס מאָן האָט גע־מאַכט אַ פֿערזוך אויף איהרע ליעבע, האָט זי זיך שטאָנדיג אַרויסגעדרעהט און ענטפֿערנט, וואָהרענד איהר געזיכט האָט זיך בעלעבט, די אויגען געבליטצט, און האָט אויסגעזעהן וועניגער וואַהנזיניג, ווי אַלע מאָל, און דאָפּיר אָבער אויך פֿיעל שאָנער, רייצענדער און אַנלאָקענדער

ווי אַלע מאָל. אַזוי האָבען זיך אַלע איבערצייגט, דאָס עס איז אונמעגליך איהר צו בעקומען. איינער פֿון זיי, וואָס האָט ערצעהלט דעם דאָקטאָר פֿון זיינע אונגליקליכע פֿערזוכע, האָט אויסגעשריען:

— איך האָב שוין געזעהען פֿרויען, ביי וועלכע די טוגענד. ד. ה. די צניעות איז פֿעסט איינגעוואָרצעלט אין קאָפּ, אין געוויסען, אין הערצען — נו, דער טייפֿעל וויים אין וואָס — אָבער אַזאָלכע וואָס די צניעות איז ביי איהר אינ'ם בלוט, מוז איך אייך זאָגען, דאָס איך זעה דאָס ערשטע מאָל!

אַנדערע האָבען געזאָגט, דאָס יעדען אָפֿיציער וואָס געפֿאָלט איהר נעמט זי אָן פֿיר איהר געליעבטען, פֿיר יענעם וואָס האָט איהר געליעבט און נאָכהער אַוועק-געוואָרפֿען. אָבער מאָן קאָן דאָס בעשטימט ניט זאָגען, וואָרום אין דיעזעם פֿאַל, וואָלט זי זיך אַמאָל עראינערט אָן די פֿערגאַנגענע צייט, און גראַדע דאָס האָט קיין מאָל ניט געטראָפֿען.

מאָן פֿלעגט אָפֿט מיט איהר רעדען וועגען דעם, אָבער זי האָט ניעמאַלס גע-געבען צו זעהען, דאָס זי פֿערשטעהעט אָדער געדענקט וואָס עס איז. זי האָט זיך גוט איינגעהאָרכט, וואָס מאָן האָט צו איהר גערעדט, און געלאַכט. ווען

דער גאַרניזאָן האָט אָבגערייזט, פלעגט זי איהם בעגלייטען אויפ'ן ברעג, און ווי די דאַמפפשיף האָט גענומען אָבגעהן, פלעגט זי איהם פאָכען מיט אַ טיכעל, אָבער זי האָט קיין מאָל דערביי ניט גע־וויינט און אויף קיין אַנדער אַרט ניט אויסגעדריקט איהר קוממער. פערקעהרט, גלייך נאָכדעם פלעגט זי געהן צום נייע געקומענעם אָפיציער זיך ערקלאָרען אין ליעבע, און עס האָט אויסגעשיינט, דאָס יעדער נייער אָפיציער געפאָלט איהר אַביסעל מעהר ווי דער פאָריגער.

דער דאָקטאָר איז באַלד ווידער געקומען און האָט אַלע דיעזע אומ־שטאַנדע ערצאָהלט דעם אָפיציער. וואָהר־ענד זיי האָבען איינער פון דעם אַנדערען גענומען אָבשיעד, האָט ער דער אָפיציער ווידער געזאָגט:

— אַ שאַדען! אַזאַ שאַנינקע!

— ווירקליך אַ שאָנע, און וואָס פיר איין עדעלמיטהיגעס און שטאָלצעס גע־שאָפּ דאָס וואַר! — האָט דער נאָך צוגעגעבען.

דער אָפיציער איז פון רעסטאָראַן אַרויסגעגאַנגען. עס איז שוין געוועזען שפּאָט און אויפ'ם פלאַטץ איז שוין

אַ לעבעדיגער מענש ניט געוועזען. זיין וואָהנונג איז געוועזען פונקט ענטגעגען דעם רעסטאָראַן. ער האָט גענומען געהן לאַנגזאַם, אַזוי ווי ניט ווילענדיג. זי איז געווים דאָרט, — האָט ער ביי זיך גע־רעכענט, אָנשטרענגענד די אויגען צו זעהן, צו עס איז ווער ניט דאָ געבען זיין טהיר. אָבער זיין מיהע איז געוועזען אומזאָנסט, ווייל עס איז געוועזען אַזוי פינסטער האָץ די אויגען אַרויסצונעהמען. ער איז געגאַנגען טריט ביי טריט, יעדע מינוט זיך אָבשטעלענדיג. ווען איך ווייס, אַז דאָרט וואַרט אויף מיך אַ מאָרדער מיט אַ מעסער, וואָלט מיר לייכטער געוועזען, ווי יעטצט! — האָט ער געטראַכט און איז ענטשלאָסען געגאַנגען ווייטער.

— אָה! איך האָב געטראָפען. אָט איז זי!

זי איז געזעסען אויפ'ם טרעפעל האַרט נעבען טהיר אָבער אין דער פינכטער האָט ער איהר געזיכט ניט געקאָנט זעהען.

— וואָס טהועט איהר דאָ? — האָט ער געפראָגט צוגעהענדיג נאָהנטער.

זי האָט ניט גלייך געאַנטוואָרטעט. זי איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו איהם גאָר נאָהנט, ארויפגעלייגט אויף די שולטער איהרעביידע האַנד, און

מיט אַיין גאַנץ נאַטירליכֿען טאָן אַזוי ווי ביים פֿאַללען זינען געזאָגט:

— איך האָב אויף דיך געוואַרט... איך האָב געשלאָפֿען.

— וואַרום האָסט דו אויף מיך גע-וואַרט? — האָט ער געזאָגט און האָט אַראָבגענומען ביי זיך פֿון די שולטערן איהרע האָנד וואָס האָבען זיך גלייך איינגעקלאַמערט אין זיינע האָנד.

— ווייל איך וויל זיין מיט דיר! — האָט זי געאַנטוואָרטעט. —

וואָס פֿיר אַ טאָן! — האָט ביי זיך געטראַכֿט דער יונגער מאַנן, — מאָן קאָן ווירקליך מיינען, דאָס זי איז ביים פֿאַללען פֿערשטאַנד.

ער האָט געשווינד אָנגעצונדען אַ שוועבעלע און צוגעטראָגען קאַרמעלאַ האַרט אין געזיכֿט, אום צו בעטראַכֿטען, וואָס פֿיר אויגען זי האָט. פֿון אַרומ-שלענדערן זיך דעם גאַנצען טאָג און צוליעב דעם וואָס זי איז געוועזען פֿערשלאָפֿען, ווייל זי האָט זיך דאָך נאָר וואָס אויפֿגעהאַפּט פֿון שלאָף, האָט איהר געזיכֿט אוסגעזעהען ערמידעט, אָב-געשוואַכֿט און פֿערטראַכֿט, אָהן די אונ-נאַטירליכֿע בעוועגליכֿקייט ווי געוואָהנליך, און דאָס האָט איהר אין יענער מינוט געמאַכֿט זעלטען שאָן און רייצענד, דאָס

זי האָט גאָר ניט אויסגעוויעזען ווי אַ וואַהנזיניגע.

— אָה! מיין ליעבער! מיין ליעבער! — האָט זי אויסגעשריען, ווי זי האָט נאָר ערבליקט דאָס בעלויכטענע געזיכט פֿונ'ם אָפֿיציער, און האָט אויסגעשטרעקט צו איהם איהרע אַרמע איהם אַרומ־צונעהמען. ער האָט זיך דערפֿון געראַטעט נאָר דערמיט, וואָס ער האָט איהרע ביידע האָנד אָנגעהאַפּט מיט זיינע האָנד. אָבער זי איז צוגעפֿאַלען צו זיין האַנד מיט די ליפּפען, האָט איהר געגעבען אַ קוס און נאָכהער איינגעביסען. ער האָט זיך פֿון איהר אַרויסגעריסען, און אַריינ־געלאָפֿען צו זיך און פֿערמאַכט די טהיר.

— מיין טהייערער! — האָט קאַרמעלאַ נאָך אַמאָל אויסגעשריען. גלייך נאָכדעם האָט זי זיך גאַנץ רוהיג געזעטצט אויף די טרעפּ, אַרומגענומען די קניע מיט די האָנד, אַראָבגעלאָזען די קאָפּ און באַלד איינגעשלאָפֿען.

אַריינגעהענדיג צו זיך אין צימער, האָט דער אָפֿיציער אָנגעצונדען פֿייער און בעטראַכט זיין האַנד. דאָ האָט ער אויף איהר בעמערקט אַכט שאַרפֿע קליינע צאָהנדעלאַך.

— אָט דאָס איז אַביסעל ליעבע! — האָט ער געזאָגט. ער האָט פֿערוויכערט

אַ ציגאַר און גענומען געהן איבער דעם צימער הין און הער, בעקלאָרענדיג אויף מאָרגען דעם טאַגעס בעפֿעהל פֿיר זיין קאָמאַנדע.

— אָבער דאָס וועל איך נאָך מאָרגען ניט פֿערזאַמען צו מאַכען, — האָט ער ביי זיך בעשלאָסען און גענומען דענקען פֿון אַנדערע זאַכען.

ער האָט זיך געזעטצט, געאָפֿענט אַ בוך, דורכגעלעזען איינִיגע זייטען, און ווידער גענומען שפּאַצירען איבער דעם צימער, נאָכהער האָט ער צוריק גענומען דאָס בוך, ווידער אויפֿגעהאָרט לעזען, און ענדליך איז ביי איהם גע־בליעבען געהן שלאָפֿען. ווי ער האָט זיך כּמְעַט נאָר אויסגעטהאָן, איז איהם איינ־געפֿאַלען אין קאָפּ אַ געדאַנקען. ער איז צוגעגאַנגען צום פֿענסטער און האָט איהם שוין געוואָלט אָפֿענען, נאָר אין מיטען דרינען האָט ער זיך אָבגעהאַלטען... און געגאַנגען זיך לייגען שלאָפֿען.

אויפֿ'ם צווייטען טאָג ווי זיין דיענער איז אויף די שפּיטץ פֿינגער אַריין אין צימער, האָט ער צו זיין גראָסטען וואונדער געפֿונען דעם אָפֿיציער שוין אויפֿגעשטאַנען, וואָס עס פֿלעגט קיין מאָל מיט איהם ניט טרעפֿען. דער

דיענער האָט איהם מיטגעטהיילט מיט אַ שמייכעל:

— אונטען נעבען טהיר זיטצט זי, די נאַרעלע...

— וואָס אָבער טהוט זי דאָרט?

— זי טהועט גאָרניט, זי זאָגט, זי וואַרט אויף דעם הערר לייטענאַנט.

דער אָפּיציער האָט זיך כלומערשט אויסגעלאַכט. אונמוטהיג קוקענדיג, ווי דער דיענער פּוטצט אָב זיינע קליידער, האָט ער זיך געטראַכט:

— וואָס אַייל איך מיך אַזוי היינט אַזוי ווי אויף אַ שׂרפה!...

ווי ער האָט זיך אָנגעטהאָן, האָט ער דעם סאָלדאַט געפראָגט:

— ניעב אַקוק, זי איז נאָך אַלץ דאָרט?

דער סאָלדאַט האָט אויפגעאָפּענט דאָס פענסטער, האָט זיך אַיינגעקוקט און גע־זאָגט יאַ.

— וואָס טהועט זי?

— שפּיעלט זיך מיט שטיינדלאַך.

— אַהער קוקט זי ניט?

— ניין.

— זי זיטצט האַרט נעבען טהיר אָדער פון דער זייט?

— פון דער זייט.

— אויב אַזוי, וועל איך ווי עס איז

פֿאַרבּייגעהן, זי זאָל מיך ניט בּעמערקען.

ער איז אַרויסגעגאַנגען, אָבער דער קלאַנג פֿון זיין שווערד האָט איהם פֿער־ראַטהען.

— גוט מאָרגען! גוט מאָרגען! — האָט דאָס מאָדכען גענומען שרייען, אויפֿ־הייבּענדיג זיך געגען איהם אויף די טרעפּ.

ווי ער איז געוועזען נעבען איהר, האָט זי זיך געשטעלט פֿאַר איהם אויף די קניע, אַרויסגענומען אַ טיכעל און גע־האַפּט איהם פֿיר'ן פֿוס און גענומען אַרומווישען זיינע שטיעפֿעל, מיט די וואָרטער:

— ציעהע אויף, ליעבּינקער... נאָך איין מינוט, ניט מעהר ווי איין מינוט.. אָט יעטצט איז שוין גוט!

— קאַרמעלאַ! — האָט ער אַ געשריי געטהאָן, אַרויסגעהענד פֿון געדולד און אַרויסגעריסען פֿון איהרע קליינע האַנטעלאַך זיין פֿוס און איז פֿון איהר אַוועקגעלאָפֿען.

אין פֿערלויף פֿון אַ מאָנאַט איז דער דאָקטאָר מיט'ם לייטענאַנט געוואָרען זעהר בּעפֿריינדעט. זיי האָבּען געהאַט גלייכע כאַראַקטערען, איינע יאָהרען און די הויפּטזאַך איז געוועזען, וואָס עס איז

זיי ביידען אויסגעקומען, פֿון דער פֿריה ביז ביינאַכט, צו זיין אין אַזאַ אָרט, וואו עס איז כמעט קיין אַנדערע יונגע מענשען פֿון זייער קלאַס ניט געוועזען — דאָס אַלעס האָט זיי אַזוי נאָהנט געמאַכט איינעם צום אַנדערען, דאָס אין אַ קורצע צייט האָבען זיי זיך ערקענט און בעקומען ליעב איינער דעם אַנדערען, ווי צוויי אַלטע פֿריינדע. אין פֿערלויף פֿון דעמזעלבען מאָנאַט האָט איינער פֿון זיי, נאָמליך דער אָפֿיציער בעקומען דורכאויס אַנדערע געוואָהנהייטען.

פֿריהער פֿון אַלץ האָט ער זיך אויסגעשריעבען פֿון נעאַפּאָל אַ מענגע ביכער און ביינאַהע גאַנצע צוויי וואָכען האָט ער אין אָבענד קיין זאַך מעהר ניט געטהאָן ווי געגראָבען זיך אין דיעזע ביכער, געלעזען, פֿערצייכענט און געפֿיהרט מיט'ם דאָקטאָר לאַנגע הייסע דיספּוטען און געשפּראָכען, וואָס פֿלעגען זיך אימער ענדיגען מיט איינס און דאָס זעלבע:

— זעהר גוט, — האָט דער אָפֿיציער געזאָגט, — אָבער מיין מיינונג איז, דאָס אין אַ זאָלכע פֿאָללע, ווען דאָקטאָרען קאָנען יע עטוואָס העלפֿען, איז דאָס זעהר ווייניג.

— מיר וועלען זעהן, וואָס דו וועסט

דאָ אויספֿיהרען , — האָט דער דאָקטאָר געאַנטוואָרטעט .

און זיי פֿלעגען פֿערנאַנדערגעהען יעדער צו זיך אַ היים . אויף מאָרגען פֿלעגט זיך דערזעלבע דיספוט ביי זיי פֿון דאָסנייע אָנפֿאַנגען .

אַ מאָל האָט זיך דער לייטענאַנט דורכגערעדט מיט'ם שטאָדט פֿיהרער , האָט זיך ביי איהם נאָכגעפֿראָגט אויף וואָס און געשיקט רופֿען דעם איינציגען שניידער פֿון שטאֶדטעל, נאַכהער האָט ער בעזוכט דעם איינציגען מאַגאַזין פֿון שטאֶדטעל און אין איינינע טעג אַרום האָט ער שפּאַציערט אויפֿ'ם ברעג פֿון מעער , געקליידעט אין גראָבע ליינוואַנד, און אַגרויסע שטרויהוט און אין אַ בלאָען האַלז-טוך . אין דעמזעלבען אָבענד האָט איהם בעגעגענט דער דאָקטאָר און ביי איהם געפֿראָגט :

— נו וואָס ?

— נאָך גאָר ניט .

— קיינע אֶנדערונג ?

— נאָך ניט אַ האָאָר !

— וואָס קאָן מאָן מאַכען . פּרוביר וויטער .

— געוויס וועל איך אין מיטען ניט אויפֿהאֶרען, — האָט דער יונגער מאַן ענטשלאָסען געאַנטוואָרטעט .

דער סבאָרשטשיק פֿון שטאָדטעל איז אַ צייט געוועזען אַ זינגער און האָט גע־קאָנט שפּיעלען אויף פֿערשיעדענע אינ־סטרומענטען. איין מאָל איז זיך מישב דער אָפֿיציער, געהט אַוועג צו איהם און בעט, ער זאָל איהם אויסלערנען שפּיעלען אויף אַ גיטאַרע. יענער האָט מיט פֿער־געניגען איינגעווילינגט. די לעקציאָנען זייען געוועזען צוויי מאָל אין טאָג, און דער אָפֿיציער האָט געמאַכט אַזעלכע פֿאָרטשריטע, דאָס ער איז באַלד געוועזען אים שטאַנדע גוט צו בעגלייטען אויף־אַ גיטאַרע די געזאַנג פֿון זיין לעהרער.

— ווי עס ווייזט אויס, האָט איהר דאָך אַ גוטע שטימע! — האָט דער לעהרער איהם אַ מאָל געזאָגט.

ער האָט ווירקליך געהאַט אַ פֿיינע שטימעלע. ער האָט זיך אָנגעפֿאַנגען צו לערנען זינגען און עס איז ניט אַוועק אַ מאָנאַט ווי ער האָט שוין געזונגען מיט בעגלייטונג פֿון זיין גיטאַרע פֿערשיעדענע סיציליאַנישע ליעדער און אַזוי אַנגענעהם, אַזוי פֿיין דערצו, דאָס עס איז אַ פֿער־געניגען געוועזען צו האָרען.

— דאָ איז ביי אונז אַ מאָל געוועזען איין אָפֿיציער וואָס האָט אויך זעהר גוט געזונגען! — האָט דער סבאָרסטשיק אַמאָל ערצאָהלט דעם לייטענאַנט: — איין שיינע

ליעדעלע האָט ער ליעב געהאַט שטאָנדיג צו זינגען ... וואַרט נאָר, איך וועל מיר זיך ערמאָהנען... אַי ווי פּראַכטפֿאָל ער האָט איהר געזונגען! איך האָב פֿערגעסען דעם אָנפֿאַנג... ער האָט איהר, פֿערשטעהט איהר מיך, אַליין פֿערפֿאַסט. דוכט זיך אַזוי, יאַ, יאַ, זי פֿאַנגט זיך אָן אַזוי:

נעבען דיר, מיין קאַרמעלאַ,
וואָלט איך גערן מיין לעבען פערבראַכט
מיט פֿאַרגעניגען און זעעלע
דיך אָנקוקען ווי טאָג און ווי נאַכט;
מיט ליעבע אין די בליקען
דיך קוסען אין די ליפּען!
אין דיין שים, מיין קאַרמעלאַ,
מיט ליעבע פֿערוויעגט,
די קאָפּ צו דיין הערצען געדריקט,
וואָלט איך גערן, מיין זעעלע,
מיין עביגען שלאָף אָנגעפֿאַנגען
און מיט דיר צוזאַמען פֿון דער וועלט
געגאַנגען!

— אָ, זעהר גוט! — האַט געזאָגט דער אָפֿיציער — וויעדערהאָלט מיר נאָך אַמאָל די וואָרטער.

דער לעהרער האָט גאַנץ גערן וויעדערהאָלט.

— יעטצט זינגט איבער!

— מיט פֿערגעניגען.

איין אַנדערס מאָל, נאָך איינע לאַנגע

אונטערהאַלטונג מיט'םווירטה פֿון דעם טאַבאַק מאַגאַזין, וואָס איז געוועזען נעבען זיין וואָהנונג, איז דער לייטענאַנט אַוועק צום קאַראַבינער אָפֿיציער און האָט איהם געמאַכט אַזאַ פֿראַגע:

— האָרט נאָר, מאָן זאָגט, איהר זייד איין אויסגעצייכענטער פֿעכטער?

— איך? גאָט איז מיט אייך, איך האָב דאָך שוין צוויי יאָהר אַ ראַפּיערע אין האַנד ניט גענומען.

— אויב איהר ווילט. לאָמיר זיך אַמאָל פּרובען פֿעכטען?

— מיט'ם גראָסטען פֿערגעניגען!

— טהו לאָמיר בעשטימען אַ צייט.

זיי האָבען בעשטימט אַ צייט, און פֿון דאַמאָלס אָן האָבען די דורכגעהער איבער'ם פּלאַטץ אַלע פֿריהמאָרגען געהאָרט אַ קלאַנג פֿון געוועהר, אַ גערויש פֿון דעם לייטענאַנט'ס צימער: דאָס האָט ער געפֿאָכטען מיט דעם קאַראַבינער.

— נו, דאָס האַלט איך גאָר פֿיר איבעריג, — האָט איהם אַמאָל געזאָגט דער דאָקטאָר: — אָבער וואָס איז מיט איהר, זאָג מיר?

— אַלץ דאָסזעלבע. נאָר מאָן האָט דאָס אויך בעדאַרפֿט פּרובען, ווייל מאָן האָט מיר ערצאָהלט, דאָס ער (איהר געליעבטער) פֿלעגט אַלע טאָג פֿעכטען

פונקט אין דיעזער צייט, און זי פלעגט געוואָהנליך דאַמאָלס אַוועקגעהן אויפ'ן פלאַטץ, ווייל זי האָט דאָס ניט ליעב געהאַט צו זעהען...

— דאָס איז אַלץ גוט, — האָט גע-אַנטוואָרטעט דער דאָקטאָר: — דאָך איז דאָס אָבער נאָך ווייניג, מיין פריינד, עס איז ניט גענוג.

עס איז אַבגעלאָפען אַנדערטהאַלבען מאָנאַטען פון דער צייט אָן וואָס דער נייער גאַרניזאָן איז אָנגעקומען.

איין אָבענד איז דער אָפיציער געזעסען ביי זיך נעבען טיש געגען דאָקטאָר און פאָרקענדיג מיט'ם שפיטץ פעדער דעם קנייטעל פון דער לאַמפע, האָט ער זיך איבערלעגט:

— מיט וואָס וועט זיך דאָס אָבער אַלץ ענדיגען, זאָג, איך בעט דיך?

— עס וועט זיך ענדיגען דערמיט, דאָס איך וועל אַליין פון זינען אַראָב, אָט דאָס וועט זיין דאָס ענדע. איך שאָם מיך פראָסט פאַר זיך אַליין. צייטענווייז דאַכט זיך מיר, דאָס אַלע לאַכען פון מיר.

— פון וואָס איז דאָ פאָרהאַנדען צו לאַכען? — האָט דער דאָקטאָר געפראָגט.

— פֿון וואָס? — האָט איבערגעפֿרעגט זיין קאַמעראַד, זיך בעדענקענד וואָס צו אַנטוואָרטען: — מאָן לאַכט, וואָס איך האָב מיך אין דעם אַזוי אַריינגעטהאָן מיט לייב און לעבען, מאָן לאַכט פֿון מיין מיטלייד צו דער אונגליקליכע און פֿון מיינע אונגליקליכע פֿערזוכע...

— אַריינגעטהאָן מיט לייב און לעבען! מיטלייד! אין אֶמת'ן, עס איז דאָ פֿון וואָס צו לאַכען.

דער דאָקטאָר האָט אַ ווײַלע איהם געקוקט טיעף אין די אויגען און גע-זאָגט:

— זאָג די וואַהרהייט, דו ביזט פֿער-ליעבט אין קאַרמעלאַ?

— איך? — האָט מיט האַסט אויס-געשריען דער יונגער מאַן און איז גע-בליעבען שטיל, און געוואָרען רויט איבער די אויעהרען.

— יאַ, דו, — האָט דער דאָקטאָר גע-אַנטוואָרטעט: — זאָג די וואַהרהייט, זיי מיט מיר אָפֿענהערציג, דו האָסט דאָך דאָ קיינעם ניט אויסער מיך, איך בין דאָך דיין איינציגער פֿריינד.

— יאַ, דו ביזט מיין פֿריינד, און נאָמליך דעריבער וויל איך דיר ניט זאָגען דאָס וואָס איז ניט דאָ, ווייל איך וויל זיין מיט דיר אָפֿענהערציג!

ער איז געוואָרען בלייך און האָט זיך אָנגעהויבען צו פּלאָנטערן און צו טומ־לען אין די רייד ווי אַ קינד וואָס מאָן ערוויסט ביי אַ פֿערברעך, אין וועלכעם ער וויל זיך ניט מודה זיין.

— איך, פֿערליעבט? גאָט בעוואַהר! איך האָב גרויס מיטלייד מיט די אָרמע בעשאֶפֿנים, יאָ, דאָס איז וואַהר, גרויס מיטלייד, איך ווייס ניט, וואָס איך וואָלט ניט געגעבען, אום זי זאָל נאָר געזונד ווערען. איך בין בערייט אויף יעדע אָפּפֿער, און איהר געזונדווערען וואָלט מיר געמאַכט אַזוי פֿיעל פֿערגעניגען, ווי זי וואָלט געוועזען מיינע אַיין אֵיינענע... דו ווייסט, ווי איך האָב געטהאָן אַלץ וואָס איז מאָגליך געוועזען אום איהר צוריק צום פֿערשטאַנד צו ברייננגען. דו ווייסט אָבער ניט אַלץ. איך האָב דאָך איהר כּמְעַט אַלע נאַכט געבראַכט צו מיר. געשפּראָכען מיט איהר שטונדענ־וויז; איך האָב איהר געזונגען די ליעדער, וואָס איהר פֿאָרינער געליעבטער פֿלעגט זינגען, איך האָב זיך געפּרופט ערקלאָרען איהר אין ליעבע און איהר בעדעקט מיט צאָרטליכקייט, איך האָב זיך פֿערשטעלט דאָס איך וויין און בין אין פֿערצווייפֿלונג... איך האָב איהר ערלויבט צו טהאָן מיט מיר אַלץ וואָס זי וויל: קוסען, ארומ־

נעהמען מיך, וויפיעל עס האָט זיך איהר געוואָלט. איך האָב דאס אַליין אויך געפּרופט טהאָן, און דו קאָנסט זיך פאָרשטעלען מיט וועלכע געפיהל איך האָב דאָס געטהאָן. איך קאָן דיר ניט אויסדריקען וואָס איך האָב דערביי געפּיהלט: שאַנדע, פורכט, געוויסענסביסע אָדער דאָס אלעס צוזאַמען. איך קאָן דיר נאָר זאָגען, דאָס ווען איך האָב איהר געקוסט, פלאָגט מיך שוידערן און איך פלעג ווערען בלייך, אַזוי ווי איך וואָלט געקוסט אַ טויטען. אַמאָל האָט זיך מיר געדאַכט, דאָס איך ברייגג איהר אַ גראָסמיטהיגען אָפּפער און איך בין כּמעט געוועזען שטאָלץ דערמיט; איין אַנדערס מאָל אָבער בין איך זיך אַליין געוואָרען עקעלהאַפט אין די אויגען, ווי איך וואָלט געטהאָן אַ פערברעך. וואָס ווייסט דו, מיין פריינד, וואָס איך האָב אויסגעליטען! און אַלץ אומזאָנסט. און וואָס מעהר איך האָב פערלאָרען די האָפנונג, האָט זיך אַלץ אין מיר פער־נאַנדערגעברענט דיעזער פערפלוכטער פייער . . . איך שלאָף ניט נאָכט, וואָרום איך וויים, דאָס זי זיטצט נעבען מיין שוועל. און דיעזער געדאַנקען פער־פאָלגט מיר אַזוי, דאָס איך וואַרט פון איין מינוטע אויף די אַנדערע, דאָס עס

וועט באַלד אקלאַפּ טהאָן אים פֿענסטער, און פֿון יענעם זייט שויב וועט זיך בעווייזען איהר וואַהנזיניגעס געזיכט, און זי וועט מיך אָנקוקען מיט איהרע שטעהיגע, מאַטע, אָבגעשטאָרבענע אויגען! דאָ חלומט זיך מיר, דאָס זי געהט אַרויף אויף די טרעפּ, און איך האַפּ זיך אויף אים בעט. דאָ דאַכט זיך מיר, דאָס אויפ'ם פּלאַטץ קלינגט איהר ווילדער געלעכטער, פֿון וועלכעס עס געהט מיר איבער אַ קאָלט דורך די בלוט, און איך האָב מורא אויפֿצושטעהן, אַקוק טהאָן אין פֿענסטער. איך נעהם שרייבען, לעזען, אָבער זי געהט מיר קיין מאָל פֿון קאָפּ ניט אַרויס. עס איז מיר שטאָנדיג באַנג, איך קאָך מיך און שרעק מיך, איך ווייס אַליין ניט, פֿאַר וואָס. און ווען איך פֿראָג מיך: ווען וועט שוין זיין אַ סוף און וואָס פֿיר אַ סוף וועט פֿון דעם זיין, און וואָס וועט זיין נאָכדעם מיט מיר, האָב איך קיין מוטה ניט זיך צו אַנטוואָרטען און איך בין פערטיג צו רייסען די האָאָר אויף זיך פֿון פֿערצווייפֿלונג . . . זאָג מיר צו, ליעבער פֿריינד, דאָס איך וועל זעלבסט ניט אַראָב פֿון זינען, וואָרום עס דרעהט זיך מיר די קאָפּ, איך קאָן שוין מעהר ניט אויסהאַלטען. איך קאָן ניט, איך קאָן ניט!...

ער האָט דעם דאָקטאָר געררייכט די האַנד. דער דאָקטאָר האָט אָבער ניט געוואוסט וואָס איהם צו זאָגען. ענדליך איז ער צוגעגאַנגען צו איהם און האָט ניט רעדענדיג אַ וואָרט ארומגענומען זיין פריינד. פלוטצלינג האָט דער יונגער מאַנן אויפגעהויבען די קאָפּ און פראַהליך אַ קוק געגעבען אויף איהם.

— נו, וואָס? — האָט געפראָגט דער דאָקטאָר.

— און אַז זי וועט אָבער געזונד ווערען! — האָט ער אויסגעשריען און זיין געזיכט האָט זיך בעלויכטען מיט אַ גליקליכען שמייכעל. ווען זי וועט ווערען ווידער אַזאַלכע ווי פריהער, ווען זי בעקומט ווידער איהר פערשטאַנד און איהרע געפיהלע ווי אַמאָל, ווען איהרע אויגען וועלען אויף אימער פערליערען איהר ווילדען גלאַנץ, איהר שרעקליכען אונבעוועגליכען בליק, ווען זי וועט אויפהערען צו לאַכען מיט אַ ווילדען געלעכטער און זי וועט מיר אַליין אין פאָלעם פערשטאַנד זאָגען: איך דאַנק און זעגנע דיר! דו האָסט מיך ווידער בע־לעבט. איך ליעבע דיך!... און וועט מיט אַ מאָל זיך פערנאַנדערוויינען! אָה, ווען איך ערלעב נאָך די צייט, דאָס זי וועט וויינען און רעדען, זיך אָנציעהען

און פֿערקאָמען , ווי אַלע אַנדערע מאָדכֿען , וויעדער געהן אין קירכֿע , שאָמען זיך , ווי אַמאָל , און וויעדער איבערלעבען אַלע פֿייערדיגע געפֿיהלען , אַזוי ווי זי וואָלט ערשט וויעדער נאָך אַמאָל געבאָרען ווערען ! און ווען איך וואָלט קאָנען זאָגען , דאָס איך האָב דאָס איהר וויעדער לעבעדיג געמאַכֿט , וויעדער געגעבען אַלע האָפֿנונגען פֿון דער יוגענד , דאָס איך האָב איהר וויעדער פֿאָהיג גע-מאַכֿט צום פֿאַמיליענלעבען און ליעבע ! . . דאַן וואָלט זיך מיר געדאַכֿט , דאָס איך האָב אויך עטוואָס בעשאַפֿען , דאָס מיר געהאָרען צוויי זעלען , צוויי לעבענס , מיינע און איהרע ; מיר וואָלט זיך געדאַכֿט , דאָס זי געהאָרט צו מיר , דאָס זי איז מיר בעשערט פֿונ׳ם שיקזאַל , און איך וואָלט איהר געבראַכֿט צו דער מוטער , ווי איין ענגעל פֿון הימעל ! איך מיין , דאָס איך וואָלט דאַן פֿון פֿריידע וואַהנ-זיניג געוואָרען , אָה , ווען דאָס וואָלט מאָגליך געוועזען ! ווען דאָס וואָלט זיך ווירקליך געטראָפֿען !

ער האָט פֿערדעקט דאָס געזיכֿט מיט די האָנד און זיך פֿערנאַנדערגעוויינט .

עדמאָנד ד׳אַמיטשיס.

די קראַפט פון ליעבע

צווייטער טהייל

— אָה, מיין ליעבער! האָט זיך געהאָרט אַ זיסע שטימע אויפ׳ם פלאַטץ, — דער יונגער מאַנן האָט זיך אויפגעהאַפט פון זיין שטוהל און געהייסען דעם דאָקטאָר, ער זאָל יעטצט פון איהם אַוועקגעהן. נאַכהער איז ער צוגעגאַנגען צום פענס־טער, און האָט אַקוק געגעבען אונטען. קאַרמעלאַ איז געזעסען נעבען שוועל.

— איך אָפען דיר גלייך אויף, — האָט ער צו איהר געזאָגט:

קאַרמעלאַ האָט גענומען פון פרייד שפרינגען און פאַטשען מיט די האָנד. די טהיר האָט זיך געאָפענט און אויפ׳ם שוועל האָט זיך בעוויעזען דער אָפיצער מיט אַ ליכט אין דער האַנד׳ קאַרמעלאַ איז אריין אין טהיר, האָט ארויסגעריסען ביי איהם די ליכט און פאָראויס גע־

גאַנגען אויף די טרעפּ. „געה, געה, מיין טהייערינקער, — האָט זי צו איהם געזאָגט, אומקעהרענדיג זיך, און האָט איהם גענומען פיר די האַנד: — גיעב, מיין קינדעלע, די האַנד, מיין שיינדעלע!" זי האָט איהם אַריינגעפיהרט אין צימּמער.

דער לייטענאַנט האָט איהר אַוועק־געזעטצט גענען זיך און מיט גערולד פון איין ענגעל האָט ער איהר גענומען ווידערהאָלען אַלץ, וואָס ער האָט איהר ווידערהאָלט טאָג-טאָגליך. ער האָט אויסגעדענקט אימּמער נייע מיטלען, ווי אויף איהר צו ווירקען, דאָ מאַכענדיג זיך פערליעבט, דאָ — דאָס ער איז אויף איהר באַז, דאָס ער ליידעט שרעקליך און קומט אין פערצווייפלונג. אָבער עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען. זי האָט איהם געקוקט און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו זיינע־רייד. אָבער מיט אַמאָל האָט זי אויסגעשאָסען מיט אַ שרעקליכען געלעכטער און געפראָגט: וואָס איז דיר? וואָס פעהלט דיר, מיין אָרעמינקער? — און גענומען איהם קוסען די האַנד. מיט'ם גראָסטען מיטליידען.

— קאַרמעלאַ! — האָט ער זיך צו איהר געווענדעט מיט'ם בעשלוס אויסצופּרובּען נאָך אַ מיטעל.

— וואָס פֿערלאַנגסט דו?

ער האָט איהר געגעבען אַ ווינק זי זאָל זיך זעטצען נעבען איהם. זי איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען, האָט איהם געקוקט גלייך אין די אויגען מיט אַ צאַרטליכען, ליעבעפֿאָללען בליק, און מיט אַמאָל איז זי איהם געפֿאַלען אויפֿ'ן ברוסט, האָט איהם פֿעסט ארומגענומען מיט ביידע האַנד און זיך צוגעביינט האַרט צו איהם, מורמעלענד: ליעבינקער! ליעבינקער!

דער אונגליקליכער האָט געשפיהרט דאָס עס קעהרט זיך איהם דער מאַרך איבער. ער האָט איהר אַרומגענומען מיט איין האַנד פֿיר די טאַליע און אײַנבייגענדיג זיך ביסלאַכווייז צוזאַמען מיט איהר, האָט ער איהר אַזוי אַוועקגעלייגט אויפֿ'ן די־וואַן, דאָס זי האָט דאָס בײַנאַהע גאָר ניט בעמערקט. קאַרמעלאַ האָט זיך אָבער האַסטיג פֿון איהם פֿריי געמאַכט, געטהאָן אַ שפּרונג אויף די פֿיס, איז געוואָרען אוממיטהיג. אַזוי ווי זי וואָלט זיך בעדענקט וואָס עס איז אין האָט גע־מורמעלט מיט אַ שטימע, און וועלכער עס האָט געקלונגען אַ לייכטער שפּור פֿון עקעל.

— וואָס טהועסט דו?...

פֿון דיעזע ווערטער האָט איהם אַשיין געגעבען אַ קליינער שטראַהל פֿון

האָפֿנונג. ער האָט אַ וואָרט ניט גערעדט און מיט אונרוהע אויף איהר געקוקט.

אַ ווײַלע איז קאַרמעלאַ געוועזען, אָדער זי האָט אויסגעוויעזען, פֿאַרטראַכֿט. נאָכֿהער האָט זי אַ שמייכֿעל געטהאָן, — אַזא אונגעוואָהנליכֿען שמייכֿעל וואָס מאָן האָט ביז הער ביי איהר ניט בעמערקט,— און האָט געזאָגט.

— זייען דען שוין מירביידע מאַנן און ווייב?

דאָס האָט איהם אַזוי אויפֿגערעגט, דאָס ער האָט שיער ניט געטהאָן אַ פֿריידען געשריי און איז געוואָרען בלאַס. אין דער צייט וואָס ער האָט זיך בעדענקט וואָס איהר צו אַנטוואָרטען, האָט זי צופֿאַליג אַקוק געטהאָן אויפ'ן וואַנד, וואו עס איז געהאַנגען אַ הויכֿער הוט. זי האָט זיך שטאַרק פֿערנאַנדערגעלאַכֿט, אַראָבגעכאַפּט דעם הוט און אַרויפֿגעשלעפּט זיך אויפ'ן קאָפּ און גענומען שפּרינגען און טאַנצען און דרייהען זיך איבער דעם ציממער.

— קאַרמעלאַ! — האָט טרויעריג אויס־געשריען דער לייטענאַנט.

זי אָבער האָט נאָך ווילדער גענומען לאַכֿען און שפּרינגען.

— קאַרמעלאַ! — האָט ער נאָך אַמאָל אַ געשריי געטהאָן און איז צוגעלאָפֿען צו איהר. זי האָט זיך ערשראָקען און

ארויסגעשפרונגען פֿונ'ם ציממער. אין אַ מינוט אַרום איז זי שוין געוועזען אויפֿ'ם פּלאַטץ און האָט נאָך אַלץ גע־טאַנצט, געשפּרונגען, געמאַכט שטיק, געקוויטשעט און געשטאָרבען פֿון גע־לאַכטער.

אויף מאָרגען איז ער, גלייך ווי ער איז אויפֿגעשטאַנען, געגאַנגען צום דאָקטאָר. ווי דער דאָקטאָר האָט נאָר בעמערקט זיין אויפֿגערעגטעס געזיכט און זיינע רויטהע אויגען, האָט ער פֿער־שטאַנען, דאָס זיין פֿריינד איז געקומען צו איהם בעטען אַ ראַטה און הילפֿע. ער האָט איהם געשטעלט אַ שטוהל געגען זיך און איהם גענומען לעזען אַ גאַנצע לעקציאָן. אָבער דער אָפֿיציער האָט זיך ניט אַיינגעהאָרט און עס האָט אויס־געזעהען, דאָס ער דיינקט גאָר וועגען אַיין אַנדער זאַך. מיט אַמאָל האָט זיין געזיכט אָנגעפֿאַנגען צו שטראַהלען און ער האָט זיך אַ קלאַפּ געגעבען אין שטערען און אויסגעשריען: — ווי איז דאָס מיר דיעזער געדאַנקען גלייך אין אָנפֿאַנג ניט אַיינגעפֿאַלען?

— וואָס איז דאָס פֿיר אַ געדאַנקען? — האָט געפֿראָגט דער דאָקטאָר.

אָבער דער אָפיציער האָט גאָרניט געאַנטוואָרטעט און געהאַפּט אַ פּעדער מיט פּאַפּיר און גענומען אויף גיך שרייבען. ווי ער האָט געענדיגט, האָט ער אין דער הויך איבערגעלעזען: „הערר לייטענאַנט! איך ווענד מיך צו אַייך אָהן צערעמאָניע, אַזוי ווי עס פּיהרט זיך צווישען אונזערע בראַווע מיליטאָר לייט. עס איז שוין אָנדערט־האַלבען מאָנאַטען ווי איך בין קאָמאַנדיר פֿון דעמזעלבען גאַרניזאָן, מיט וועלכען איהר האָט קאָמאַנדירט פֿאַר דריי יאָהרען אין די מאָנאַטען יולי, אַגוסט, סעפּטעמבער. איך האָב מיך היער בעקענט מיט אַ מאָדכען פֿון 18, 20 יאָהר, וועלכע הייסט „קאַרמעלאַ" און איז וואָהנזיניג. זי איז וואָהנזיניג געוואָרען מיט צוויי יאָהר צוריק, און ווי מאָן זאָגט, איז די אור־זאַכע—איהר ליעבע צו אַייך. איהר ווייסט געוויס אַליין אַלץ, וואָס עס האָט זיך פּאַסירט מיט איהר נאָך אַייער אָברייזען, און אין וואָס עס בעשטעהט איהר וואָהנזינניגקייט, וואָרום מאָן האָט מיר ערצאָהלט, דאָס אֵיינער פֿון די היעזיגע אַיינוואָהנער האָט אַייך פֿון אַלץ גע־שריעבען. איך האָב פֿון דער ערשטער מינוט אָן גענומען זעהר אַ הייסען אַנטהייל אין דעם שיקזאַל פֿון דיעזעס מאָדכען

און אָנגעווענדעט אַלע קראַפֿטען, אום איהר ווידער געזונד צו מאַכען. איך האָב גענומען טראָגען קליידער, ווי אייערע, האָב מיך אויסגעלערנט שפּיעלען און זינגען די ליעדער, וואָס איהר פֿלעגט שפּיעלען און זינגען, האָב נאָך געטהאָן אַלע אייערע געוואָהנהייטען, וועלכע איך האָב זיך נאָר ערקונדיגט, מיט איינעם וואָרטע, איך האָב אייך נאָכגעמאַכט ווי ווייט עס איז נאָר מאָגליך געוועזען — און אַלץ אומזאָנסט. איהר קאָנט אייך ניט פֿאָרשטעלען ווי שווער עס איז מיר צו זעהען, דאָס אַלע מיינע האָפֿנונגען פֿליעהען פֿער־נאַנדער ווי אַ רויך. נאָך איין לעטצטער מיטעל איז מיר איבערגעבליעבען, און דיעזער מיטעל איז ביי אייך אין די האָנד. ענטזאָגט זיך ניט מיר צו העלפֿען, ערפֿילט מיין ביטע — דאָס איז אַ וואַהרע וואָהלטהאַט. הערט נאָר! מאָן זאָגט, דאָס דער בעסטער מיטעל אַ וואַהנזיניגען צוריק פֿערשטאָנדיג צו מאַכען איז, מאָן זאָל איהם פּינקטליך, גענוי, מיט אַלע בראָקעלאַך פֿאָרשטעלען וואָס עס איז פֿיר אַ וויכטיגע זאַך, וואָס האָט פּאַסירט הערט פֿאַר דעם, ווי ער איז פֿון זינען אַראָב; עס מאַכט ניט אויס, אויב דיעזע זאַך איז די אורזאַכע פֿון זיין וואַהנזיניגקייט

אָדער ניט. בײַ מיר קומט אויס, ווען מאַן וואָלט קאָנען פֿאָרשטעלען קאָרמעלען פּונקט די סצענע פֿון אײַער אָברייזען, וואָלט דאָס אויף איהר גוט געווירקט.

איך האָב געפֿראָגט בײַ פֿיעלע אײַנוואָהנער פֿון דאַנען, אָבער איך האָב נאָר ערפֿאָהרען, דאָס איהר האָט אָבגערייזט בײַ נאַכט, און דאָס פֿאַר דעם אָברייזען זיינען בײַ אײַך געוועזען געלאַדען צום אָבענד-ברויט דער סינדיק (שטאָדט-פֿיהרער), דער קאָראַביניער-אָפֿיציער און פֿיעלע אַנדערע, אָבער אַלע אײַנצעלנע אומשטאַנדען פֿון דיעזעם אָבענד געדיינקט קיינער ניט אָדער געדיינקט ניט דייטליך. איך ביטע אײַך, דערום, איהר זאָלט מיר גענוי בעשרייבען דיעזען אָבענד מיט אַלע קלייניגקייטען, איך ביטע ווי מאַן ביטעט בײַ איינעם אַ וואָהלטהאַט, וואָס עס דאַרף איהם גאָר ניט קאָסטען, און וואָס קאָן צוריק ברייננען לעבען און גליק דעמיענינגען, וועלכער בעטעט דאָס מיט טראָהרען אין די אויגען. שרייבט מיר אַלין וואָס איהר געדיינקט, וועלכע גאָסט עס זייען געוועזען, וואָס מאַן האָט געשפּראָכען, אַלין, אַלין, וואָס עס איז נאָר מאָגליך. איבערהויפּט, זעהט מיר מיטצוטהיילען אין וועלכע שטונדען און וועלכער צייט זיינען פֿאָרגעקומען די

וויכטיגערע אומשטאַנדען, און ערצאָהלט מיר אַלץ אין אָרדנונג און ווי וויט מאָן קאָן דייטליכער און קלאָרער. איך בעט אייך, טהועט מיר די גרויסע געפֿאָליגקייט. איך וועל אייך דאַנקבאַר זיין, צייט איך וועל לעבען. מעהר שרייב איך ניט און האָף אויף אייער עדעלמוטה. איך דריק אייך די האַנד, ווי אַ גוטער קאַמעראַד, און בעט אַנצונעהמען מיין נערוס".

— נו, וואָס דיינקסט דו וועגען דעם?

— אַ פֿאָרטרעפֿליכער פלאַן! — האָט געאַנטוואָרטעט דער דאָקטאָר, וואָס האָט אויסגעהאָרט דיעזען בריעף מיט דער גראָסטען אויפֿמערקזאַמקייט: — אָבער ווייסט דו ווי מאָן רופֿט איהם, וואו ער דיענט אין וועלכעם פאָלק?

— דער סינדיק ווייס דאָס אַלץ.

— און דו גלויבסט, דאָס ער וועט דיר אַנטוואָרטען?

— אין דעם בין איך זיכער.

ער האָטווירקליך געאַנטוואָרטעט, און מיט אַ בריעף אויף אַכט זייטען. ער האָט מיטגעטהיילט אַלע פֿערלאַנגטע אומשטאַנדען וועגען די גאָסט, ווי זיי זייען געזועסען, וואָס און ווי זיי האָבען גערעדט, קורץ, ער האָט ניט דורכגעלאָזען איין זאַך. אָבער נאָך ניט איין וואָרט וועגען זיין פֿריהערדיגע ליעבע און נאָך ניט איין

ווארט פון מיטלייד מיט דער אונגליק־ליכען קארמעלא. אבער פון דיעזעם קאלטען געשאפטס־בריעף האט מאן געקאנט ארויס זעהען וועלכע שמערצליכע געוויסענסביסע האט בעדארפט פיהלען דער שרייבער פון בריעף. ווארום ווען ניט דאס, וואלט ער שוין געפינען א ווארט ווי אויסצודריקען זיין פערדרוס און חרטה, זאל זיין מעהר ניט פון לייטענסוועגען. ער וואלט אם ענדע בריעף צוגעשריעבען, צום ביישפיעל, דאס ער האפט... און זא ווייטער. אבער גארניט, נאך ניט איין ווארט וועגען דעם: אזוי שווער איז איהם געוועזען וועגען דעם צו דיינקען. „דער דאמפפשיף איז א שטונדע נאך האלבע נאכט ארויס פון האפען. אדיע!” — מיט דיעזע איינציגע ווארטער האט זיך גע־ענדיגט דער בריעף און נאך דעם—זיין אונטערשריעפט.

אין דעמזעבען טאג האבען זיי זיך ביידע גענומען פארבערייטען צו מאכען די לעטצטע פראבע. זיי האבען צוזאמען בעזוכט אלע יענע הערדן וואס האבען גענומען איין אנטהייל אין דער בעגלייטונגס־סצענע פון קארמאלאס געליעבטען, ווארום זיי זייען מיט זיי אלעמען שוין

געוועזען גוט אויפֿגעטראָגען. דער דאָקטאָר און דער אָפֿיציער, יעדער אויף זיין אַרט, האָבען אויסגעפֿיהרט, דאָס אַלע האָבען ענדליך פֿערשטאַנען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך און האָבען זיי פֿער־שפּראָכען צו העלפֿען אין זייער אויפֿגאַבע, און יעדער האָט פֿערשטאַנען די ראָלע, וואָס עס שטעהט איהם דאָ פֿאָרצו־שפּיעלען.

קאַרמעלאַ האָט זיך צייט איינינע טאָג געפֿיהלט ניט געזונד און איז ביינאַהע אימּמער צו הויזע געזעסען. די פֿריינדע זייען אַוועק צו איהר. זיי האָבען איהר נעפֿונען זיטצענדיג אויף דר'ערד נעבען שטוב אָנגעשפּאַרט אָן וואַנד. ווי זי האָט זיי בעמערקט, איז זי אויפֿגעשטאַנען און עטוואָס לאַנגזאַמער ווי געוואָהנליך צו־נעגאַנגען צום לייטענאַנט. זי האָט איהם, ווי אַלע מאָל, געוואָלט אַרומנעהמען מיט איהרע געוואָהנליכע ליעבע וואָרטער.

— קאַרמעלאַ, — האָט ער צו איהר געזאָגט: — מיר האָבען פֿיר דיר אַנייעס.

— נייעס, נייעס, נייעס, — האָט זי מיט אַ צאָרטילכע שטימע ווידערהאָלט, ליעבליך שמייכלענד צו איהם.

— איך רייז מאָרגען אָב.

— איך רייז מאָרגען אָב?

— איך רייז אָב, איך, איך פֿאָהר

אַ וועק פֿון דאַנען, פֿון דיעזער שטאָדט,
און נעהם מיט אַלע מיינע סאָלדאַטען.
איך וועל מיך זעטצען אויף איין דאַמפּפֿער,
און דער דאַמפּפֿער וועט מיך אַוועקפֿיהרען
ווייט-ווייט.

ער האָט אויפֿגעהויבען די האַנד און געוויעזען אין דער ווייטען.

— ווייט-ווייט. — האָט געמורמעלט קאַרמעלאַ, קוקענדיג אין זייט, וואָהין ער האָט אָנגעוויעזען.

זי האָט זיך אַ ווײלע אַזוי ווי בעדיינקט און נאָכהער האָט זי געזאָגט פֿערטראַכטער-הייד גאַנץ גלייכגילטיג:

— דער דאַמפּפֿער... יענער וואָס געהט פֿון איהם אַרויך!

און זי האָט ווידער אויסגעשטעלט די האַנד איהם אַרומצונעהמען און האָט איהם גערופֿען מיט די געוואָהנליכע ליעבליכע נאָמען.

— קיינע ווירקונג! — האָט געדיינקט דער לייטענאַנט.

— מאָן דאַרף דאָס איהר ווידער האָלען נאָך פֿיעל מאָל, — האָט איהם איינגעראַמט דער דאָקטאָר: — מיר וועלען נאָך זעהן וואָס עס וועט זיין דאָס צווייטע מאָל.

זיי זייען אַוועקגעגאַנגען, שטרענג פֿערבאָטענד קאַרמעלען זיי נאָכצוגעהן.

דער אָבענד באַל איז געוועזען בעשטימט

אויף מאָרגען ביי נאַכט. אין דעמזעלבען טאָג איז קאַרמעלאַ געקומען, ווי געוואָהנליך, און האָט זיך אַוועקגעזעטצט נעבען דער בעקאַנטען טהיר. קומענדיג צו זיך אַהיים, האָט איהר דער לייטענאַנט גלייך אַריינגערופען אין צימער, דאָרט איז אַלצדינג געווען איבערגעדרייהט די פיס אַרויף די קאָפּ אַראָב, אַזוי ווי פאַר איינער אַבריזע. אויף דעם שרייבטיש, די פּאָטעלען און דעם דיוואַן איז געווען אָנגעלייגט וועש, קליידער, ביכער, פּאַפּיערען, אָנגעוואָרפען ווי עס גייהט, און אין מיטען צימער זייען געשטאַנען אָפענע רייזע זאַק, אין וועלכע דער דיענער האָט גענומען איינפּאַקען זאַכען.

ווי זי האָט געזעהען וואָס דאָ טהוט זיך, האָט זיך קאַרמעלאַ אַביסעל פערוואונדערט און מיט אַ שמייכעל אַ קוק געגעבען דעם לייטענאַנט אין געזיכט.

— איך פּאַק זיך איין צו דער רייזע... האָט ער איהר געזאָגט.

קאַרמעלאַ האָט ווידער בעקוקט דעם צימער און גערונצעלט מיט די ברעמען וואָס ביז אַהער פלעגט זי קיין מאָל דאָס ניט טהאָן. דער יונגערמאַן האָט אויפמערקזאַם נאָכגעקוקט אַלע איהרע בעוועגונגען.

— איך פאָהר אַוועק ווייט, ווייט פון

דאַנען, איך פֿאָהר אַוועק אויף אַ דאַמפּפֿשיף.

— דו פֿאָהרסט אַוועג אויף אַ דאַמפּפֿ-שיף?

— יאַ, מאָרגען אָבענד.

— מאָרגען אָבענד, — האָט קאַרמעלאַ גאַנץ קאַלט ווידערהאָלט. בעמערקענדיג אויף אַ שטוהל די גיטאַרע, האָט זי אַפֿיהר גענעבען מיט'ם פֿינגערעל איבער די סטרונעס, וועלכע עס האָבען געטהאָן אַ שפּיעל.

— עס פֿערדריסט דיר גאָרניט וואָס איך פֿאָהר אַוועק? עס קימערט דאָס דיך ניט, וואָס דו וועסט מיר שוין מעהר קיין מאָל ניט זעהען?

קאַרמעלאַ האָט איהם אַריינגעקוקט טיעף אין די אויגען. נאַכהער האָט זי אַראָבגעלאָזען די קאָפּ און געמאַכט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט זיך אין דער וואַהר-הייט וועגען וואָס אָנגעשטריינגט צו בע-קלאָרען.

— וואָס זאָל דאָס בעדייטען? — האָט געטראַכט דער לייטענאַנט: — זאָל דאָס דען זיין אַ גוטער סימן?... הַלְוַאי! מאַן דאַרף האָפֿען...

אויפֿ'ן צווייטען טאָג איז ער פֿון שטוב ניט אַרויס און האָט זאָגאַר ניט געוואָלט זעהען קאַרמעלאַ, אָבוואָהל ער האָט גוט געוואוסט, דאָס זי זיטצט ווי אַלע מאָל

פֿאַר דער טהיר. די גאַנצע נאָכמיטטאָג צייט האָט ער פֿערבראַכט אין פֿערשיעדענע פֿאָרבערייטונגען צו דער פראָבע פֿון דעם אָבענד מאַהל. זיין נאַכבאַר, דער קוכ-מייסטער, האָט איהם געליעהען אַ גרויסען עס-טיש, איז אַליין געקומען מאַכען די געריכטען און די שפּייזען, און האָט אַליין אויך געמוזט בעדיענען און סאַר-ווערען ביים טיש, אַזוי ווי ער האָט גע-טהאָן מיט דריי יאָהר צוריק פֿיר יענעם אַנדערען אָפֿיציער.

דער ערשטער איז געקומען אויפֿ'ן באַל אום ניין אוהר, דער דאָקטאָר.

— זי איז אונטען, — האָט ער גע-זאָגט אַריינגעהענדיג: — זי בעקלאָגט זיך, וואָס זי האָט דיך ביז אַהער נאָך ניט געזעהען. איך האָב ביי איהר געפֿראָגט, וואָס זי מאַכט, האָט זי מיר אַריינגעקוקט אין די אויגען און געאַנטוואָרטעט נאָר איין וואָרט: „דער דאַמפּפער!" און האָט דערביי ניט געלאַכט. ווער ווייס, וואָס עס ארבייט זיך ביי איהר אין קאָפּעל? דאָס ווייס נאָר גאָט.

— וואָס זאָגסט דו, האָבען אַלע גוט אויסגעלערנט זייערע ראָלען? — האָט דער לייטענאַנט געפֿראָגט.

— איך האָף, אַז גוט, — האָט גע-אַנטוואָרטעט זיין פֿריינד.

— ווי עס קלאפּט מיר דאָס הערץ!— האָט דער לייטענאַנט געזאָגט.

— זיי מוטהיג! — האָט איהם גע-אַנטוואָרטעט זיין פריינד, דריקענד זיין האַנד.

פּלוטצלונג האָט זיך געהערט קאַרמע-לאָ'ס שטימע, זי האָט אויסגעשריען:

— איך פאָהר אויך אויפ'ן דאַמפּפער! — און האָט גענומען פּאַטשען מיט די האַנד.

— זיי מוטהיג! — האָט דער דאָקטאָר ווידערהאָלט זיין פריינד אין אויעהר: — דו האָסט געהערט? דיעזער געדאַנקען ליעגט איהר שוין טיעף אים קאָפּ. דאָס איז בעשטימט. איין אויסגעצייכענטער סימן! פערליער קיין מוטה! אָט זייען שוין אונזערע גאָסט אויך דאָ.

עס האָט זיך געאָפענט די טהיר און שמייכלענד און גריסענד זייען אַריין דער סינדיק, דער סודיאַ און אַלע איבעריגע, וועלכע פלעגען געוואָהנליך צוזאַמענקומען אין קאַפּע רעסטאָראַציאָן.

אין דער צייט וואָס דער אָפיציער האָט אויפגענומען די גאָסט און געדאַנקט, האָט דער דאָקטאָר שטילערהייד עטוואָס געזאָגט דעם דיענער, וואָס איז געשטאַנען דערביי אָן אַ זייט. דער דיענער איז גלייך אַרויסגעגאַנגען. אין אַ מינוט אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט קאַרמעלאַ און

זיי זייען ביידע אויף די שפיטץ פינגער אַריין אין אַנדערען צימער. זיי זייען געגאַנגען אַזוי שטיל האַרט אַרום די וואַנד, דאָס קיינער פון די גאָסט האָט זיי ניט בעמערקט.

— נו, מיינע העררען, לאָמיר זיך זעטצען.

אַלע האָבען זיך געזעטצט. מאָן האָט גענומען צורוקען די שטוהלען נאָהנטער צום טיש מיט די גוטע זאַכען, עס האָט זיך גענומען הערען פראָהליכע אויסגעשרייען מיט וועלכע מענשען וואָס ליעבען גע-שמאַק אָבצועסען, דריקען אויס זייער פערגניגען, וואָהרענד זיי זעטצען זיך נעבען אַגוט געגרייטען טיש. צוליעב דיעזעם גערויש האָט מאָן ניט געהאָרט די צאַנקעריי צווישען דעם דיענער און קאַרמעלאַ.

— איך האָב איהם שוין אַ גאַנצען טאָג ניט געזעהען! — האָט זי אויסגעשריען און געאָפענט אַזוי פיעל די טהיר, מאָן זאָל קאָנען גוט זעהען גאַלצדינג אינ'ם צווייטען צימער, און האָט גענומען קוקען אין שפאַלט.

קיינער פון די וואָס זייען געזעסען אַרום טיש האָט זיך ניט אומגעקעהרט אין יענער זייט, און אַהין די גאַנצע

צייט ניט געקוקט. קאַרמעלאַ איז געשטאַנען אויף איין אָרט.

ביסלאַכֿווייז איז געוואָרען אַ געראויש, עס האָבען גענומען קלינגען גאָפּלען, מעסער, גלאָזער, טעלער, מאָן האָט געלאַכֿט, פֿערשיעדענע שטימען האָבען גערעדט, יעדער האָט געוואָלט איבערשרייען דעם צווייטען. אַלע, אויסער דעם ווירטה און דעם דאָקטאָר, האָבען געגעסען מיט'ם גראָסטען אַפּעטיט און פֿראָהליך געטרונקען איינער צום אַנדערען. מאָן האָט גענומען ריהמען די מוסטערהאַפֿטע געהאָרזאַמקייט פֿון די סאָלדאַטען, קאַפּראַלען און סערזשאַנטען פֿון גאַרניזאָן, זייער פֿאָרטרעפֿליכֿע אייגענשאַפֿטען, בראַווהייט און פֿלינקהייט. נאַכֿהער האָט מאָן אָנגעפֿאַנגען צו לויבען די גוטע ווייגען און די שפּייזען. ענדליך האָט מאָן גענומען בעוואונדערן דעם שאָנען וועטער, די פּראַכֿטפֿאָללע נאַכֿט, אין וועלכֿער עס וועט זיין אַזוי אַנגענעהם רייזען. פֿון דיעזע געגענשטאַנדען איז מאָן אַריבער צו פּאָליטיק, נאַכֿהער ווידער צו די סאָלדאַטען, צו דער רייזע אויף דעם מעער, און זאָ ווייטער. וואָס ווייטער האָט מאָן אַלץ העכֿער געשפּראָכֿען, פֿראָהליכֿער געלאַכֿט, מאָן האָט אויסגעליידיגט איין גלאָז נאָך דער

אַנדערע, ביז אַלע געזיכטער זייען גע־
וואָרען רויטה. די אויגען האָבען גענומען
בלישטשען, און די צינגען האָבען זיך
גענומען פּלאָנטערן, דאָס איין וואָרט
האָט ניט געקלעפּט צום אַנדערן. יעדער
איז פאַרטרעפליך אַריין אין זיין ראָלע
און האָט בייגאַהע אַליין ניט בעמערקט
ווי וואונדערבאַר ער האָט איהר געשפּיעלט.
אָבער וואָס מעהר די גאַסט האָבען פער־
געסען דעם הויפּט צוועק פון דיעזער
פערזאַמלונג, וואָס מעהר זיי זייען געוואָרען
פראָהליך, איז אַלץ מעהר אונרוהיג געוואָרען
דער לייטענאַנט, וואָס האָט אויסגעדריקט
אויפ׳ם געזיכט דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען
ביי איהם אים הערצען. איבעריגענס,
האָט דאָס קיינער ניט בעמערקט, אויסער
דעם דאָקטאָר, וואָס האָט ניט אויפגעהאָרט
אידם צו מאַכען מונטער, צו שטאַרקען
אין איהם די האָפנונג, און וואָס האָט
שטילערהייט פון וויטען אַכטונג געגעבען
אויף קאַרמעלאַ. זי איז אַלץ געשטאַנען
אונבעוועגליך אויף איין אָרט און האָט
אויפמערקזאַם געקוקט אין שפּאַלט.

דער דיענער האָט אָבגעהיט אַ מינוט
וואָס קיינער זאָל איהם ניט בעמערקען
און איז אַרויסגעגאַנגען.

אין דער בעשטימטען צייט, ווי מאַן
האָט פריהער שוין אָבגערעדט, זייען

אַריין אין צימער דריי סאָלדאַטען, האָבען אַרויפגעוואָרפען אויף זיך די דריי פול אָנגעפּאַקטע רייזע זאַק און זייען אַוועקגעגאַנגען. קאַרמעלאַ האָט אַכטונג געגעבען אויף אַלץ, וואָס זיי האָבען גע־טהאָן, האָט זיי בעגלייט מיט די אויגען ביז אין פאָרהויז, און נאָכהער ווידער גענומען קוקען אויפ'ן טיש.

דער דאָקטאָר האָט עטוואָס אַיינגעראַמט דעם סינדיק אין אויעהר.

— איך לייג אַפּאָר צו טרינקען, — האָט יענער גלייך אויסגערופען אויפ־שטעהענדיג מיט אַפולע גלאָז וויין אין האַנד! — איך לייג פאָר צו טרינקען פיר געזונד און וואָהל פון אונזער בראַווען לייטענאַנט, פונ'ם הויפטמאַן איבער דעם העלדענמוטהיגען גאַרניזאָן, וואָס רייזט יעטצט אָב פון אונז, אָבער וואָס בלייבט אויף אימער און אייביג אין אונזער דאַנקבאַרען הערצען, ווי אַיין אונשטערב־ליכער אייביגער אַנדענקען פונ'ם בראַווען פאָלק, וואָס שטעהט אונטער דעם בראַווען...

ער האָט זיך פערפּלאָנטערט און ניט געוואוסט ווי צו ענדיגען. ער האָט גע־קלאָרט אַ מינוט און מוטהיג אויסגערופען:

— עס לעבע דער אָפרייזענדע לייטענאַנט!

און אַלע איבעריגע גאָסט, פֿערגיעסענדיג מיט ווײן דעם טישטוך און קלינגענדיג מיט די גלאָזער, האָבען דערלאַנגט אַ געשריי נאָך איהם:

— עס לעבע דער אָברייזענדע לײטענאַנט!

דער סינדיק האָט זיך אַוואָרף גע־טהאָן אויף זײן שטוהל.

מאָן האָט געמאַכט נאָך עטליכע אזאָלכע לְחַיִים׳ס און נאַכהער האָבען אַלע ווידער גענומען פלוידערן וועגען פּאָליטיק, ווײן, מיליטאָר, שטרייטען און וועגען דער אָברייזע וואָס עס דאַרף באַלד געשעהען.

— זינגט אונז וואָס עס איז פֿאַר, — האָט דער דאָקטאָר פֿאָרגעלייגט דעם סבאָרשטשיק.

די איבעריגע האָבען דאָס אויך געבעטען דעם סבאָרשטשיק. יענער האָט זיך אַביסעל געקרימט, געלאָזט בעטען. נאַכהער האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן, גענומען די גיטאַרע און געזונגען איינִיגע פֿערזען.

די גאָסט האָבען איהם געשטאָרט, ניט אויפֿהאָרענדיג צו רוישען.

— יעטצט לאָזט מיך! — האָט אויסגעשריען דער לייטענאַנט. אַלע זייען געבליעבען שטיל.

ער האָט גענומען די גיטאַרע, האָט איהר צורעכט געמאַכט. איז אויפגעשטאַנען און מיט אַ מינע ווי עס וואָלט איהם ניט אויסגעמאַכט צו זינגען וואָס עס איז, האָט ער גענומען זינגען.. ער איז געווען שרעקליך בלאַס און די האַנד האָבען זיך ביי איהם געטרייסעלט, אַזוי ווי אין פיעבער. דענּאָך האָט ער אויסגעזונגען זיין ליעדעל מיט'ם גראָסטען געפיהל און וואונדערשאַן:

געבען דיר, מיין קאַרמעלאַ,
וואָלט איך גערן מיין לעבען פערבראַכט —
מיט פערגעניגען און זעלע
דיך אָנקוקען ווי טאָג און ווי נאַכט;
מיט ליעבע אין די בליקען
דיך קוסען אין די ליפען!

קאַרמעלאַ האָט זיך זעהר אויפמערקזאַם איינגעהאָרכט. זי האָט אויסגעזעהען אַזוי ווי שרעקליך פערטיעפט אין געדאַנקען.

— פאָרטרעפליך! אויסגעצייכענט! בראַוואָ! איהר זינגט ווי אַ נאַכטיגאַל! — האָבען געשריען די גאָסט.

דער לייטענאַנט האָט ווייטער געזינגען:

אין דיין שויס, מיין קאַרמעלאַ,
פון ליעבע פערוויעגט,

די קאָפּ צו דיין הערצען געדריקט,
וואָלט איך גערן, מיין זעעלע,
מיין עוויגען שלאָף אָנגעפאַנגען,
מיט דיר צוזאַמען פון דער וועלט געגאַנגען!

דאָס זייען געוועזען דיזעלבע ווערטער, דיזעלבע מעלאָדיע, דיזעלבע אומשטאַנ־דען — אַלץ דאָסזעלבע ווי דאַמאָלס, אין יענעם אָבענד.

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָבען געשריען די גאַסט.

דער לייטענאַנט איז אָהן קראַפטען געפאַלען אויף אַ שטוהל. די גאַסט האָבען ווידער גענומען לאַרמען. קאַרמעלאַ איז געשטאַנען אונבעוועגליך אויף איין אָרט ווי אַסטאַטוּע, אויסגעשטעלט די אויגען אויפ'ן לייטענאַנט. דער דאָקטאָר האָט אין דער שטיל אַכטונג געגעבען אויף איהר.

שטילער! — האָט אַגעשריי געגעבען דער אָפיציר: — האָרט זיך איין!

אַלע זייען שטיל געבליעבען. מאָן האָט געעפענט אַ פענסטער און אין צימער האָבען פונ'ם פּלאַטץ אַריינ־געדרינגען פראַהליכע קלאַנגען פון פלייטען און פידלען, און שטימען פון אַ מענגע מענשען: דאָס איז געוועזען דער אָרכעסטער פון שטאָדטעל. אַרומגערינגעלט כּמעט מיט אַלע איינוואָהנער, וואָס האָבען גע־

מיינט דאָס דער גאַרניזאָן פֿאָהרט שוין ווירקליך אַוועק.

קאַרמעלאַ איז אויפֿגעציטערט געוואָרען און האָט זיך אומגעקעהרט צום פֿענסטער. איהר געזיכט איז געוואָרען בעלעבט, און איהרע אויגען האָבען אָנגעפֿאַנגען צו קאָכען און צו פינטלען, אַזוי ווי איה־ האָט זיך געוואָלט האָרען די מוזיק און אויך ניט אויסענלאָזען קיין זאַך, וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט די מענשען אין צימער. ווי דער אָרכעסטער האָט אויפֿגעהאָרט שפּיעלען, האָבען אַלע אויפֿ'ם פּלאַטץ גע־ קלאַפּט אין די האָנד, „געפּאַטשט בראַוואָ" פונקט ווי פֿאַר דריי יאָהרען.

אין דיעזער מינוט איז דער דיענער האַסטיג אַריין אין צימער און געזאָגט אין דער הויך!

— הערר לייטענאַנט! דער דאַמפּפֿער וואַרט אויף אייך.

דער אָפֿיציער איז אויפֿגעשטאַנען און געזאָגט:

— עס איז צייט צו פֿאָהרען.

קאַרמעלאַ האָט אָנגעשטעלט אויף איהם די אויגען.

אַלע האָבען זיך שנעל אויפֿגעהויבען און זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם אָפֿיציער.

אין דיעזער מינוט איז שטילערהייד, קיינער זאָל ניט בעמערקען, אַריינגעלאָפֿען

אין צווייטען צימער קאַרמעלאַס מוטער און האָט איהר טאָכטער צאַרטליך אַרומ-גענומען מיט די וואָרטער:

— קלעם זיך ניט! אין צוויי מאָנאַטען אַרום קומט ער צוריק!

קאַרמעלאַ האָט איהר שטאַרק אָנ-געקוקט האָט זיך אַרויסגעריסען פון איהרע אַרמע און שטילערהייד שאָקלענד מיט'ם קאָפּ געוואָרפען איהרע בליקען אויפ'ן לייטענאַנט.

די גאָסט האָבען איהם געדריקט די האַנד זיי האָבען געמאַכט אַרום איהם א גרויסען לאַרם: גליקסווינשע, אויס-דריקע, געריסע האָבען זיך צוזאַמענגעמישט אין איין אונדייטליכען גערויש. ער האָט זיך אַ רומגעגאַרטעלט דעם שווערד, אָנ-געטהאָן די קעפּי, די רייזע טאַשע...

קאַרמעלאַ האָט אין דיעזער צייט אויפגעאָפענט די טהיר, געטהאָן אַטריט נאָהנטער אין ערשטען צימער און מיט אויגען, וועלכע עס האָבען פלוטצלינג אָנגעפאַנגען צו לייכטען מיט פערשטאַנד, האָט זי בעטראַכט דעם לייטענאַנט, די גאָסט דעם דיענער, איהר מוטטער נעבען זיך. נאַכהער האָט זי זיך גענומען רייבען מיטביידע האַנד דעם שטערען, ציטטערענדיג מיט'ם גאַנצען קאָרפּער. אויפ'ם פּלאַטץ האָט וויעדער אָנגעפאַנגען

צו דאָנערן די מוזיק, באַלד האָט מאָן ווידער געקלאַפּט אין די האַנד...

— עס איז צייט צו פאָהרען! — האָט שאַרף אויסגעשריען דער לייטענאַנט און גענומען געהען צו דער טהיר.

פון קאַרמעלאַס הערץ האָט אַרויסגעשפּאַרט אַ הויכער, פערצווייפלונגספאָלער, הערצרייסענדער געשריי, זי איז צוגעלאָפען צו איהם, האָט מיט איין אונמענשליכע קראַפט אַרומגענומען און בעדעקט מיט ווילדע פייעריגע קוסען, שרייענד, וויינענד, יאָמערנד און זייפצענד, האָט איהם געדריקט צום ברוסט מיט ענטציקונג און פייער, ווי אַ מוטטער וואָס האָט ווידער געפונען איהר קינד, וואָס עס האָט נאָך מיט אַ ווייילע צוריק שיעור זיך ניט ערטרונקען. נאָך איינינע מינוטען האָט דאָס אונגליקליכע מאַדכען פלוטצלינג פערלאָרען די געפיהלע און געפאַהלען אין אָהנמאַכט צו די פיס פונ'ם לייטענאַנט...

קאַרמעלאַ איז געוואָרען פאָלקאָמענד געזונד.

אין פיער מאָנאַטען אַרום, אין אַ פּראַכטפאָלע נאַכט פון סעפּטעמבער, האָט זיך אין דעם האַפען פונ'ם שטאָדטעל אָבגעשטעלט אַ דאַמפּפער, וואָס איז געגאַנגען פון טוניס. נאַכהער איז ער אַריין אין אָפענען

מעער און גענומען שנעל שווימען צו די ברעגען פֿון סיצילִיען. אַלע רייזענדע זייען געשטאַנען אויף דעם פֿערדעק און אין דער שטיל בעטראַכֿט דעם העלען נאַכֿט־הימּמעל, דאָס רוהיגע מעער, וואָס וואַר בעלויכֿטעט מיט׳ם העלען ליכֿט פֿון דער לְבָנָה.

אָבגערוקט אָן אַ זייט פֿון די איבעריגע, זייען געשטאַנען צווי רייזענדע — אַ יונגער מאַנן מיט אַ יונגע פֿרויענצימּמער.

דאָס איז געוועזען קאַרמעלאַ און דער לייטענאַנט. זי האָט געקוקט אַרום זיך, אַ בליק געטהאָן אויף דעם העל בעלויכֿטענען מעער, אויף דעם אינזעל, וואָס איז אימּמער געוואָרען ווייטער פֿון זיי, אויף איהר מאַנן, און האָט אויסגעשפּראָכֿען:

— דאָס איז איין פּראַכֿטפֿאָלער טרוים!

— ניין, מיין אָנגעל! — האָט דער יונגערמאַנן צאָרטליך געאַנטוואָרטעט: — דאָס איז איין אויפֿוואַכֿונג!

און דער דאַמפּפֿער איז געפֿלויגען פֿאָרווערטס, אַזוי ווי דער ווינד וואָלט איהם טראָגען...

מאקס נאָרדאו.

ליעבע און פאטערלאנד.

דער זאַאל איז ניט איבעריג גרויס, אָבער ער זעהט אוים זעהר פריינדליך און לוסטיג. עס איז אַ פערגעניגען אין איהם צופערברייגען. מען פיהלט זיך היימיש אין דיעזעם צימער, וואָס איז אויפגעפוטצט מיט פיינעם מאָבעל, מיט פיעל געשמאַק. אַ הויכער פראָכטיגער אויווען פון ווייססע קאַכלעם פערברייטעט איבעריס צימער אַ זיססע וואַרימקייט, און אַ גראָססאַרטיגע האָנג-לאַמפע לייכטעט מיט אַ ווייכען פייער, וואָס איז זאָ ליעב, זאָ אַנגענעהם פיר איינע רוהיגע אונטערהאַלטונג.

אונזער געזעללשאַפט איז בעשטאַנען פון אַכט ביז צעהן פערזאָן. מיר זיינען זיך געזעסען אויף בעקוועמע זאַמעטענע פאָטעלען. פאַר יעדעם פון אונז איז געשטאַנען אַ ביגעזישע טאַסע מיט הייסען וואָהלריכענדען טהעע. דער גראָסטער טהייל פון אונז זיינען געוועזען

דאַמען, און אַבוואָהל די געשיכטע האָט פּאַס־סירט אין דער „פוטער וואָך"*), דעננאָך האָבען מיר ניט געשפּראָכען פון באַללער און אָפפענטליכע פערגעניגונגען, וואָס קוממען פאַר געוואָהנליך אין דיעזער צייט. יעצט פערשטעהע איך אַלליין ניט ווי אַזוי עס איז אונז אין אַזאַ צייט איינגעפאַללען זיך צו בע־שאֶפטיגען מיט פהילאָזאָפישע פראגען; אָבער די מעשה איז דאָך אַזוי, אַז עס איז ביי אונז געקוממען צו רעד די פראַגע: וועלכעס גע־פיהל איז שטאַרקער, פרויענליעבע אָדער פאַטערלאַנדס־ליעבע?

די מיינונגען האָבען זיך צוטהיילט: איינינע האָבען געזאָגט, דאָס פרויענליעבע ווירקט אויפ'ן גייסט פון דעם מענשען שטאַרקער און מאָכטיגער ווי פאַטערלאַנדס־ליעבע, און אַנדע־רע האָבען געמיינט גראַדע פערקעהרט.

— אָ! — רופט זיך אָב אַ פיין געוואַכסע־נעם שלאַנקעם פריילין, מיט אַש־בלאָנדע האָאר אונד העללבלאָע אויגען, וואָס איז נאָך קיין צוויי וואָכען ניט פערגאַנגען ווי זי איז מיט מזל אַ כלה געוואָרען, — אָ! איך בין פעסט איבערצייגט, דאָס די ליעבע איז אַ שטאַרקע־רעס געפיהל ווי דער פאַטריאָטיזם, דאָס קיין געפיהל אין דער וועלט איז נאָך ניט אַזוי מאָכטיג ווי ליעבע! די ליעבע האָט פיעל אָפטער וויא דער פאַטריאָטיזם געפיהרט צו

*) מאַסלעניצאַ.

העלדענטהאַטען, אונ זאָגאַר פֿיעל מענשען געבראַכט מיטים לעבען צו אָפּפֿערן!

וואָהרענד דאָס פֿריילין האָט אַזוי גערעדט, האָט זי געוואָרפֿען צאָרטליכע, ליעבע בליקען אויף איהר ברויטיגאַם, וואָס איז דאָ געזעסען געבען איהר און וואָס האָט וואַהרשיינליך בעדאַרפֿט אין דיעזע בליקע געפֿינען אַ סך אַ בעססערע ערקלאָרונג ווי אין איהרע וואָרטער.

דער גליקליכער ברויטיגאַם האָט אָבער ניט אין גאַנצען איינגעשטיממט מיט איהר. זיין מיינונג איז נאָמליך געוועזען, דאָס אין דער יוגענד ווירקט די ליעבע שטאַרקער און אין די עלטערע יאָהרען — דער פּאַטריאָטיזם.

— וואָס מיך בעטרעפֿט, — האָט זיך אָבגערופֿען, קנייטשענדיג דעם שטערן, אַ בעיאַהרטער דאָקטאָר — זאָ גלויב איך, דאָס אין דיעזעם פֿאַלל האָט זעהר פֿיעל צו זאָגען די נאַציאָן אָדער די ראַססע פֿון דעם מענשען, וואָרום פֿערשיעדענע נאַציאָנען און ראַססען האָבען פֿערשיעדענע נאַטורען אונ איינגענשאַפֿטען. דער קאַלטבלוטיגער מאַנן פֿונם קאַלטען נאָרדלאַנד איז פֿאָהיגער זיך צובעגייסטערן פֿיר דעם ריינעם געדאַנק פֿון פֿאַטערלאַנד; דער איינוואָהנער אָבער פֿון די הייסע זידלאָנדער ווערד, פֿערקעהרט, אָפֿטער איינגענאָממען פֿיר א געשאָפֿף פֿון פֿלייש און בלוט. אַ שוועד אָדער איין ענגלאָנדער איז אים

שטאַנדע גיכער זיך צו אָפּפּערן פּיר זיין פּאטערלנאַד, אַלס פיר זיינע געליעבטע, אָבער איך צווייפּלע, איך קאָנן ניט זאָגען אויף געוויס, אויב דאָס זעלבע וועט אויך טהאָן איין איטאַליענער אָדער איין הישפּאַניער.

צווישען דער גאַנצער געזעללשאַפּט האָט זיך מעהר ווי אַללע געוואָרפען אין די אויגען פּרוי ג. דאָס וואַר אַ גראָסאַרטיגע דאַמע, אויף וועלכע די יאָהרען האָבען אַזוי ווענינ געווירקט, דאָס אַפילו ניט קיין קאָמפּלימענט-מאַכער וואָלט אויך ניט געזאָגט דאָס זי איז אַלט פּיערציג יאָהר. איהר פּיינעס עדעל גע-געשניטענעם געזיכט איז געוועזען אומגעבען מיט גלאַנץ=שוואַרצע האָאר. פּייערדיגע שוואַרצע אויגען, אַ געשניטצטער נאָז, שאָנע ליפּפּען מיט קוים מערקליכע קליינינקע זאַמעט האָארעלאַך, פּאָללע, רונדע, געזונדע באַקען צוזאַממען מיט אַ צאַרט ברונעטען פּאַרב האָבען גענוג געגעבען אין איהר צו ערקענ-נען אַ זידלאָנדישען טיפּ, און ווענן דאָס איז נאָך ווענינ געוועזען, האָט מען אָן איהר אויסשפּראַכע גלייך געקאָננט ערקעננען דאָס זי איז ניט אַ געבאָרענע דייטשין, זאָנדערן איינע אויסלאָנדערין.

ביזהער האָט פּרוי ג. געשוויעגען און זיך נאָר גוט צוגעהאָרט צו דעם, וואָס אַנדערע האָבען געשפּראָכען, אָבער ביי דעם דאָקטאָרס לעצטע וואָרטער האָט זי אַ שמייכעל

געטהאָן אונ געפֿונען פֿיר נאָטהיג זיך אַריינ־צומישען.

— דאָס וואָס זיי האָבען דאָ געזאָגט, הערר דאָקטאָר, וועגען הישפּאַניער אונ איטאַליענער, אין דעם קאָנן איך ניט אין גאַנצען אַיינשטימען, אויב זיי ערלויבען, וועל איך זיי ערצאָהלען אַ געשיכֿטע וואָס האָט פּאַססירט מיט מיר זעלבסט. דיעזע געשיכֿטע וועט זיי בעווייזען, דאָס אַמאָל, ביי געוויסע אומשטאַנדען, ווירקט אויף אַיין איטאַליענער אויך שטאַרקער דער פּאַטריאָטיזם אַלס די ליעבע.

אָן די אויפֿמערקזאַמקייט, מיט וועלכֿער אַללע געזיכֿטער האָבען זיך צוגעוואָנדט צו דער שאָנען שפּראָכֿערין, האָט מען לייכֿט געזעהן, דאָס אַללע פֿערלאַנגען, זי זאָלל ערצאָהלען איהר געשיכֿטע.

— זיי ווייסען, — האָט זי אָנגעפֿאַנגען, — דאָס איך בין פֿון מיילאַנד, איך האָב מיין געבורטסשטאָדט פֿערלאַסען ניט מעהר ווי פֿאַר צעהן יאָהרען, צוליעב מיין מאַנן, וואָס האָט דאַמאָלס געמוזט קוממען אַהער. איך וואַר אַ מאָדכען פֿון אַכֿטצעהן יאָהר אין דער צייט, וואָס די אָסטעררייכֿישע רעגיערונג האָט אין לאָמבאַרדיע און אין ווענעציע (אין איטאַליען) אַיינגעשטיקט דעם מיאַטעזש. דער מאַרשאַל ראַדעצקי איז אַריין אין מייל‍אַנד מיט אַ גאַנצע מאָכֿטיגע אַרמעע. דאָס „שווערד פֿון איטאַליען“

איז צובראָכען געוואָרען... יעדער פּאַטריאָט האָט זיך געמוזט מיט אַ בלוטיגעם הערץ ענטזאַגען פון זיינע שאָנע האָפנונגען, וואָס עס האָט זיך איהם געדאַכט, דאָס באַלד, באַלד ווערען זיי שוין ערפילט. אָ! ווענן זיי האָבען דאַן ניט געלעבט, קאָננען זיי זיך קיין בעגריף מאַכען פון אונזערע ליידען אונ שמערצען. די שטאָדט וואַר בעלאַגערט פון מיליטאָר, אונ דאָס האָט אונז דאָס לעבען פערביטערט. מיר האָבען זיך געמוזט ענט־זאַגען פון אונזערע ליעבליכסטע געוואָהנהיי־טען. מיר האָבען אין ערגענדס ניט געקאָנט געהן שפּאַציערען, ווייל אויף יעד׳עם טריט פלעגט מען אָנטרעפען די פערהאַסטע אָסטעררייכישע סאָלדאַטען אונ אָפיציערען, וועלכע האָבען אונז בעליידיגט. יעדער פון אונז האָט געמוזט שטאָנדיג זיצען ביי זיך אים הויזע צווישען די אייגענע פיער וואָנד, און זיי קאָננען זיך ניט פאָרשטעללען, ווי דאָס פערפינסטערט העם לעבען פון איין איטאַליענער!

גראַדע אין דיעזער צייט בין איך בעקאַננט געוואָרען מיט אַלבערט ג., מיין יעצטיגען מאַנן. ער וואַר מיין ברודערס פריינד אונ שטודירטע צו גלייך מיט איהם אינ־זשיניער. אַלבערט איז געוועזען אַ שאָנער יונגער מאַנן אונ אַ גוטער קאַמעראַד, אונ אין יענער פינסטערער צייט בין איך פון זיינע

בעזובֿע געוועזען דאָפּפּעלט צופֿריעדען.
באַלד האָב איך אויך איינגעזעהען, דאָס איך בין פֿון דעם נאך מעהר ווי צופֿריעדען.
אָנפֿאַנגס פֿלעגט ער נאָר קוממען צו אונז צוזאַממען מיט מיין ברודער, און גלייך מיט איהם אויך אַוועקגעהן. מיט דער צייט האָט ער אָנגעפֿאַנגען אַלליין אויך הערייינצוקוממען.
ענדליך, איז ער געוואָרען ביי אונז אַ טאָגליבֿער גאַסט, און אַזוי ווי מיינע עלטערן האָבען אויך גאָר ניט געקאָנט האָבען געגען זיינע בעזובֿע, פֿלעגט ער זיך איממער לאָנגער און לאָנגער פֿערזאַממען ביי אונז און שטונדענלאַנג מיך אונטערהאַלטען מיט זיינע קלוגע און פֿראָהליבֿע פלוידערייען.

קורץ דערפֿון, עס האָט ניט פֿיעל גע־דויערט און מיר זיינען געוואָרען שטאַרק צו־געבונדען איינער צום אַנדערען און האָבען געפֿיהלט איינער צום אַנדערען דאס גראָסטע צוטרויען. איין מאָל איז ער, ווי געוואָהנליך, געזעסען ביי מיר אַ גאנצען נאָכמיטטאָג און האָט מיר פֿאָרגעלעזען אַ בוך. פֿלוטצלינג בעט ער, איך זאָלל איהם ערלויבען פֿער־רויכען אַ ציגאַר.

— ווי? — האָב איך איבעראַשט אויס־גערופֿען — זיי רויכֿען?!

אום זיי זאָללען פֿערשטעהן מיינע איבער־ראַשונג, מוז איך זיי זאָגען, דאָס איך האָב דאַמאָלס געפֿיהלט אַיין עקעל צו די מאָננער

וואָס רויכֿען טאַבאַק. מיין ברודער האָט ניט גערויכֿט, און איך האָב זיך איהם ניט געקאָנט זאַט אָנלויבען דאַפֿיר, וואָס ער האָט ניט דיעזע האָסליכֿע עקעלהאַפֿטע געוואָהנונג. אויסער דעם, האָב איך ביי הונדערטע געלעגענהייטען ערקלאָרט, דאָס איך בין אים שטאַנדע אַללעס אין דער וועלט איבערצוטראָגען, נאָר ניט צו קוסען אַיין מאַנן, וואָס בעשמוטצט זיינע ליפּפּען מיט דעם אַבשייליכֿען טאַבאַק. ביז אַהער האָב איך ניט געוואוסט, דאָס אַלבערט געהאָרט אויך צו דיעזע לייטע, ווייל ביי מיר אים צימּמער האָט נאַטירליך קיינער ניט גערויכֿט, און אַנדערס וואו האָב איך קיינע געלעגענהייט געהאַט צו בעמערקען ביי איהם דיעזען פֿעהלער.

דער שטרענגער טאָן פֿון מיינער פֿראַגע האָט אַלבערט'ן געבראַכֿט אין פֿערלעגענהייט.

— יאַ, איך רויכֿע, — האָט ער קוים געקאָנט אויסרעדען. — אָבער וואָס פֿיר אַיין אונגליק שטעקט דאַראַן?

— קיין אונגליק שטעקט ווירקליך ניט אין דעם, — האָב איך געאַנטוואָרטעט, — אָבער דאָס קאָנן איך זיי זאָגען, דאָס איך וועל ניעמאַלס הייראַטהען מיט אַיין מאַנן, וואָס נעמט אַ ציגאַר אין מונד. איך קאָנן אַזאַ מענשען ניט פֿערטראָגען, מיינע אויגען קאָננען איהם ניט אנקוקען; ער גרוילט מיר.

— אַלבערט האָט אֵיין וואָרט ניט געזאָגט און צוריק אַוועקגעלעגט דעם ציגאַר, וואָס ער האָט שוין געהאַלטען אין האַנד. נאַכהער איז ער אַ וויילע געזעסען פאַרקיממערט, און האָט באַלד אַבשיעד גענוממען.

— אויף מאָרגען איז ער ווידער געקוממע און האָט געמאַכט אַ פראָהליכען פנים, ווי עס וואָללט גאָר קיין זאַך ניט געטראָפען. ער האָט גלייך אָנגעצויגען אַ געשפראָך וועגען טאַבאַק־רויכער און ביי דעם לאַכענדיג געזאָגט, דאָס ער האָט זיך געסטערן פון מיר זעהר ערשראָקען. נאָר ער האָפפט, דאָס איך האָב דאָס ניט געמיינט אין ערנסט, דאָס איך וועל מיך צו זיין שוואַכהייט צוגעוואָהנען, און זאָ ווייטער. איך האָב אָבער אין דיעזעם פונקט קיין שפאַסס ניט פערשטאַנען. אַלזאָ האָב איך איהם ווידער גאַנץ ערנסט געזאָגט, דאָס איך קאָן קיין טאַבאַק־רויכער ניט ליידען און דאָס איך וועל מיך אים לעבען צו אַזאַ מאַנן ניט צו געוואָהנען. פיעל מעהר האָפפע איך, דאָס דעריעניגע וואָס וועט מיך ליעבען, וועט מיר ברענגען דיעם אָפּפער און וועט זיך מיינעטוועגען אָבגעוואָהנען פון דיעזע האָסליכע שוואַכהייט.

מיינע וואָרטער האָבען אַלבערטין אַראָבגעשלאָגען פון מוטה. זיין גייסט איז געקוממען אין אַזאַ צושטאַנד, וואָס יעטצט קאָנן

איך זיך דאָס אָן אַ געלאָכטער ניט עראינ־נערן. אָבער דאַמאָלס האָט עס מיר גע־נומען פֿאַר'ן האַרצען. פֿון דאַמאָלס אָן האָט זיך אויף זיינע ליפּפּען קיין שמייכעל בעוויע־זען, עס איז אָבגעשטאַנען פֿון איהם זיין גוטע לוינע און פֿראָהליכקייט און ער איז געוואָרען מיררייש, פֿלעגט שטאָנדיג ערבארמ־ליך זייפֿצען, זיינע אויגען וואַרען פֿערצויגען ווי מיט אַ וואָלקען. דיעזער שווערער צו־שטאַנד האָט ביי איהם געדויערט אַניעדך פֿון אַ וואָך. מיין הערץ האָט זעהר פֿיעל פֿון דעם געליטטען, איך האָב אָבער גאָר ניט געקאָננט אונ גאר ניט געוואָללט העלפֿען: אַלבערט האָט געמוזט אָדער אויפֿהאָרען צו־רויבען, אָדער אויף איממער מיט מיר זיך שיידען.

איין טאָג קוממט צו מיר מיין ברודער אונ האַלט מיך פֿאָר איבער מיינע דומהייטען. אַלבערט געהט אַרום ווי דער שאַטען אונטער אַ וואַנד, ער וואַגט מעהר ניט אַריינצוקומ־מען. אַלזאָ, — האָט מיין ברודער געזאָגט — זאָלל איך איהם מיט מיינע נאַרעשע קאַפּ־ריזין מעהר ניט קוואָללען, ניט אָנטהאָן קיין יסורים און ניט אַוועקנעהמען פֿון איהם זיין ציגאַר. ער האָט שוין געפּרופּט אויפֿהאָרן צורויבען, אָבער די געוואָהנהייט איז שטאַר־קער ווי דער ווילען, אונ ער קאָן נאָך ענדליך גאָר קראַנק ווערען.

דאָ האָב איך מיך שוין ניט געקאָננט איינהאַלטען אונ האָב איהם איבערגעהאַקט די רעד.

— אַלזאָ, — זאָג איך צו מיין ברודער, — איז אַלבערט דענן אַזאַ שוואָכלינג, דאָס ער האָט קיין קראַפט ניט, זיך צו ענטזאַגען פון אַזאַ קלייניגקייט? אויב ער ליעבט מיך, האָט ער מיר לאַנג בעדאַרפט טהאָן דיעזע געפאָללינקייט. יעטצט פאָרדערע איך דאָס ניט אַנדערס, וואָרום איך זעהע אין דעם אַ פראָבע פון זיין ליעבע.

מיין ברודער איז געוואָרען שרעקליך באַז ער האָט געלאַרעמט, געשריען, עס האָט אָבער גאר ניט געהאָלפען. איך בין געבלי־בען ביי דעם, וואָס איך האָב געזאָגט. — איך זאָלל אַללעס ערצאָהלען וואָס איז בין אונז נאָכהער פאָרגעקוממען, איז צו לאַנג. די לעצטע שורה איז, דאָס אַלבערט איז גע־קוממען צו מיר אונ האָט מיך מיט וויינענדע אויגען געבעטען, איך זאָלל מיך ענדליך ערבאַרמען אויף איהם און מעהר ניט זיין אַזוי גרויזאַם. ווי עס פאַסירט איממער ביי אַזעלכע געלעגענהייטען, האָב איך מיך אויך צו וויינט אונ געאַנטוואָרטעט:

— נון גוט, איך וועל דיר צייגען, דאַס מיינע ליעבע איז שטאַרקער ווי דיינע. דו האָסט צוליעב מיר זיך ניט געקאָננט ענט־זאַגען פון דיין געוואָהנהייט, אונ איך וויל

צו ליעב דיר פרופֿין מיין אָבשיי געגען טאַבאַק צו בעזיעגען.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָבען מיר גע־הייראַטהעט. אַלבערט האָט גערויכֿט ווי פֿאָר דעם; דעננאָך האָט דאָס מיר וועניג גע־שטאָרט, איך זאָלל מיך פֿיהלען מיט איהם זעהר גליקליך. די אונפֿריינדליכֿע צייט פֿון אונזערע ביידענס אונצופֿריעדענהייט איז באַלד ביי מיר פֿון זיננען אַרוים. אָבער אֵיין מאָל, עס איז שוין אַוועק אַהיבשע צייט, האָב איך מיך גאָר אונגעריכֿט ווידער ער־מאָהנט די געשיכֿטע.

דאָס איז געשעהן אין זעכּס מאָנאַטען אַרום נאַך מיינער הייראַטה. נאָמליך, איך האָב אַ מאָל בעמערקט, דאָס אַלבערט פֿער־רויכֿט ניט נאָכֿ׳ם אַבענד־ברויד, ווי געוואָהנ־ליך, זיין ציגאַר. דאָס האָט מיך זעהר פֿער־אינטערעסירט. איך האָב מיך ביי זיך גע־וואונדערט; אָבער איך האָב געמיינט, דאָס איז בלויז אַ צופֿאַלל: עס איז אויסגעגאַנגען ביי אַלבערט זיינע ציגאַרען, אָדער וואָס אַנדערס. אויף מאָרגען, זעה איך אָבער דאָס זעלבע: מיין אַלבערט רויכֿט ניט. אויפֿ׳ם דריטטען טאָג — ער רויכֿט ווידער ניט. דאַן איז שוין דאָס מיר אַריין אין נאָז. וואָס זאָלל דאָס בעדייטען? — האָב איך געטראַכֿט, — טהוט יעצט אַלבערט צו ליעב זיין פֿרוי, פֿון אֵייגענען פֿרייען וויללען, דאָס,

וואָס בשעת איך וואַר נאָר זיין כלה האָב איך ביי איהם ניט געקאָנט אויספיהרען זאָגאַר מיט מיינע פּיעלע ביטטען? — ביי דיעזעם געדאַנקען איז מיין הערץ געשפּרונגען פון פרייד, אונ (לאַכט ניט פון מיר) — איך האָב מיך געשאָטצט פיר די גליקליכסטע פרוי אין דער וועלט. איך האָב מיך בע־שלאָססען וויטער אַכטונג צו געבען, אום זיך אין דעם צו איבערצייגען, אונ איך האָב מיך די בעסטע זאַכען ערקונדיגט. אַלבערט'ס ציגאַרענקאָסטעל איז געשטאַנען אופ'ם שרייב־טיש אַ ליידיגע. זיין שאָנער בערנשטיינענער ציגאַרענשפּיטץ, וואָס ער פּלעגט אָהן איהם אַ טריט ניט טהאָן, איז געלעגען אויף פּאַפּיער אָנשטאָט אַ בריעפּדריקער. קיין צווייפעל, אַלזאָ, דאָס אַלבערט האָט אויפגעהאָרט צו רויכען.

דאָ האָב איך מיך שוין ניט געקאָננט איינהאַלטען אויסצודריקען מיין פרייד און מיין גליק:

— אַלבערט, זאָג איך צו מיין מאַנן, — דו ביזט אַ וואַהרער ענגעל! עס איז דיר נאָך וועניג, וואָס דו געוואָהנסט דיך צו ליעב מיר אָב פון רויכען, ביזט דו נאָך דערצו אזוי צאַרט, אַזוי מילד, דאָס דו רעדסט וועגען דעם אַ וואָרט ניט און בעקלאָגסט דיך ניט אויף דאָס מינדעסטע איבער די שמערצען, וואָס דו האָסט דערפון. — ביי

דיעזע ווערטער האָב איך איהם אומגעאַרמט און בעדעקט מיט הייסע קוססען.

אָבער צו מיין ערשטוינען, האָב איך מיט מיינע צאַרטליכקייט געבראַכט אַלבערט'ן אין פערלעגענהייט, ער האָט זיך אָבגעווענדעט פון מיינע אַרמען און מיר ניט געקאָננט גלייך קוקען אין די אויגען. עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פיינליכע פויזע. ענדליך, זאָגט אַלבערט, שטאַמעלנד און מיט אַהאַלבען מויל, צו מיר:

— זעהסט דו, זיסעס ווייבכען, איך האָב זיך געקאָננט פערשטעללען און שפיעלען די ראָלע פון אַ גראָסמוטהיגען מאַנן, וואָס איז פערטיג צוטהאָן אַלסדינג אין דער וועלט צו ליעב זיין פרוי, אָבער איך ליעב בעסער די וואַהרהייט. אַלזאָ, מוז איך דיר זאָגען, דאָס איך האָב מיך ענטזאַגט פון ציגאַרען ניט צו ליעב דיר, נאָר צו ליעב דעם פאַטערלאַנד! דו ווייסט דאָך, דאָס די אָסטערררייכישע רע-גיערונג האָט ביי אונז אַיינגעפיהרט טאַבאַק מאָנאָפאָל. אַלזאָ, איז ביי אונז געבליעבען, דאָס יעדער פאַטריאָט זאָלל זיך ענטזאַגען פון רויכען און דאַדוריך, ווי ווייט מאָגליך איז, פערקלייגערן די אַיינטראַגע פון אונזערע פיינדע. ביי דיר קאָנן דאָס אויסקוממען אַ קלייניגקייט, וואָס איז ניט ווערטה דערמיט זיך צופערנעהמען; אָבער ווענן מען קאָנן דעם פיינד מיט דעם שווערד ניט שלאָגען,

שמעכט מען איהם מיט דער נאָדעל.

— איך וועל זיי ניט לייקענען, — האָט פרוי ג. געזאָגט, דאָס איך בין עטליכע טאָג דעראיבער געוועזען מיט אַלבערט'ן אונצופריעדען. ענדליך, אָבער, האָב איך מיך די זאַך בעססער בערעכענט און האָב מיך בעשלאָסען צו צייגען, דאָס איינע איטאַליענערין קאָנן זיין פאַטריאָטיש, און ליעבען דאָס פאַטערלאַנד ניט וועניגער ווי אַיין איטאַליענער. איך האָב מיין מאַנן פערצייהט און איהם זאָגאַר געלויבט, וואָס ער האָט זיך בעשלאָסען צו טהאָן אַזאַ זאַך, וואָס איז אין מיינע אויגען געוועזען אַ וואַהרע העלדענטהאַט.

— דער געדאַנקען, דאָס דו ליעבסט אַ געגענשטאַנד מעהר ווי מיך, מאַכט מיר נאָר דעראיבער קיין פערדרוס, — האָב איך איהם געזאָגט, — ווייל דיעזער געגענשטאַנד איז דאָס פאַטערלאַנד.

— זיי זעהען' אַלזאָ, — האָט געענדיגט פרוי ג. זיך וועגדענדיג מיט אַ שמייכעל צום דאָקטאָר, — זיי זעהען, דאָס ביי דעם איטאַליענער איז אויך דער פאַטריאָטיזם מאַכטיגער ווי די ליעבע, דאָס דער איטאַליענער האָט אויך דעם ריינעם געדאַנק פון פאַטערלאַנד געאָפּפערט דעם ציגאַר, וואָס ער האָט זיך פון איהם ניט געוואָללט ענטזאַגען צו ליעב אַ וועזען פון פלייש און בלוט.

אמוס גזורדאו.

אײנע אײזענבאהן געשיכטע.

די פֿענסטער פֿון דער רעסטאָראַציאָן
וואַרען אָפֿפֿען. די פֿרישע, ריעכֿענדע לופֿט
פֿון דער פֿריהלינגסנאַכֿט האָט אַריינגע=
שטראָמט פֿון דרויסען אין זאַאל און געשטרי=
מען מיט די טאַבאַקוואָלקענס פֿון די רויכֿער.
דורך די פֿענסטער האָט זיך געזעהען דער
טיעפֿבלאָער הימעל אונ דער פֿאָלער מאָנד
מיט זיינע בלאָליך שיממערנדע שטראַהלען,
וואס זיינען דורכֿגעדרונגען דורך די יונגע
בלאָטער פֿון די בוימער, וואָס האָבען געבליהט
פֿאַר די פֿענסטער אונ זיך זאַנפֿט געוויגט
הין און הער. אָבער אונזער געזעללשאַפֿט,
וואָס איז פֿון לאַנג אָן געוואָהנט געוועזען
יעדען אָבענד היער צוזיטצען אין איהר בע=
ליעבטען ווינקעל און געמיטהליך צו פלוי=
דערן, איז געוועזען זעהר ווייט פֿון פאָעטישע
בעטראַכֿטונגען. צום גרעסטין טהייל זיינען
געוועזען אין דיעזער געזעללשאַפֿט פראָסטע

עהרליכֿע לייט, וואָס אַ העללע גאַזע בעלייכֿטונג האָט ביי זיי געהאַט פֿיעל מעהר ווערטה, ווי דער האַלבליכֿטיגער מאָנדשיין, און וואָס האָבען מעהר געהאַלטען פֿון אַגוטען אָבענדשפּייז, ווי פֿונים צויבער פֿון דער שאָנסטען פֿריהלינגסנאַכֿט. אָנפֿאַנגס האָבען מיר זיך אונטערהאַלטען מיט געוואָהנליכֿע שטאָדט נייעס; ביסלאַכֿוויים אָבער איז אונזער געשפּראָך אַריבערגעגאַנגען אין פֿלוידערין וועגען פּאָליטיק, טהעאַטער, קאָנצערטען, מאָדען, און נאָך אַזעלכֿע וויכֿטיגע געגענשטאַנדען, אַזוי ווי דאָס געשיעהט אַללע מאָל. איך געדענק יעטצט ניט ווי אַזוי עס איז געקומען צו רעד וועגען די פֿראַגע, צו איז דאָס ווירקליך וואַהר וואָס מען זאָגט, דאָס אַמענש קאָנן פֿון אַהעפֿטיגע געמיטהס בעוועגונג, פֿון אַשרעק אָדער אַגרויסען אונגליק — פּלוטצלינג ווערען גראָ? איינינע פֿון אונז האָבען יאַ געגלויבט, ניט געגלויבט אין די ריכֿטיגקייט פֿון אַנעקדאָטען, וואָס מאָן ערצעהלט וועגען דעם; אַנדערע אָבער האָבען זיך שטאַרק אויסגעלאַכֿט און אָהן ערבאַרמען חוזק גמאַכֿט פֿון די נאַרישע מענשען, וואָס קאָנען גלויבען אין אַזעלכֿע באָבע מעשות.

בשעת דאָס געשפּראָך וועגען דעם האָט געהאַלטען אין רעכֿטען ברענען, איז פֿון אַטיש דערביי אויפֿגעשטאַנען און צו געגאַנגען צו אונז אַ מאַנן, וואָס מיר האָבען ביז אַהער

אויף איהם גאָר ניט געקוקט. ער וואַהר אונגעוואָהנליך הויך געוואַכּסען מיט אַקאָרפּערגעבוי פֿון אַריזע. זיין אינטעלליגענטנע געזיכּט האָט אויסגעדריקט מאָנער מוטה אונ אין זיינע גראָססע, בלאָע גוטמיטהיגע אויגען איז געוועזען עטוואַס גייסטיגעס. מעהר ווי אַללעם האָבען זיך יעדעם געוואָרפֿען אין די אויגען זיינע שנעע ווייסע האָאר און זיין גראָער באָרד, וואָהרענד, קוקענדיג אויף זיין געזיכּט, האָט מאָן איהם געקענט שאַטצען אַם העכּסטען פֿינפֿאונדרייסיג יאָהר אַלט. — נאָכּדעם ווי ער האָט אונז העפֿליך בעגריסט, האָט ער געזאָגט: — ענטשולדיגט, מיינע הערען, וואָס איך מיש מיך אַריין אין אַייער געשפּראָך. איהר רעדט דאָ וועגען אַזאַ געגענשטאַנד, וואָס אינטערעסירט מיך זעהר שטאַרק. איך זעלבסט בין אַ לעבענדיגער בעווייז, דאָס אַשרעקליכּע געמיטהסבעוועגונג קאָנן אין דער וואַהרהייט האָבען אויפֿין מענשען יענע ווירקונג, אין וועלכּע איהר אַללע צווייפֿעלט.

זיינע וואָרטער האָבען אין אונז אויפֿגעוועקט די גראָססטע נייגיערינקייט. מיר האָבען איהם געמאַכּט אַפּלאַטץ נעבען אונזער טיש, אונ, אַלס ער האָט זיך געזעטצט, האָבען מיר איהם געבעטען, ער זאָל אונז ערצאָהלען, וואָס עס האָט פּאַססירט מיט זיינע ווייסע האָאר.

דער אונבעקאַנטער מאַנן האָט זיך ניט

געלאָזט לאַנג בעטען און האָט אונז ערצעהלט די פאָלגענדע געשיכטע:

— אויב איהר האָט אייך אַמאָל בעשעפטיגט מיט די געלעגענהייטען פון אַמעריקא, דאַרף אייך בעקאַנט זיין דער נאָמען „אָבאָרן". ער איז אין די פעראייניגטען שטאַאטען דאָס זעלבע וואָס „שפּעלבערג" אין עסטעררייך. אָבאָרן איז אַגאַנצע קאָלאָניע פון אַרעסטאַנטען, אַ הויפּטשטאָדט פיר די אונגליקליכע, וועלכע די געזעלשאַפט שטויסט פון זיך אַרויס. אַרום אונ אַרום געהען אונגעוואָהנליך גרויסע הויכע מויערן אונ אין מיטען דראַנגען זיך איינצעלנע געביידע: קאַזערנען, שפּיטאָלער, הייזער מיט קאַמערן פיר די געפאַנגענע און פערשיעדענע וואָהנונגען פיר די אויפזעהער. אַללעס בליקט אונפריינדליך אונ גריממיג. צווישען די געביידען זעהט מאַן אָרטערווייז צוויי דריי בוימער, אַ בלומען בעעט, ווי איין אַנדענקען פון די קינדהייטס־יאהרען אונטער די שוואַרצע געדאַנקען פונ'ם פערברעכער.

ווי איך האָב געענדעט שטודירען, האָבען מיך געוויססע אומשטאַנדען געבראַכט אין אַמעריקא. איך בין געקומען אין נויאָרק און אין אַקורצע צייט אַרום האָב איך בעקומען אַ דאָקטאָר שטעללע אין אָבאָרן, וועלכע עס ליעגט, ווי עס איז אייך בעקאַנט, אין שטאַאט נויאָרק.

אונטער מיין אויפזיכט איז געוועזען אַ טהייל פונים געפאַנגענים הויז, אין וועלכעם עס האָבען זיך אויפגעהאַלטען די פערדאָר־בענסטע און געפאָהרליכסטע פערברעכער: מענשין, אָדער פיעל מעהר מענשליכע טהירען, וואָס בלוט האָט אויפגעהאָרט ביי זיי בלוט צו זיין. צוויי פון זיי, וואָס האָבען געזאָללט בלייבען דעם גאַנצען לעבען אין געפאַנגענים און זיך אוים געצייכענט פאַר אַללע אַנדערע מיט זייער קאָרפער קראַפט און פערשטאַנד — האָט מאַן געהאַלטען שטרענגער ווי די איבע־ריגע געפאַנגענע, ווייל זיי האבען שוין עטליכע מאָל געפרופט אויף אונגלויבליכע אַרטען צו ענטלויפען. מיך האָבען זיי בעזאָנדערס פיינד געהאַט, ווייל אַמאָל האָט מאַן דורך מיר ביי זיי געפונען אייזערנע אינסטרומענטען אונטער די קליידער, וועלכע ווייס דער הימעל ווי זיי האָבען זיך פערשאַפט; אונ איין אַנדערמאָל האָב איך ערקענט, דאָס זיי פערשטעלען זיך פיר קראַנק, אום אין שפּיטאָל אריין צוטרעטען, פון וואַנען זיי האָבען וואַהרשיינליך געהאָפּט, דאָס עס וועט זיי לייכטער זיין צו ענטלויפען. מען האָט ביידע באַנדיטען פערנאַנדער גע־פירט אין בעזונדערע קאַמערן און אָנגעטהאָן אין שווערע קאָטטען; אָבער עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען: איין טאָג איז איינער פון זיי ניט געוואָרען אונ אין עטליכע טאָג אַרום איז אויך דער אַנדערער פערשוואונדען

געוואָרען,ביידע ווי אין וואַסער אַריין.

אין אַטאָג פֿיערצעהן אַרום נאָך דעם ליאַרם, וואָס דער ענטלויפֿען פֿון דיביידע פֿערברעכער האָט אָנגעמאַכט צווישען די בעוואָהנער פֿון אָבאָרן, איז מיר אויסגעקומען, אין אַ פּריוואַט־געלעגענהייט, פֿאָהרען אין קאַיוּגאַ ברידזש.

בשעת איך בין געקוממען וואָהין עס איז מיר געוועזען נאָטהיג, איז געוועזען צוואָלף אוהר. איך האָב בעטראַכט מיט ענטציקונג די הערליכע געגענד, וואָס האָט ערשיינען פֿאַר מיינע אויגען. דער זעע קאַיוּגאַ איז געלעגען פֿאַר מיר אין זיינער אייגענט־הימליכען שאָנהייט. דער זעע איז לאַנג ביינאַהע פֿיערציג ענגלישע מיילע אונ מעהר ווי איין ענגלישע מייל בריט אין דיע־זעם אָרט. איבער איהם איז געבויט איין אונגעוואָהנליך גראָססער הילצערנער אַרקען בריק, איין וואונדערווערק פֿון דער אַמעריקאַ־נישע דרייסטיגקייט. איבער דעם בריק געהט די בופֿפֿאַלאָ־אונ אַטטיקאַ־אייזענבאַהן, וואָס האָט אין דעם געמיינעם דאָרף קאַיוּגאַ ברידזש איינע פֿון איהרע שטאַציאָנען.

מיינע געשעפֿטען, וואָס איך האָב געהאַט אים דאָרף, האָבען ניט פֿיעל געדויערט און אין אָבענד בין איך צוריק אַהיים געפֿאָהרען. ווייסט איהר ווי אָנגענעהם עס איז צו רייטען אין אַ זאָממער־אָבענד? מיר איז אויסגעקומען

אַ גרויסע שטרעקע צו רייטען דורך דעמבע וואָלדער, וואָס וואַקסען זעהר פֿיעל אַרום קאַיוגאַ ברידזש. די הויכֿע מאָכֿטיגע בוימער האָבען געוואָרפֿען אַ לאַנגען שאַטען און זייערע שפּיטצען האָבען גערוישט אַזוי מילד, דאָס מען האָט עס מעהר געקאָנט פֿיהלען, ווי הערען. ווי איך האָב אַריינגעריטטען אונטער די ריעזענבוימער, האָבען זיך ערוועקט אין מיין הערץ זיססע עראיננערונגען פֿון מיין ווייטעם היימלאַנד. פֿערטיעפֿט אין געדאַנקען, האָב איך לויז געלאָזען דעם צוים פֿונ׳ם פּפֿערד און דאָס פּפֿערד האָט זיך לאַנגזאַם געשפּרייזט פֿאָרוואָרטס. פּלוטצלונג האָט מיך פֿון מיינע טרוימעריי אויפֿגעשראָקען אַ גערויש פֿון ביידע זייטען וואַלד. איך האָב מיך גענומען צו מיין פּיסטאָלעט און ראַש מיך אומגעקעהרט, אָבער אין דיעזעם אויגענבליק האָב איך בעקוממען אַ שרעקליכֿען קלאַפּ אונ בין געבליעבען אָהן געפֿיהל. איין מאָל נאָר האָב איך פֿערמאָגט צו אָפּפֿנען די אויגען אונ איך האָב ווי אין חלום, אונדייטליך געזעהען איבער מיר איינעם פֿון די ענטלאָפֿענע פֿערברעכֿער; אָבער איך האָב זיי גלייך צוריק פֿערמאַכֿט אונ מעהר האָב איך ניט געוואוסט וואָס מיט מיר איז.

עס האָט שוין געמוזט זיין שפּאָט אין דער נאַכֿט, בשעת איך בין ביסלאַכֿוויז צוריק געקומען צו זיך. איך האָב מיך אָנגע-

שטרענגט אונ געאָפּפּענט די אויגען: איבער מיר אויפ'ם טיעפדונקעלבלאָען הימעל האָט געשיינט דער העלע מאָנד. פון הינטען האָב איך געפיהלט אַ שווערען וועהטהאָן אונ איך האָב געוואָללט אָנטאַפּען מיט דער האַנד דעם אָרט וואו עס האָט מיר געשמערצט, אָבער דאָ האָב איך בעמערקט, דאָס איך בין געבונדען הענד אונ פיס. בּיסלאַכוויים האָבען זיך מיינע געדאַנקען צוריקגעקעהרט; איך האָב מיך עראיננערט, ווי די רויבער זיינען אויף מיך אָנגעפאַללען, אונ עס איז מיר אריין אין קאָפּ אַ שרעקליכער געדאַנקען פון וועלכען מיין הערץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּען. איך האָב געפיהלט, דאָס איך ליעג אין דער קווער אויף צווי שאַרפע געגענשטאַנדען, וואָס האָבען מיך זעהר שמערצליך געשטאָכען, אונ אַלס איך האָב מיך גוט איינגעהאָרכט, האָב איך געהערט טיעף אונטער מיר אַ שוואַכען רוישונג ווי פון אַ טייך... עס איז ניט געוועזען קיין שום ספק, דאָס איך בין געלעגען אויפ'ם קאַיוגאַבריק אויף די רעלסען, געבונדען, אונפעהיג זיך צו רירען, מיט דער שרעקליכען זיכערען אויסזיכט, דאָס דער ערשטער אייזענבאַהן צוג וועט מיך צושניידען אויף דריי שטיק.

איך האָב ווידער כמעט פערלאָרען מיינע געפיהלע. באַלד אָבער האָב איך מיך געשטאַרקט אונ גענומען גריזען די

שטריק. איך האָב געשריען, געוויינט ווי אַ קינד. איך האָב גערופֿט זיך אַנדערס צו לעגען, אָבער איך האָב מיך עראינגערט, דאָס ביי די קליינסטע אונפֿאָרזיכטיגע בע־וועגונג קאָנן איך אַריינפֿאַללען, געבונדען הענד און פֿיס, ווי אַשטיין אין דעם טיעפֿען קאַיוגאַ.

איך האָב געשווידערט און וויעדער גע־בליעבען ליעגען שטילל; אָבער ניט אויף לאַנג. דאָס ליכט פֿון דעם גרויסען האַלבען מאָנד אויבען, דאָס רוישען פֿון וואַססער טיעף אונטען, דער ווינד, וואָס האָט עטוואַס גע־ברויזט, די טויטע שטילקייט, וואָס וואַר זעלטען, זעלטען געשטערט פֿון אַ פֿויגעל געשריי, — דאָס אַללעס איז מיר אונמאָגליך געוועזען צו ערטראָגען און האָט מיר און־בעשרייבליכע ליידען געבראַכט. און די רעלסען, די רעלסען! מיינע געדאַנקען האָבען מיר געלעכערט דעם קאָפּ, אָבער איך האָב זיך פֿון זיי ניט געקאָננט בעפֿרייען. די היל־צערנע באַלקען פֿון בריק האָבען זיך קוים געטרייסעלט פֿון די זעע וועללען, וואָס האָבען זיך שטאָנדיג אָן זיי אָבגעשלאָגען, און מיר האָט זיך געדאַכט, דאָס דער צוג קוממט אָן, און מיינע האָאר האָבען זיך מיר געשטעללט אויפֿ'ם קאָפּ. דער ווינד האָט עטוואַס שטאַרקער אַ בלאָז געטהאָן, האָב איך געמיינט, דאָס איז דער גערויש פֿון

לאָקאָמאָטיוו. מיין הערץ איז געבליבען שטילל, אום אין דעם אַנדערען אויגענבליק ווידער אָנפאַנגען צו קלאַפּפען אַזוי לויט, דאָס מען האָט עס כמעט געקאָנט הערען.

אויף דער וועלט, מיינע הערען, קומ־מען פאָר אַזעלכע פיעלע זאַכען, וואָס איז גיט צו פערשטעהען, אונ איינע פון זיי איז אויך דאָס, ווי איך האָב יענע נאַכט געקאָנט איבערלעבען.

איין קלאָרער געדאַנקען איז געלעגען פאַר מיין זעלע: איך מוז זעהען מיך איבערלעגען אויף איין אַנדער אָרט, אויב מעגליך, צווי־שען די רעלסען, ווען איך וויל ניט באַלד, פיעללייכט שוין אין דער צווייטען מינוט, דעם שווערסטען טויד בעקוממען.

אונ עס האָט זיך מיר איינגעגעבען!

איך האָב אָנגעשטרענגט אַללע מיינע גלידער, אַללע מיינע מוסקולען ביז צום פלאַטצען; איך האָב מיך געוואָרפען, גע־דרעהט, געשריהען, דעם קאָפּ שיער ניט צובראָכען, אונ ענדליך, נאָך איינע אונ־בעשרייבליכע פיינליכע אַרבייט, וואָס האָט געדויערט פיעללייכט ניט מעהר ווי מינוטען, אָבער וואָס איז מיר פאָרגעקומען פיר אַגאַנצע עוויגקייט. — בין איך געלעגען אין דער פערטיעפונג צווישען איין רעלס אונ דעם אַנדערען.

וואַר איך שוין געראַטעט? — איך האָב

קיין צייט ניט געהאַט וועגען דעם צו דענקען, אָדער מיך צו פֿרייען מיט מיינע נייע האָפֿנונגען. אַללע מיינע קראַֿפֿטען זיינען יעטצט איבערגעגאַנגען אין דאָס אֵיינציגע געפֿיהל פֿון הערען. איך האָב געהאָרכֿט. באַלד האָט מיין אויער פֿון גאַנץ ווייט פֿערנומען, אָנפֿאַנגס ניט קלאָר, אָבער נאָכֿהער אַלץ דייטליכֿער און דייטליכֿער, דאָס רעגעלמעֶסיגע גערויש, וואָס אַ דאַמפּפֿמאַשינע מאַכֿט געוועֶהנליך, וועֶהרענד זי האַלט אין אַרבייטען. די שרעקליכֿע נאַכֿט-שטילע האָט זיך פֿון מינוטע צו מינוטע מעהר פֿערביטען מיט דעם נאָך מעהר שרעקליכֿען ליאַרם, קראַֿכֿצען און זיפֿצען, פֿייפֿען און קלאַפּען פֿון דער לאָקאָמאָטיווע, וואָס איז מיט דער ווילדען אַמעריקאַנישען שנעלליגקייט אימער נאָהענטער און נעֶהענטער געקומען צו מיר, אָט איז שוין מעהר ניט געבליבען ווי טויזענד שריטט... פֿינפֿהונדערט... אַללע שרעקען פֿון האֶללע לויפֿען אויף מיך; אָבער איך ריהר ניט מיט קיין גליעד, איך ליעג ווי פֿערשטיינערט. איך פּרובּ שרייען — אָבער איך הער זעלבסט מיין אֵייגענע שטימע ניט, ווי זאָללען איהר הערען די פּאַסאַזשירען פֿון צוג?

מיט אַמאָל האָט מיר געגעבען ווי אַ בליטץ אין די אויגען און איך האָב געפֿיהלט אַ וואַרעמקייט אינ׳ם געזיכֿט. דאָס האָט געדויערט וועניגער נאָך ווי אַ פֿינטעל

מיט׳ם אויג. נאַכהער איז פּלוטצלונג אַללעם געוואָרען שוואַרץ און דונקעל. איך האָב געהערט אַ קלאַפּ פון אַ דאָנער, אַזוי ווי דער הימעל וואָלט זיך איינגעבראָכען האַרט, גאַנץ האַרט איבער מיר. קאָם אויפגעהויבען איבער מיין געזיכט אַצעהענטעל פון אַ צאָהל, איז אַריבערגעפלויגען די גאַנצע שרעקליכע מאַכינע — אונ איך וואַר געראַטעוועט! — האַלב אויסען זינען, האָב איך געהערט איבער מיר אַיין בעטויבענדעס רוישען אונ קלינגען, געזעהען פליהענדיג פאַרביי גרויסע שוואַרצע געגענשטאַנדען. דאַנן — ווידער אַ מינוט פון טויד-שרעקען; אַיין אַראָבגעהאַנגענע קייט האָט מיך פערטשעפּעט, אָב געשלעפּט עט-ליכע שריטט אונ אויסגעריסען ביי מיר פון פאָרענט אַ שטיק ראָק. אַללע געגענשטאַנדען אַרום מיר, דער מאָנד, די בריק, די הויכע ברעגען האָבען געטאַנצט אַ ווילדען טאַנץ, זיך געדרעהט אַרויף אונ אַראָב — אונ איך בין געבליעבען אָהן זיננען.

בשעת איך בין ווידער געקוממען צו זיך, בין איך געוועזען אין מיין בעטט, אַרום מיר בעקאַנטע געזיכטער. קורץ גע-זאָגט, אויף מאָרגען נאָך דער שרעקליכען נאַכט האָט מיך אַ באַהן וואָכטער אויפ-געהויבען פון וועג, ערקענט אונ אָבגע-פיהרט אין אָבאָרן צו מיר אַהיים. אַ שרעק-ליכע היטצקראַנקהייט האָט מיך פיערצעהען

טאָג לאַנג געהאַלטען אַ שריטט פֿון טויד; מיינע לעבענסקראַפֿט איז אָבער שטאַרקער געוועזען און זי האָט געזיעגט. אַלס איך האָב, צום ערשטען מאָל נאָך מיין געזונד־ווערען, אַ בליק געטהאָן אין אַ שפּיגעל, האָב איך געזעהען, וואָס פֿיר שפּורען יענע שרעקליכע נאַכט האָט אַן מיר צוריק געלאָזען: איך בין געוואָרען גראָ...

דער דאָקטאָר איז געבליעבען שטילל. זיין בלאַסעס געזיכט, דער ערשראָקנער בליק, דער שוויים, וואָס איז ווי פּערל גע־גאָסען ביי איהם פֿון שטערען, דאָס אַללעס האָט בעוויזען ווי לעבהאַפֿט זיין ערא׳ינערונג איז געוועזען און ווי טיעף עס האָט איהם אויפֿגערעגט די ערצאָהלונג.

בישלאַכווייז האָבען מיר זיך בעפֿרייט פֿון די אַנגסט און ערדעגונג, וואָס די געוואַל־טיגע געשיכטע האָט אין אונז ערוועקט, ביז מיר האָבען ווידער בעקוממען אונזער גע־וואָהנליכען פֿראָהליכען מוטה.

מיר האָבען נאָך אַ לאַנגע צייט שפּאַ־ציערט אין דעם גאָרטען פֿון גאַסטהויז, ביי׳ם העללען שיין פֿון מאָנד, און אויפֿמערק־זאַם זיך צוגעהאָרט דעם דאָקטאָר׳ס ערצאָה־לונגען און געשיכטען, וואָס האָבען מיט איהם פּאַססירט אין דעם יונגען לאַנד פֿון פֿרייהייט, פֿון וואונדער און אַללערליי זעלטענע צופֿאַללע.

אַלפרעד העדענסטערן

דער לעצטער עקזאַמען.

אין בויערישע הייזער האָט מאָן זעלטען זיסע ליעבליכע ווערטער. עס קאָן זיין, דאָס די געפיהלע שלאָפען דאָרט אַיין און ווערען פערגראָבט דערביער, ווייל די שווערע אַרבייט און די אייביגע זאָרג וועגען דעם שטיקעל ברויט זייגען אַ זאַלבע מיהל-שטיינער, וואָס קאָנען צו מאָהלען אויף אַש אַלע צאָרטליכקייטען און ליעבליכקייטען אין דער וועלט.

אָבער אים גרונד, לעבען דאָרט אויך הערצער, וואָס ביי אַ געלעגענהייט, צום ביישפיעל, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דאָס אייגענע שטיקעל ערד, זייגען זיי פֿאָהיג מאָכטיג צו קלאַפען און אויפגערעגט צו ווערען, אַזוי גוט ווי ביי מענשען, וואָס יאָגען זיך איממער נאָך געלד און עהרע. — בשעת מיר ווערען שוין ווי די אַלטע בוימער, וואָס האָבען שוין פֿון הערבסט ווינדען און שנעען פערלאָרען זייערע בלאָטער, דאַמאָלס ליעבען מיר

אַלע קליינע בוימלאַך וואָס שפּראָצען אַרוים
פֿון אונזערע וואָרצלען אָהן איין אונטערשיעד,
צו זיי זיינען געקליידט אין זאַמעטענע אָדער
באַוואָהלנע יאַקלאַך. אָט דעריבער איז אויך
דער קליינער נילס פּעטער געוועזען אַזוי
טהייער ביי זיין רויטהבאָרדיגען איינגעהוי-
קערטען פֿאָטער און זיין פֿון אַלטקייט איינ-
געבויגענע מוטער, פֿיעל גלייך ווי מאָן
וואָלט איהם ערציעהען אין אַ צימער מיט
זיידענע שפּאַלערען און אַ לאַקיי אין גאַלונען
וואָלט איהם אַלע אין דער פֿריה פֿיהרען
זאָגען גוט מאָרגען צו איין פּאַפּאַ, וואָס די
ברוסט איז ביי איהם פֿול אין אָרדערין, און
צו איינער מאַמאַ, וואָס בעקלאָגט זיך איממער
אויף איהרע נערפֿען.

עס איז אַ גרויסער פֿערגעניגען צו דענקען,
דאָס ווי קאַפּריזנע און ניט גלייך דער הימ-
מעל האָט איינגעטהיילט רייכטהום און געלד,
עהרע און רוהם, וואָהלטאָג און צרות, האָט
ער דאָך אַלעמען געלאָזען אַ פֿרייען צוטריט
צו גליק און זעליגקייט אויף יענער וועלט
און צו ליעבע אויף דער וועלט.

נילס פּעטער וואר איין איינציגער זאָהן
פֿון אַ פּאָדענניק, פֿון אַ טאָג אַרבייטער. זעל-
טען האָט איהם געגלאָט די מוטערים שאָרסטקע
האַנד, און דער פֿאָטער האָט ניט ליעב גע-
האַט צו רעדען, אַלזאָ, איז אויסגעקומען,
דאָס פֿון הייסע אָלטערען געפֿיהלע האָט

פעטער ניט מעהר געוואוסט, ווי אַ יונגע קאַלבעל.

ניט די מוטער, ניט דער פֿאָטער האָבען קיינמאָל ניט גערעדט פֿון זייער ליעבע צום קינד, אָבער אַלע דריי האָבען זייער גוט געוואוסט, דאָס ווען אַ משוגענער אָכּס זאָל אויף איהם אָנפֿאַלען, וואָלטען ווי די מוטער, אַזוי דער פֿאָטער שטעלען זייער אייגענעם לעבען אין געפֿאַהר, נאָר איהם צו רעטען.

ער איז געוועזען אַ קלוגעס און ליעבליכעס קינד, האָט אימּמער אויסגעצייכענט געוואוסט, וואָס מאָן האָט מיט איהם געלערנט און אימּמער גוט געאַנטוואָרטעט, ווען מאָן האָט איהם פֿערהאָרט.

די אָלטערן האָבען איהם געהאַלטען פֿיר אַ געניע, ד. ה. פיר איין עלוי. און ביי זיי איז געבליעבען צו מאַכען פֿון איהם אַ פרע־דיגער. זיי האָבען ניט געקוקט אויף קיינע שוועריגקייטען און אויף הוצאות און האָבען איהם אָבגעגעבען אין אַ האָכע שול אין שטאָדט. די שטאָדט איז געוועזען נאָהנט, און בערעכענען וואָס שפּאָטער וועט זיין, דאָס איז ביי אָרעמע אונוויסענדע לייט קיין מאָדע ניט. און עס קאָן זיין, דאָס ווען ניט דאָס, וואָלטען פֿיעלע פֿון אונזערע שאָנסטע מענשען געשטאָרבען אין אַרמוטה און די וועלט וואָל נאָך ניעדעריגער און טיע־פֿער געזונקען, ווי יעטצט. איבעריגגעס, נעהם

איך מיר גאר ניט די מוטה צו זאגען ניט אנדערס, דאס די וועלט וואלט עטוואס פער־ליערען, ווען פעטער זאל ניט געהאט אנגע־קומען אין א שול; ווייל ער איז נאר געווע־זען א געניע אין דער היים. אין שול אבער איז ער געוועזען ניט מעהר ווי איין עהרליכער קנאבע מיט גוטע פייהיגקייטען, וועלכעם עס איז אויסגעקומען צו שטרייטען מיט ארמוטה און נויטה.

אבער ער איז געוועזען שטארקער ווי די ארמוטה און ער האט געזיעגט.

ווי, מיט וועלכע מיטלען האט זיך דאס איינגעגעבען? אט אזוי ווי עס גיעט זיך איין די שארע פייגעלאך איבערצולעבען די צייט, ווען עס קומען אן די שרעקליכע קאלטען און די ערד בעדעקט זיך מיט שניי.

די עלטערן האבען איהם פיעל ניט גע־קאנט העלפען. ביים פאטער איז געוועזען א זילבערנע אוהר, וואס איז וויפיעל יאהר ניט געגאנגען: יעצט איז זי פון איהם אוועק צום אוהרענמאכער אין שטאדט און שוין פערבליעבען דארט אויף איממער. פון די איינציגע קוה האבען זיי געהאט צו פערקוי־פען אויפים מארק עטליכע פונט פוטער, שלעכטע, ביליגע פוטער, וואס איז געווע־זען געזאלצען מיט גראבע זאלץ און איז בעשטאנען פון עטליכע פאבען, וואס האבען

דייטליך געוויעזען, ווי לאַנג מאָן האָט בע=
דאַרפֿט קלייבען שמאַנד אויף די פוטער.
צו דעם האָט די מוטער גענומען אויף
באָרג באַוואָהל און געוועבט טיכלאַך און
פֿאַרטיכער. די דיענסט מאָדכֿען האָבען דאָס
גערן ביי איהר געקויפֿט און זי פֿלעגט דער=
ביי אויך עטוואָס פֿערדיענען. און דער פֿאָ=
טער איז געשטאַנען טאָג און נאַכט און גע=
דראָשען ביי בויערן קאָרן, אום נילס פעטער
זאָל קאָנען לערנען די לאַטיינישע וואָרטער.

עס איז געוועזען אַ וואונדער, ווי גוט ער
האָט זיך געלערנט, אָבוואָהל זיין זשאַקעט איז
געוועזען פֿערשמוטצט, פֿול אין פֿלעקען,
און אויף דעם בוידעם וואו ער האָט גע=
וואָהנט מיט נאָך צוויי חברים איז געוועזען
שרעקליך קאַלט. בשעת ער איז געקומען
אויף די דריי וואַקאַציע מאָנאַטען אַהיים,
פֿלעגען די עלטערן אונגעדולדיג זיך נעה=
מען צו די בריללען און בוכשטאַבען וויין,
ווי עס איז דורכלעזען זיינע מיינונגען. צווי=
שען די מיינונגען פֿלעגט זיך אָפֿט בעגעג=
נען דער בוכשטאַב A, און פעטער האָט
זיי ערקלאָרט, דאָס דיעזער בוכשטאַב בע=
דייט פֿיעל גלייך ווי אַלויבשפרוך. אָפֿט,
וועבענדיג, פֿלעגט די מוטער אָבהאַלטען
די וועבערשיפֿעלע, אום אַיינצוהאָרען זיינע
פראַכט שאָנע ערצאָהלונגען. אַזוי ווי ער
האָט שטודיערט פֿיער שפראַכען, איז ער

צוליעב דעם מיט׳ם פּאָלקאָווניק׳ס זאָהן גע־וועזען אויף „דו״. איין מאָל האָט ער זאָגאַר די עהרע געהאַט צו זיצען ביי איין טיש מיט׳ם ערשטען לעהרער. אָפּט פלעגט פּעטער קלייבען גראָז פיר די ציעג און אין דערזעל־בען צייט לעזען פאַר די עלטערן די ווערק פון דעם בעריהמטען לאַטיינישען פערפאַסער „טיט ליווי״. אין דער היים פלעגט פעטער בע־קומען פאַרב אינ׳ם געזיכט און פלעגט אויס־ווייזען ביים אָוועקפאָהרען פיעל שענער ווי ביים קומען פון שטאָדט אין יוני מאָנאַט.

זייענדיג אין צווייטען קלאַס איז פּעטער אָנגעקומען אויף א „קאָנדיציע״, אויף אַ שטע־לע, וואו ער האָט געוואויהנט מיט עטליכע יינגערע שילער. ער האָט אויף זיי אַכטונג געגעבען און געהאָלפען מאַכען די לעקציאָ־נען, דערפיר האָט ער מיט זיי צוזאַמען גע־געסען און פון יעדעם שילער בעקומען 40 מאַרק אַ סעמעסטער אָדער אַ זמן. דאַמאָלס האָט ער געשאָנקען דער מוטער אַ שאַייל און דעם פאָטער אַ נייע אוהר אָנשטאָט דער אַלטע, וואָס איז געבליעבען ביים אוהרענמאַ־כער. די מוטער האָט נאָך קיין מאָל ניט געהאַט אַזאַ וואַרמע זאַך ווי דיעזע שאַייל, ווייל זי איז דורכאויס געוועזען דורכגעוועבט מיט פאָדים פון פעטער׳ס ליעבע. און דער פאָטער האָט געהאָפט, אז די געשאָנקענע אוהר וועט נאָך ניט אויפהאָרען צו געהן אפילו

בשעת פּעטער וועט שוין זיין אַ גרויסער לייט.

יעטצט איז פּעטער געגאַנגען אין אַ שאָנעם לאַנגען ראָק און האָט געהאַט אַ שלאָפראָק און איין אָפּענע וועסט. בשעת ער פלעגט קומען אַ היים, איז ער אַלע זאָנטאַג געגאַנגען שפּאַציערען מיט אַ פריילײן פון פּאַסטאָר'ס פאַמיליע. און ביי אַלעם דעם איז ער געבליעבען דער זעלבער גוטער נילס פּעטער. וואָס פלעגט זיך ניט שאָמען פערנאַנדערהענגען טריקענען דעם פאָטער'ס נאַסע קאַפּטלאַך, און האָט גערן געוויקעלט פאָדים פיר די מוטער וואָס זי האָט בעדאַרפט צו דער אַרבייט.

לערנען פלעגט ער ביי נאַכט ווייל אַ גאַנצען טאָג ביז שפּאָט אין אָבענד איז ער געוועזען פערנומען מיט די שילער. פון איין האַלב יאָהר ביז דעם אַנדערען זייען אַלץ מעהר אויסגעמאַטערט געוואָרען זיינע אויגען און אַלץ בלאַסער געוואָרען דאָס געזיכט.

אָבער מאָן האָט דאָך געמוזט שפּרייזען ווייטער, פאָראויס געגען דעם טאָג, וואָס ער וועט שיינען פון פריידע און וועט ביי זיך אין וואָהנונג אין קירכהויז האַלטען זיין אַלטען פאָטער און די שוואַכע איינגעבויגענע מוטער. דאַמאָלס וועט ער זיך פול מיט ליעבע, צודריקען צו זייערע גראָע האָאר און זאָגען „אַ דאַנק אייך פיר אַלץ. יעטצט וועלען מיר לעבען צוזאַמען!“

אַלע פֿריהמאָרגען פֿלעגט ער זיך מאַכֿען קאַלטע וואַנעס, אום צו פֿערטרייבען דעם שלאָף, און זיינע מידע אויגען, וואָס האָבען געברענט ווי אים פֿיעבער, זייען געלאָפֿען איבער די בלאָטער פֿון בוך.

איין מאָל האָט זיך איהם געדאַכֿט, דאָס ער פֿערליערט זיינע קראָפֿטען, דאָס צווישען איהם און זיין ציעל שטעלט זיך עטוואָס אונ־בעזיעגליכֿעס און אונבעוועגליכֿעס. גראַדע אין יענער צייט האָט ער געהאַלטען מיט עטליכֿע שילער מעהר, אום מעהר צו פֿערדיענען.

אויף מאָרגען איז ער געגאַנגען אין באַנק פֿערסטראַכֿירען זיין לעבען. אין וויפֿיעל זאָל ער זיך פֿערסטראַכֿירען? „אין פֿינף טויזענד?" ניין דאָס איז צו פֿיעל. „אין צוויי?" אָבער דאָס איז ער אויך ניט אין שטאַנד צו צאָהלען נאָך זיינע פֿערדיענסט. נאָך אַלע בערעכֿ־נונגען האָט ער זיך פֿערסטראַכֿירט אין איין טויזענד מאַרק. אויב עס וועט זיך מיט איהם וואָס עס איז טרעפֿען, וועט מאָן דאָס אַרויסגעבען זיין פֿאָטער און מוטער.

ענדליך איז געקומען דער פֿריהלינג: די העלע פֿראָהליכֿע זון, די בעלעבענדע לופֿט, דער וואָהלגערוך פֿון די וואָלדער, דער זאַפֿט פֿון די בעראָזע בוימער—און צוזאַמען מיט דעם אויך דער לעטצטער עקזאַמען....

דער שריפֿטליכֿער עקזאַמען איז אַוועק

גוט. נילס פעטער, אויסגעפוצט אין אַ ריי־נעם איבערגעליצעוועטען ראָק, וואָס ער האָט געקויפט ביי אַ טענדלער, איז געשטאַנען אין פאַראַדנעם אַקטענ־זאַאַל און געהערט ווי דער דירעקטאָר האָט געזאָגט, דאָס מען ערלויבט איהם צו געהן צו די אויסוועגדיגע מינדליכע עקזאַמענס, און ער האָט געאַרבייט טאָג און נאַכט. אין אָבענד האָט ער זיך געמאַכט אַ קאַלטע וואַנע און אַז עס האָט זיך איהם פאַרט געוואָלט שלאָפען, האָט ער אַריינגעשטעלט אין קאַלטע וואַסער די פיס.

ער האָט ניט געקלערט וועגען דעם, וואָס וועט זיין ווען ער האָלט שוין אויס דעם עקזאַמען און וועט אַריינטרעטען אין אוניווערזיטאָט: פון וואַנען וועט ער לעבען אין אוניווערזיטאָט? איהם איז נאָר געלעגען אין זינען זיין קירכגעמיינדע, און ער האָט אַלץ דייטליכער געהערט דאָס רוישען פון די בוימער אַרום דעם פאַסטאָר׳ס וואָהנונג...

— שטעהט אויף, הערר נילס! עס איז שוין ניט פריה, הערר קאַרלסאָן און הערר שטראָמבערג זיינען שוין אַוועקגעגאַנגען צום עקזאַמען. שנעלער שטעהט אויף!

אָבער נילס פעטער האָט ווייטער גע־שלאָפען, האַלטענדיג זיין מאָגערע אויסגע־דאַרטע האַנד אונטער׳ם באַק. ער האָט נאָך קיינמאָל אַזוי האַרט ניט געשלאָפען. די ווירטהין האָט ענדליך פערלאָרען די געדולד.

שטעהט גיכער אויף, איהר וועט פער־זאמען, העדר נילם! מיין גאָט... וואָס איז דאָ מיט איהם?! לינאַ, לינאַ!

עס איז געקומען צו לויפען לינאַ, נאָך איהר — די פרוי וואָס האָט געוואָהנט געגענ־איבער, אַ ווײַלע שפּעטער דער שניידער, וואָס האָט געוואָהנט פון אַנדערען זייט.

ענדליך האָט מאָן געבראַכט אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט אַראָבגענומען די אַלטע דעקע, אָבגעשפּילעט די שמאָלע העמד, אַרויפ־געלייגט די האַנד אויף די הויכע דאַרע ברוסט־קאָסטעל און געזאָגט: „דאָס הערץ האָט געפּלאַטצט"....

אַנשטאָדט אַ ווייסע שטודענטענמיצע איז אין שטוב פונים טאָגאַרבייטער געקומען אַ שוואַרצער גראַב. דער פאָטער און די מוטער זיינען געגאַנגען ווי אים שלאָף און האָבען גאָר גיט פערשטאַנען וואָס דאָ איז. פיר וואָס שטעהט נילם פעטער ניט אויף און ערקלאָרט זיי ניט, ווי ער האָט אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען?... האָט ער דען געקאָנט גראַדע יעטצט שטאַרבען? איז דאָס מאָגליך? איז דענן קיין גוטער גאָטט אויפ'ם הימעל ניט דאָ? און ביידע אַלטע לייט זיינען אָהן טראָהרען געשטאַנען נעבען גראַב און מיט שטאַרע אויגען געקוקט אויף דאָס אונבע־וועגליכע, אויסגעדאַרטע געלבע געזיכט.

ערשט דאַן ווי דער אַגענט פון דער

אַסעקוראַנץ געזעלשאַפֿט, וואָס וואַר צו גלייך אויך אַלעהרער פֿון גימנאַסטיק אין דאָרף־שול, האָט זיי בעזוכט און מיטגעטהיילט, דאָס עס קומט זיי טויזענד מאַרק, אין וועלכע פעטער האָט פֿערזיכערט זיין לעבען, ערשט דאַן זיינען זייערע הערצער ווייכער געוואָרען און זיי האָבען אָנגעפֿאַנגען צו וויינען.

אין אָבענד האָט דער פֿאָטער אַראָבגע־נומען די האָנד פֿון זיין שרעקליך אָבגע־צעהרטען געזיכט און געפֿראָגט:

— ליזאַ, האָסט דו בעקומען געלד פֿיר די צייג וואָס דו האָסט געוועבט?

— יאַ, קאַרל.

— גיעב מיר אַהער!

דער פֿאָטער איז אַוועק אין שטאָדט; די מוטער איז געוועזען אַזוי נידערשלאַגען דאָס זי האָט ניט געפֿראָגט, וואָס ער האָט דאָרט צו טהאָן.

געגען האַלבע נאַכט איז ער געקומען צוריק. עס איז געוועזען אַ ליכטיגע, נאָרדלאָנדישע זומער נאַכט. ער האָט דורך דאָס פֿענסטער ערזעהען די מוטער זיטצענד צונויפגעבויגען נעבען נילס פעטער׳ס טרויעריגען געלעגער. דאָס פֿענסטער איז געוועזען אָפֿען אונ אויף דעם באַנק, אינוועניג נעבען פֿענסטער, האָבען זיך געשאָטען פֿונ׳ם אָפּעלבוים פּראַכ־טיגע ראָזע קנאָספּען. ער איז שטילערהייד אַריין אין טהיר און צוגעגאַנגען צום גראַב.

דאָ האָט ער אַרויסגענומען פֿון בוזעם אַ פּאַקעל, האָט עס אויפֿגעפּאַקט און אַרויפֿגעלייגט נילס׳ן אויף די ברוסט אַנייע, ווייסע סטודענטען מיצע.

און די מוטער, וואָס האָט די לעצטע צעהן יאָהר זיך אײנגעהאַלטען, ווי עס טהוען געוואָהנהליך אַלע אָרמע לייט, פֿון צו קוסען פעטער׳ן, האָט צוגעדריקט איהרע אויסגע־דאַרטע ליפּען צום ווייסען זאַמעט פֿון דער מיצע.

די נאַכט איז געוועזען אַזוי העל, און וואונדערבאַר! — עס האָט אויסגעזעהען נילס פעטער שלאָפֿט און שמייכעלט. פֿיעל־לייכט האָט ער זיך צוגעגרייט צו בעגעגענען זיין פֿאָטער און מוטער נאָך אין אַ בעסערען וואָהנונג, ווי דאָס קירכגעמיינדע־הויז אויף וועלכע ער האָט געהאָפֿט.

דֶער שְׁטָאלְצֶער פֶֿערְד.

אין דער מינעראַל גרוב, טיעף אונטער דר׳ערד, איז דאָ אַ ברייטע וועג, וואָס פֿעראייניגט פֿערשיעדענע גריבער (שאַכֿטען) מיט יענעם קליינען פלאַטץ, אויף וועלכֿען מאָן ליינט צוזאַמען די מינעראַל ערד און מאָן פֿיהרט אַרוים אויף די ווייסע וועלט.

אויף דיעזער וועג האָרט מאָן אַלע מינוט, ווי די פֿים פֿון די פֿערד שאַרען זיך איבער די פֿייכֿטע שטיינער. די קליינע רויטהע פֿערדלאַך ווערען נים מיד צו פֿיהרען שווערע טאַטשקעס מיט שטיינערנע ערדשטיקער צו דעם אָרט, וואו דער דונקעלער שיין פֿון אַ לאַנטערנע דיענט אָנשטאָט די זון. ווי עס קומט אָן דער אַבענד, פֿיהרט מאָן די מענשען און די פֿערד אַרוים אויף דאָם טאַגעליכֿט, וואָם שניידט זיי די אויגען, וועלכֿע זיינען צוגעוואָהנט צו פֿינסטערניס, די פֿערד-

לאַך, וואָס מאַטערן זיך אָן אַרבייטענדיג אַגאַנצען טאָג, שטעהען אין פֿעלד מיט אַראָבגעלאָזענע קאָפּ. זיי פֿערמאַכֿען די אויגען פֿון דער שפּאָטיגע זונן, וואָס פֿערגעהט באַלד הינטער די אונענדליכֿע גלייכֿע פֿעלדער, און געהען לאַנגזאַם, אָבער מיט פֿער גניגען אין שטאַהל, וואו זיי פֿאַלען קאַם אַ נידער אויף די שטרויה און שלאָפֿען האַרט איין.

אַלטע לייט ערצעהלען, דאָס אַמאָל מיט וויפֿיעל יאָהר צוריק האָט מאָן אין מינעראַל גרוב אַראָבגעלאָזען אַ יונגען, עכֿטען זאַוואָדסקען פֿולבלוטיגען פֿערד. מאָן האָט איהם איינגעשפּאַנט אין אַ טאַטשקע און ער האָט געמוזט צו גלייך מיט אַלע קליינגעוואַכסענע פֿערדלאַך פֿיהרען מינעראַל ערד פֿון שאַכֿטע אויף דעם פּלאַטץ, פֿון וואַנען מאָן שלעפּט עס אַרויף אויבען. דער קוטשער האָט זיך נאָמליך שלעכֿט מיט איהם בעגאַנגען, ער פֿלעגט זיך אָפֿט האַפּען צום בייטש און דער פֿערד האָט צו ליעב דעם צובראָכֿען אין ווירטהס קאַרעטע עטליכֿע דייכסלאַך, דערפֿיר האָט מאָן איהם בעשטראָפֿט און פֿערשיקט אונטער דריערד אין מינעראַלגרוב, אום די פינסטערנים און די שווערע טאַטשקע זאָלען איינשטילען זיין קאָכֿיגעס בלוט.

דער זאַוואָדסקער פֿערד האָט געהאָרזאַם געשלעפּט די טאַטשקע; די פֿינסטערנים האָט

איהם געשראָקען און ער האָט זיך אונמוטהיג צוגעהאָרט ווי דער בייטש האָט געפּייפט. אונטער דר׳ערד האָבען זיינע האָר באַלד אויפגעהאָרט צו גלאַנצען, די אויגען זיינען ביי איהם געוואָרען דונקעל, די געדיכטע גריוואַ איז געוואָרען אַ קאָלטון און גראָ געוואָרען פון שטויב.

די אויסגעגראָבענע בריטע וועג אין מינעראַלגרוב איז ניט געוועזען גענוג הויך. אָרטערווייז איז דער שטיינערדיגער געוואָלב געוועזען אַזוי ניעדריג, דאָס דער זאַוואָדסקער פערד האָט דאָרט ניט געקאָנט דורכגעהן, עס זאָל זיך ניט אָברייסען פון איהם שטיקער הויט.

יעדעס מאָל ווי דער פערד פלעגט קומען צו דעם ניעדריגען אָרט, האָט ער גענומען ציטערן מיט׳ם גאַנצען קאָרפּער און ניט געוואָלט געהן ווייטער, אָבער דער אונבאַרמהערציגער בייטש האָט געשמיעסען פון הינטען און דער פערד איז מיט היטץ געלאָפען פאָראויס און האָט בעקומען בלוטיגע וואונדען. ווען ער האָט אָבער געפּרופט זיך איינבייגען, פלעגט ער פאַלען אויף די קניע אונטער דעם לאַסט פון דער שווערען טאַטשקע. אויפשטעהענדיג איז ער ווייטער געגאַנגען מיט דער טאַטשקע, אָבוואָהל אויף די שפּיטציגע שטיינער פונים געוואָלב זיינען געבליעבען שטיקער פון זיין גלאַנציגע שוואַרצע לייב.

איין מאָל, ווי מאָן האָט איהם אין אָבענד אַרויסגעלאָזען אויפ'ן שיין פֿון טאָג, האָט ער אויסגעצויגען זיין פֿערוואונדעטען רוקען, געטהאָן אַ שווערען זייפֿץ און גענומען הירזען, קוקענדיג אויף די אונטערגעהענדע זונן. אין זיין בליק איז דאַמאָלס געוועזען אַזוי פֿיעל קומער, ווי עס טרעפֿט נאָר אַמאָל צו בעמערקען אין אַ בליק פֿון אַ מענשען.

אין דערזעלבען נאַכט איז ער אַרויסגעלאָפֿען פֿון שטאַהל, וואו די איבעריגע קליינע רויטהע פֿערדלאַך האָבען געשלאָפֿען ווי טויטע נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך אָנגעהאָרעוועט אַ גאַנצען טאָג. ער איז דורך דעם אָפֿענען טהויער אַרויסגעשפרונגען אין פֿרייען פֿעלד און געשווינד אַוועקגעפֿלויגען ווייטער. אויף מאָרגען, ווי עס איז געוואָרען טאָג, איז זיין גרויסער שוואַרצער קאָרפּער געלעגען אויפ'ן ברעג, וואָהין דער ים האָט איהם אַרויסגעוואָרפֿען. דער וואַסער האט אויסגעוואַשען די שטויב פֿון זיין גריווע און ריין געמאַכט די וואונד. אויפ'ם ווייסען זאַמד האָט גראָזאַרטיג געבלישטשעט דער שלאַנקער, שוואַרצער קאָרפּער, וואָס די וועלען האָבען איהם פֿייכט געמאַכט. ווי אַלטע ליט מיינען, האָט זיך דער פֿערד ערטרונקען פֿון קלעמענים. ער איז געוועזען צו הויך, האָבען זיי געזאָגט, און דער געוואָלב איז פֿיר איהם געוועזען צו איינג, אָט צוליעב דעם איז ער געשטאָרבען.

אָבער די אַרבייטער פֿון דער מינעראַל גרוב זאָגען, דאָס דער שוואַרצער פֿערד האָט ניט געקאָנט לעבען אָהן לופֿט און אָהן זונענ־שיין. און עס איז נאָך ביז היינטיגען טאָג געבליעבען דער אָנדענקען אָן דאָס שטאָלצע טהיער, וואָס האָט בעסער בעשלאָסען זיך צו מאַכען אַ טויט, איידער געדולדזאַם צו ליידען.

גְרָאבֶּעס בְּרוֹיט.

אין דער בעריהמטען שטאָדט פלאָרענ־ציע האָט געוואָהנט אַ באַנקיער, וואָס האָט געהייסען ניקאָליי נערלי. בשעת מאָן האָט געקלונגען אין קירכע צו מאָרגענגעבעט, איז ער שוין געזעסען ביי זיין שרייב־טיש, בשעת מאָן האָט געקלונגען צו אָבענדגעבעט, איז ער אויך דאָרט געזעסען. דעם גאַנצען טאָג פלעגט ער ניט אַרויסלאָזען פון האַנד זיינע רעכענונגס־ביכער. ניקאָליי נערלי פלעגט לייהען געלד דעם קייזער און דעם פאַפסט. און ווען ער האָט דעם אַשמדאַי ניט געליע־הען, איז דאָס נאָר הויל צוליעב דעם וויל ער האָט מורא געהאַט, ער וועט נאָך פער־ליערען זיין געלד, ווען ער וועט מיט איהם האַנדלען. ניט אומזיסט האָלט מאָן דאָך איהם פיר אַ ניט־גוטען, וואָס קאָן אָבטהאָן יוער וויים וואָס אין דער וועלט. ניקאָליי נערלי איז געוועזען אַ מענש אַ געזעטצטער און אַ פאָרזיכטיגער. ער האָט אויפגעקליע־בען זעהר פיעל רייכטהום און פיעל מענשען געלאָזען אָהן אַ העמד. אָט דעריבער האָט

מאָן פֿון איהם אַזוי געהאַלטען אין פֿלאָרענציע.

ער האָט געוואָהנט אין אַ פּאַלאַץ. גאָטטעם ליכֿטיגע זאָהנע האָט צו איהם געקאָנט אַריינגעהן נאָר דורך שמאָלע פֿענסטער, און דאָס איז קיין נאַרישקייט ניט געוועזען: די וואָהנונג פֿון אַ רייכֿען דאַרף זיין ווי אַ פֿעסטונג. די וואָס האָבען גרויסע פֿערמעגען, טהוען זעהר קלוג, ווען זיי שיטצען מיט קראַפֿט דאָס וואָס זיי האָבען ערוואָרבען מיט פֿאַלשהייט. נערלי'ס פּאַלאַץ איז דעריבער געוועזען פֿערזאָרגט מיט גראַטעס און מיט קייטען. זיינע וועֶנד האָבען געמאָלט קונסטליכֿע מאַלער. עס איז געוועזען אויף זיי אויסגעמאָלט די אָבות, די איזראַעליטישע פּראָפֿעטען און די קעֶניגע, און אַלע גוטע זיטען אין געשטאַלט פֿון פֿרויען. די דיוואַנעם אויף די דיעלען האָבען פֿאָרגעשטעלט אַנעקדאָטען און געשיכֿטען וועגען אַלכּסנדר און טריסטאַן, *) אַזוי ווי עס ערצעֶהלט זיך פֿון זיי אין ראָמאַנען.

זיין רייכֿטהום איז געוואָרען זעהר מפֿורסם אין דער וועלט צוליעב די נדבות, וואָס ער פֿלעגט געבען אויף פֿרומע און הייליגע זאַכֿען. אויסען שטאָדט האָט נערלי אויסגעבויעט אַ ספּיטאָל. אויף די וועֶנד פֿון דיעזעם ספּיטאָל איז געוועזען אויסגעמאָלט און

*) נאָמאַן פֿון צוויי פּאָעטישע פֿרומע און גוטהערציגע העלדען.

אויסגעשניטצט די וויכטיגסטע פון די מעשים טובים וואָס ער האָט געטהאָן אין זיין לע־בען. נערלי האָט געאָפּפערט אַ גרויסע סומע געלד צו ענדיגען בויען אין פלאָרענציע די בעריהמטע קאַטהעדראַל קירכע. דערפיר האָנגט זיין פּאָרטרעט אויף דער גאַלעריע פון דיעזער קירכע. ער איז פאָרגעשטעלט אויפ׳ם פּאָרטרעט, ווי ער שטעהט אויף די קניע, די האָנד צונויפגעלייגט אויפ׳ם הער־צען, און בעט גאָט. עס איז לייכט צו ערקענען זיין רויטהע וואָלענע מיטצקע, זיין אויבער מאַנטעל מיט׳ם פוטערנעם אונטער־שלאַג, זיין געלבעם, מיט פעטם פערגאָסע־נעם געזיכט און זיינע קליינע קאָכיגע אויג־לאַך. פון דעם אַנדערען זייט איז געשטאַנען אין אַ דעמיטהיג־בעטענדע פּאָזע זיין גוטהער־ציגע פרוי מאָנאַ. איהר ערליכעס, פערטרוי־ערטעס געזיכט האָט קלאָר געגעבען צו וויסען דאָס קיינער איז פון איהר ניט אַוועקגעגאַנ־גען אונגעטראָסט.

ניקאָליי נערלי איז געוועזען איינער פון די ערשטע בירגער פון שטאָדט. ער האָט קיינמאָל ניט גערעדט געגען די געזעטצטע פון דער רעפּובליק. ער האָט זיך ניט געקי־מערט ניט וועגען אָרעמע און ניט וועגען יענע, וואָס די רעגיערונג פלעגט פערמשפּטן צו פערשיקען אָדער צו וואָס עס איז פיר איין אַנדער שטראָף. דעריבער איז ער

געוועזען ביי דעם מאַגיסטראַט ניט וויינינער אָנגענומען, ווי ביי אַלעמען אין שטאָדט, וואָס האָבען איהם געאַכטעט פֿיר זיין אונגעוואָהנליכען פֿערמאָגען.

אַמאָל איז נערלי געגאַנגען צוריק צו זיך אין פּאַלאַץ שפּאָטער ווי געוואָהנליך. דאָס איז געוועזען ווינטער אין אָבענד. ווי ער איז שוין געוועזען נעבען זיין טהיר, האָבען איהם אַרומגערינגעלט אַ מענגע בעטלער, זיי זייען געשטאַנען נאַקעטע און באָרפֿיסע און האָבען אויסגעשטעלט צו איהם די האָנד, ער האָט זיי גוט אָנגעשאָלטען און אַוועקגעטריבען. אָבער פֿון הונגער זייען זיי געוואָרען פֿרעכֿע עזות־פּנימער און ווילד פֿערבאָזט, ווי וואָלף. זיי האָבען זיך ווידער אַרומגעשטעלט אַרום איהם און מיט אַ וויינענדיגע הייזעריגע שטימע געבעטען ברויד. נערלי האָט זיך שוין אַיינגעבויגען אויפֿהעבען אַ שטיין און אַ שליידער טהאָן אויף זיי, בשעת ער האָט פּלוטצלונג ערזעהען זיינעם אַ דיענער מיט אַ קאָרב ברויד אויפֿ'ם קאָפּ, דאָס ברויד איז געוועזען פֿיר די דיענסטלייט, וואָס האָבען געארבייט ביי איהם אין קיך, אין שטאַהל און אין גאָרטען. נערלי האָט אַווינק געגעבען דעם ברוידטראָגער, ער זאָל צוגעהן צו איהם, האָט אַרויסגענומען פֿון קאָרב פֿולע האָנד ברויד און אַ וואָרף געטהאָן פֿיר די אָרעמע לייט. נאַכֿהער איז

ער אַריין צו זיך אין הויז, האָט זיך געלייגט אין בעט און איז אַײנגעשלאָפען. שלאָפענ־דיג האָט איהם געחאַפּט אַיין פּאָפּלעקסיע. ער איז געשטאָרבען אַזוי פּלוטצלינג, דאָס ער האָט געמיינט, ער איז נאָך אין בעט, ווען ער האָט ערזעהן נעבען זיך, אירגענדס אין אַ פינסטערען אָרט, דעם הייליגען מלאך מיכאל. דער מלאך איז געוועזען בעלויכ־טען פון די שטראַהלען, וואָס זייען אַרויס־געגאַנגען פון איהם אַליין.

מיכאל האָט געהאַלטען אין האַנד אַ וואָג מיט אָנגעלייגטע שאָלען. אויף דער שווע־רערע שאָל האָט ניקאָליי נערלי ערקענט די טהייערע שמוק, די ציערונג, וואָס אַ ווײטווע האָט ביי איהם אַמאָל פערזעטצט, און זיינע זאַק מיט געלד, וואָס ער האָט ניט עהרליך אויפגעקליבען; ווייטער, שאָנע גאָלדענע מטבעות, וואָס מעהר ווי ביי איהם זייען זיי ניט געוועזען: ער האָט עס ערוואָרבען אויף פּראָצענט און ציענזען, וואָס ער פלעגט ריי־סען ביי זיינע בעלי חובות מיט בעטרוג און פאַלשהייט. נערלי האָט פערשטאַנען, דאָס דער מלאך מיכאל וועגט דאָס אָב זיין לע־בען, וואָס האָט זיך שוין געענדיגט.

ער איז געוואָרען אויפמערקזאַם און פערזאָרגט.

— הייליגער מיכאל, — האָט ער גע־זאָגט: — ווען איהר לייגט אויף דיעזע שאָל

אַרויף מיין גאַנצען פֿערדיענסט, וואָס איך האָב אויפֿגעזאַמעלט צייט מיין לעבען, דאַן לייגט אַרויף, זייד אַזוי גוט, אויף די אַנדע־רע שאָל די פֿיינע געביידען, אין וועלכֿע איך האָב אַרויסגעוויעזען מיין פֿרומקייט. פֿערגעסט ניט די קאַטהעדראַל קירכֿע. איך האָב אויף איהר געאָפּפֿערט מעהר ווי אַ דריטעל פֿון דעם וואָס זי האָט אין גאַנצען געקאָסט. אויך פֿערגעסט ניט מיין אויסער־שטאָדטיגען ספּיטאָל, איהם האָב איך אין גאַנצען געבויעט אויף מיין רעכֿנונג.

— האָב קיין פֿורכֿט ניט, ניקאָליי נער־לי,—האָט איהם דער מלאך געאַנטוואָרטעט: איך וועל קיין זאַך ניט פֿערגעסען.

און ער האָט מיט זיינע ליכֿטיגע האָנד אַרויפֿגעלייגט אויף די לייכֿטערע שאָל די קאַטהעדראַל־קירכֿע און דעם ספּיטאָל מיט גאָר די שניטצעריי און די געמאָלדען. אָבער די שאָל האָט זיך ניעדריגער ניט אַראָבגע־לאָזען. דער באַנקיער איז געוואָרען זעהר אונרוהיג.

— היילִיגער מיכֿאל,—האָט ער זיך ווייעדער געווענדעט צום מלאך,—זוכֿט עט־וואָס בעסער. איך זעה דאָ ניט אויף דער שאָל מיין גראָססאַרטיגען בעקען, וואָס האָנגט אין דער סענט־יאַן קירכֿע ניט דעם אַלמע־מער פֿון סענט־אַנדריי, וואָס האָט מיר גע־קאָסט אַ רעכֿט ביסעל געלד.

דער מלאך האָט אַרויפֿגעלייגט אויף די שאָל, וואו עס איז שוין געלעגען די קאַטהעדראַל-קירכֿע און דער ספּיטאָל, דעם אַלמעמער מיטים בעקען פֿון אויבען. אָבער די שאָל האָט זיך ווייעדער פֿון אָרט ניט געריהרט. ביי ניקאָליי נערלי איז אַרוים אויפֿ׳ן שטערען אַ קאַלטער שוויים.

— הייליגער מלאַך, — האָט ער געפֿראָגט, — ווייסט איהר געווים, דאָס אַייערע שאָלען זייען ריכֿטיגע.

דער מלאך האָט מיט אַ שמייכֿעל געאַנטוואָרטעט, דאָס די שאָלען זייען גאַנץ ריכֿטיגע, ווייל זיי זייען ניט געמאַכֿט אויף דער אָרט אַזוי ווי די שאָלען, וואָס ווערען געברויכֿט אין די פּאַריזער לאָמבאַרדען און ביי די ווענעציער געלד וועכּסלער (חלפֿנים) און באַנקיערען.

נערלי איז פֿון שרעק געוואָרען בלאַס ווי אַ טוך.

— ווי? — האָט ער געזייפֿצעט, — די קאַטהעדראַל-קירכֿע, דער ספּיטאָל, מיט אַלע בעטלאַך, דער בעקען מיטים אַלמעמער וואָגען צוזאַמען ניט מעהר ווי אַ פֿעדער?!

— אָט זעהט איהר דאָך, ניקאָליי, — האָט געאַנטוואָרטעט דער מלאך: — אַייערע שלעכֿטע טהאַטען, אַייערע עולות און עבירות זייען ניט אין ערך שווערער פֿון די עטליכֿע גוטע טהאַטען און די פּאָאר מצות, וואָס איהר האָט געטהאָן.

— ווי איך זעה פֿון אייערע וואָרטער, וועל איך געהן אין גיהנום, — האָט נערלי געזאָגט, און עס האָט איהם גענומען קלאַ־פּען אַ צאָהן אָן אַ צאָהן.

— האָב געדולט, — האָט אויף דעם געזאָגט מיכאל: — האָב געדולד, ניקאָליי נערלי! מיר האָבען נאָך ניט געענדיגט, עס איז אונז נאָך איבערגעבליעבען אָט דאָס.

און דער ליכטיגער מלאך האָט גענומען די גראָבע לעבלאַך ברויד, וואָס דער „גביר" האָט געסטערן געוואָרפֿען פֿיר די בעטלער, ער האָט זיי אַרויפֿגעלייגט אויף די שאָל מיט די גוטע טהאַטען, און זי האָט גלייך אַראָבגעלאָזען, וואָהרענד די אַנדערע האָט זיך אויפֿגעהויבען, אוןביידע האָבען זיך אָבגעשטעלט גלייך איינע געגען די אַנדערע.

דער שטענגעל האָט זיך מעהר ניט איינגע־בויגען ניט רעכטס און ניט לינקס, און דער צינגעל האָט געוויעזען דאָס פֿאָלקאָמען גלייכ־געוויכט פֿון ביידע שאָלען.

דער באַנקיר האָט זיינע אויגען ניט גע־גלויבט.

דער מלאך האָט איהם געזאָגט:

— ווי דו זעהסט, ניקאָליי, טויגסט דו ניט אין גיהנום און ניט אין גן־עדן. געה! קעהר זיך צוריק אום אין פֿלאָרענציע. פֿער־מעהר די צאָהל פֿון די לאַבענס ברויד, וואָס דו האָסט צוטהיילט מיט דיין האַנד ביי

נאַכט, ווען קיינער האָט דיך ניט געזעהען. און דאַן וועסט דו אַריין אין גן־עדן. פיר גאָטט איז ווייניג וואָס ער אָפּענט די טהי־רען פון היממעל פיר רויבער און אויסגעלאַ־סענע פרויען, וואָס האָבען תשובה געטהאָן. גאָטטעס באַרמהערציגקייט איז אָהן אַ גרע־נעץ און ער נעהמט אָן די תשובה אַפילו פון אַזעלכער רייכע, ווי דו ביזט, אויך. טהוע תשובה! פערמעהר די צאָהל פון די לאַבענס ברויד, דו ווייסט דאָך שוין ווי זיי וואָגען אויף מיינע שאָלען. געה דיר!

ניקאָליי נערלי האָט זיך אויפגעחאַפּט ביי זיך אין בעט. ער האָט געטומען אויף זיך צו פאָלגען דעם מלאך מיכאלם עצה און צו געבען מעהר ברויד פיר אָרעמע לייט, אום צו פערדינען גן־עדן.

אין פערלויף פון דריי יאָהר, וואָס ער האָט פערבראַכט אויף דער וועלט נאָך זיין ערשטען טויד, איז ער געוועזען זעהר מיט־ליידענד און באַרמהערציג צו אונגליקליכע און האָט געטהיילט צדקה מיט איין אָפענע האַנד.

שְׁטֶארוּנְגֶען אין לִיעבֶּע

ער איז געוועזען אַ פְרֵאחליכֿער יונגער מענש, וואָס האָט געענדיגט איין אַגראָנאָם שולע אין אַלנאַרפע. זיין פֿערמאָגען איז בעשטאַנען אין גוטמיטהיגע אויגען, און אַ פּאָאָר הויכֿע שטיעפֿעל מיט געשטעפּטע קאַנטען און דערצו האָט ער געהאַט אַ שטעלע פֿון איין עקאָנאָם, אָדער פֿערוואַלטער אינ׳ם גוט גילענבארסט אין לינדאַגרע.

זי איז געוועזען אַ יונגע פראֵהליכֿע מאֵדכֿען, וואָס האָט בעזוכֿט אַ קאָכֿין־שולע. זי פֿלעגט טראָגען אין מיטענוואָך אַ בלאָע קלייד אין קאָסטעלאַך. איהר געשטאַלט וואַר ניט הויך, אָבער שאֵן. זי האט פֿערמאָגט אַ פּאָאָר רויטהע באַקען און געשמאַקע ליפּעלאַך, און האָט גערדיענט אַלס געהילפֿע אין דער ווירטהשאַפֿט ביי דער ווירטהין פֿונ׳ם גוט גילענבאָרסט.

איהם האָט מאָן גערופען קאַרל אַנדער־סאָן, און זי האָט געהייסען לאָטע יאַנסאָן. איך וואָלט אפילו צופריעדענער געוועזען זיי אָנצורופען מיט שאָנערע נאָמען; אָבער וואָס קאָן מאָן מאַכען — עס ווענדט זיך ניט אָן מיר!

טאָג־טעגליך פלעגען זיי זיך זעהען, און עס וואָלט געוועזען אַ וואונדער, ווען זיי וואָלטען זיך ניט פערליעבט.

זיי האָבען זיך געליעבט מיט׳ם גאַנצען פייער פון יונגע אונפערדאָרבענע הערצער. אָבער עס האָט זיך זיי קיינמאָל ניט גע־מאַכט די געלעגענהייט זיך צו ערקלערען. און וואָהרענד לאָטע איז געשטאַנען ביי דער פליטע און האָט אויף דער בראָטפאַנע איבערגעקעהרט די בראָטען, פלעגט זיך איהר אָפט דאַכטען, דאָס זי קעהרט איבער איהר אייגענע אויסגעמאטערטע ליעבענדע הערצעלע.

אָט אַזעלכע שמאָרצען האט מאָן דאָס, ווען עס געפעלט אונז אַ פערזאָן ניט פון אונזער געשלעכט.

ווען איינער ליעבט, זעהט ער נאטירליך צו ווירקען אויף דעם געגענשטאַנד פון זיין ליעבע מיט זיינע בעסטע און וויכטיגסטע איינענשאַפטען. אַנדערסאָן האט זיך זעלבסט בעטראַכט, מיט וואָס ער קאָן בעסער נעה־מען לאָטען: אין רעדען איז ער קיין העלד

נים געוועזען. די אויגענשפּראַכֿע איז פֿיר איהם געוועזען אַ מעסער מיט צוויי שאַרפֿען, אַזוי ווי ער איז געוועזען אַ קאָסאָ־אָקער, ווארום ווען ער זאל זיך בענוטצען ביים טיש (דער איינציגער אָרט וואו ער פֿלעגט זיך בעגעגענען מיט לאָטען וואַר ביים טיש אין מיטטאָג צייט) מיט די אויגען האָבען זיך זיינע בליקען געקאָנט צוגלייך אויך אָנשטע־לען אויף די גובערנאַנטין און אויך אויף די ווירטהין, מאַדאַם גילענבאָרסט. האָנד האָט ער ווידער געהאַט לאַנגע און רויטהע, און זיין שטימע קאָן מאָן נים זאָגען אַז זי איז געוועזען מוזיקאַליש.

די גאַנצע גבורה איז ביי איהם געלעגען אין די פּים. ער האָט געטראָגען, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, לאַנגע שטיעפֿעל און געקאָנט געהן 90 קילאָמעטער אַ טאָג און נים ווערען מיעד. ביים טיש איז זיין אָרט געוועזען געגען לאָטען. וואָס דאַרף מאָן אַ בעסערע געלעגענהייד פֿיר צערטליכֿע ליע־בעם ערקלאָרונג דורך די הילפֿע פֿון די פּים! אַלזאָ' האָט ער זיך אַמאָל מיט גאָט'ס הילף בעשלאָסען אין מיטען עסען צו מאַכֿען אונ־טערען טיש אַ פֿראַגע מיט'ם שפּיטץ פּוס...

— אַיי! אַיי! — צום טייפֿעל זאָל דאָס געהן, מיט די אייגעלעך! האַלט רוהיגער אייערע פּים, מיין הערר! — האָט אָגעשריי געטהאָן דער גוטס ווירטה.

יאַ, יאַ, מאָן דאַרף גערוים עטוואָס בע= סער בעקאַנט זיין מיט׳ם אָרט, ווען מאָן וויל ליעבע שפּיעלען מיט די פּים!

אין לינדאַגרע איז געוועזען פּיעל שיינע פּערד. און זעהר פּיינע יונגע פּערדלאַך. אַנדערסאָן איז געוועזען אָ ליעבהאָבער פֿון פּערד, און ווען ער האָט נאָר צייט געהאַט, פּלעגט ער זיך נעבען שטאַהל קוקען אויף די שאָנע טהיערען. זיינע הערצענס ליידען זייען דעמאָלם אזוי ווי שטילער געוואָרען, אָבוואָהל איך בין איבערצייגט, דאָם די פּיינסטע פּערד אין דער וועלט וואָלטען ניט קענען פּערטרעטען די שטעלע פֿון לאָטען אין דעם הערצען פֿונ׳ם טרייען אַנדערסאָן.

ווען לאָטע האָט געזעהען, דאָם אַנדער= סאָן שטעהט ווי אַ פּראַגע צייכען, אין טהיר פֿון שטאַהל׳ איז זי געלאָפען צום קאָסטעל, וואו די קאָבין האָט געהאַלטען פּערדאַרטע שטיקלעך ברויט, האָט עס צונויפגענומען אין שירץ און אויך געגאַנגען אין שטאָהל... עסען געבען די פּראָכטיגע יונגינקע פּער= דעלאַך.

— אָדער יעטצט אָדער קיין מאָל ניט! — האָט געטראַכט דער אָקאָנאָם יעדעם מאָל וואָס ער האָט פֿון וווייטען ערזעהען דאָם קלייד אין קאָסטעלאַך. אָבער ווי ער האָט נאָר גענומען אָפּענען זיין האַרץ, אין דער צייט וואָס זי האָט פֿון איהרע האָנד געגע=

בען עסען „פעליקס׳ען” אָדער „פריי׳ען”, פלעגט אָדער דער קוטשער אַריינקריכען פון סענאָוואַל, אָדער די מילכיקערין איז געקומען זוכען אין שטאַהל צווישען די שטרוי אייער, אָדער מאַדאַם קילענבאָרסט האָט געשריען: „פריילין יאָנסאָן, וואו איז דאָס צוואָלף=שפּוליגע שיפעל פון דער נאָה=מאַשינע?” אָדער דער ווירטה פון גוט אליין האָט געפראָגט: „אַנדערסאָן, פיעלייכט וועלען מיר היינט זאָען גערשטען?”

לאָטע פלעגט ווערען אונמוטהיג, אַנדערסאָן האָט באַז געמורמעלט: „צום טייפעל זאָל דאָס געהן!” און דער ענגעל פון ליעבע האָט אבגעווישט אַ טראָהר פון די אויגען, אַ קלאַפּ געגעבען מיט די פליגעלאַך און אריינגעשפּרונגען אין שפייכלער זיך פערבאָרגען.

איין מאָל האָט זיך געוועסט געמאַכט אַ גליקליכע מינוט — קיינער האָט זיי ניט געשטערט. לאָטע האָט איהר רונדע וויַיסינקע האָנטעלע געהאַלטען אויף „פרייס” שאָנע האַלז,ביידע הערצער האָבען געשלאָגען אין טאַקט, די אויגען האָבען געפינקעלט, דער פולס האָט געציטערט. די אַלטע פערד האָבען פלייסיג געאַרבייט מיט די צאָהנער, די יונגע — געשמעקט איינס ביי דעם אַנדערען די אויערען. די פאָגלען האָבען געזונגען אויפ׳ם בוים אונטער׳ם פענסטער.

אַנדערסאָן האָט גענומען לאָטעס האַנד, האָט זיך איינגעבויגען צו איהר און אָנגעפאַנגען: „אַך, פריילין לאָטע, איך טראַכט שוין לאַ..."

מעהר האָט ער דיעס מאָל ניט געזאָגט, וואָרום פּלוטצלינג האָט איהם עפּעס אַ שרעקליכע קראַפט אַ וואָרף געטהאָן אין דער לופט און עהדער ער האָט זיך אַרומגעזעהן וואָס דאָ איז, איז ער שוין געלעגען אויסגעצויגען מיט'ן בויך אויף דער ערד. אַ נייע לעקציאָן פיר די וואָס ווילען אויסגיסען זייערע הערצער, זיי זאָלען פריהער פערשפּאַרען דעם שטאַהל באָק....

עס איז אַוועק אַ וואָך נאָך אַ וואָך, און די ליעבע האָט געוואַכסען אין די יונגע הערצער און געוואָרען איממער צייטיגער. לאָטע פלעגט פערפעפערן די בלאַנמאַזשע, און אַנדערסאָן פלעגט פיהרען פון פעלד ניט אויסגעטריקענטע היי.

אין איין שאָנעם זונטאָג איז פראָהליך אין לינדאַגרע אויפגעגאַנגען די זון. אַלעמען האָט זיך פערוואָלט פאָהרען אין די קירכע אויסער לאָטע, וועלכער עס האָט מיט אַמאָל אָנגעפאַנגען צו שמערצען די צאָהנער, און אַנדערסאָן, וואָס האָט זיך מישב געוועזען צו בלייבען צו הויזע, אום די קינדער זאָלען ניט רייסען קיין קירשען. אום 10 אוהר אין דער פריה האָבען זיך

אַ פּאָר בלאַנק אָבגעפּוצטע שטיעפּעל פון די בעסטע לעדער פערקעהרעוועט דירך דעם פּאַרק צום טייך, און אין 10 מינוט אַרום זיינען אויף דער איינענער וועג שנעל געגאַנגען אַ פּאָר קליינינקע קאַלבפעלענע שיכעלאַך.

זיי האָבען זיך צוזאַממענגעטראָפען אונטער אַ געדיכטען בוים און אַנדערסאָן האָט צום הונדערטען מאָל געטראַכט: „אָדער יעצט אָדער קיין מאָל ניט!"

אָרעמער, עהרליכער יונגער מענש! ער האָט געציטערט פון קאָפּ ביז די פיס און עס האָט אויסגעזעהען, ווי דאָס בלוט פון זיין גאַנצען קערפּער האָט זיך איהם מיט אַמאָל אַגאָס געגעבען אין די אויערען.

אַרמעס, אונשולדיגעס, ניינצעהניאָהריגעס מאַרכען! איהר ברוסט האָט זיך געהויבען אין דער הויך, איהרע פערברענטע פינגערלאַך האָבען שרעקליך געציטערט.

— אָה, פריילין יאַנסאָן ווי אונגעדולדיג איך האָב געוואַרט אַ געלעגענהייט אייך צו זאָגען, דאָס איך ליע...

— איך גלויב, דאָס איך שטאָר אייך ניט? — האָט געפרעגט די זיס-זויערע גובערנאַנטין, אַרויסגעהענדיג פון הינטער די ביימער און שטעלענדיג גרויסע טריט אויף דעם נאַסען גראָז.

— איך... האָב געמיינט, איר זייט

אויך געפֿאָהרען, — האָט געשטאַמעלט דער אָקאָנאָם.

— ניין, מיר האָבען אויך מיט אַמאָל גענומען וועהטהאָן די אָהנער. אַגוטען טאָג מיינע העררען! האָט פֿערגעניגען! — מיט דיעזע ווערטער איז זי פֿערשוואונדען געוואָרען.

בשעת אַנדערסאָן האָט זיך אַרומגעקוקט, איז שוין לאָטע ניט געוועזען — זי איז פֿערשוואונדען, וויא אַ שאָטען.

עס איז אַוועקגעלאָפֿען דער מאָנאַט אָגוסט.

עס איז געקומען סעפּטעמבער. אין סעפּטעמבער זייען די ליכֿטיגע לבנה-נאָכֿט נאָך שאָנער ווי אין אָגוסט. אין איין אָבענד האָט לאָטע איבערגעצאָהלט די וואָש, אָבגעוואויגען יאַגאָדעס אויף קאָנפּיטורען, אויפֿגעראַמט די געשיר, און ווי זי האָט אַלעס געבראַכֿט אין אָרדנונג, האָט זי געזאָגט צו זיך אליין, דאָס יעצט האָט זי רעכֿט צו זיטצען אַווייַלע אין גאָרטען אויפֿ'ם באַנק און פֿאַנטאַזירען.

דאָס ליעבע געפֿיהל, וואָס האָט קיין מאָהל ניט קיין אירטהום, האָט אַנדערסאָן אויך געצויגען אין גאָרטען, און ער איז מיט אַ ציגאַרע אין מויל געקומען צו דעם זעלבען באַנק אונטער דעם אָפּפּעל בוים. די דונקעלהייט פֿון דעם אָבענד האָט פֿערבאָרגען זיין שעמאָדיגעס געזיכֿט און ער האָט

אָנגעפֿאַנגען זיך צו ערקלערען מיט מעהר־
דרייסט ווי פֿריהער :

— אָה, לאָטע ענדליך איז געקומען די־
צייט, וואָס איך קאָן אייך זאָגען, ווי אונ־
בעגרענצט איך ליעב ...

די צווייגען פֿון בוים האָבען גענומען
רוישען ווי אין דעם שטאַרקסטען ווינד.
הונדערטער קליינע רונדע פֿריכטע האָבען
זיך גענומען שיטען אויף זייביידען און
פֿון בוים איז ארויס אַ פֿראַהליכער געלעכטער...

איז ווען געהערט געוואָרען פֿון אַ זאַ
אונגליק? דער אָרעמער אָקאָנאָם גיעסט זיך
אָב מיט שוויים אַרבייטענדיג אַ גאַנצען טאָג,
און אַז עס קומט ביי נאַכט קאָן ער זיך ניט
ערקלערען מיט די געליעבטע פֿון זיין הער־
צען, וואו ער זאל פֿריהער זיך ניט איבער־
צייגען דאָס אויפֿ׳ם אָפּעל־בוים זיטצען ניט
זיין פּרינציפּאַלס קינדער, די שטיפער?!

אַנדערסאָן האָט זיך בעשלאָסען אויף
אַ גרויסע העלדענטהאַט. דען 24-טען
אָקטאָבער האָט ער גערעכענט אָבצוטרעטען
פֿון הילענבאָרסטען און נעהמען ווירטשאַפֿט,
אין דעם קליינעם גוט, וואָס ער האָט גענו־
מען אין אַרענדע. אַלזאָ וועט ער שוין ביז
יענעם טאָג גאָר ניט זוכען צו בעגעגענען
זיך מיט לאָטען אונטער פֿיער אויגען. ער
וועט זיך איינהאַלטען און זיין געדולדיגער ביז
אַ צייט. אָבער נאַכהער ווי ער וועט שוין

בעקומען זיינע געהאַלט און וועט איבער-געבען די ביכער און די ווירטשאַפט, וועט ער נעהמען אַבשיעד פון זיינע פרינציפּאַלען. ער וועט זיי בעדאַנקען פיר די צייט וואָס ער האָט ביי זיי פערבראַכט און דאַן וועט ער גאַנץ אָפען רוהיג און ערנסט זאָגען: „מאַדאַם הילענבאָרסט! קאָן איך פיעלייכט ניט זעהען פרייליין יאַנסאָן? איך דאַרף איהר זאָגען אַ פּאָאר ווערטער"! דעמאלסט וועט ער, וויע-דער רוהיג און ערנסט, נעהמען זיין געליב-טע פיר די הענד, וועט איהר אַקוק געבען אין די אויגען און זאָגען: „לאָטע, דו ווייסט, דאָס איך ליעבע דיך, פיעלייכט, האַלסט דו עטוואָס פון מיר אויך?" אָט אַזוי וועט זיך די גאַנצע זאַך אין אָרדענונג קומען. וואָס פיר אַ נאַר ער איז דאָס געוועזען, וואָס ער האָט דאָס פריהער ניט אַזוי בערעכענט!

עס איז געקומען דער 24-טע אָקטאָ-בער. הערר אַנדערסאָן האָט בעקומען זיין לאָהנגעלד, ער האָט איבערגעגעבען די ביכער און די ווירטשאַפט, בעדאַנקט זיינע פרינציפּאַלען פיר די אַנגענעהמע צייט, וואָס ער האָט ביי זיי פערבראַכט, און נאָכהער האָט ער זיך געווענדט צו דער מאַדאַם הילענבאָרסט און מיט אַ האַלב ציטערנדע שטימע געזאָגט:

— מאַדאַם הילענבאָרסט, איך נעהם

מיר די מוטה איך צו פראָגען, וואו קאָן איך געפינען פריילין יאַנסאָן? איך וואָלט פערלאַנגען . . . איך וויל . . . עס איז אַקליינינגקייט . . . איך וואָלט גערנע . . . דאָס הייסט . . . יאַ, שפרעכען, יאַ . . . אונטער פיער אויגען . . .

די ווירטהין האָט געטאָהן אַ שמייכעל.

— וואָס פיר איין שאָדען! איך האָב געסטערן נאָך מיטאָג ערלויבט פריילין יאַנסאָן געהן צו איהר ברודער, זעהען וואָס ער מאַכט . . .

— ווען קומט זי צוריק? . . . האָט דער אָרמער אַנדערסאָן קוים געקאָנט אויסרעדען.

— בעשטימט קאָן איך נים זאָגען. אויב דער ברודער האַלט זעהר שלעכט, האָב איך איהר ערלויבט צו פערבלייבען ביי איהם עטליכע טאָג.

האַלב אין אָנמאַכט, פאַלענדיג פון די פוס, איז אַנדערסאָן אַרויס פון צימער און האָט זיך אַ ריינגעזעצט אין די קאַרעטע וואָס האָט איהם אַ וועקגעפיהרט אויפ׳ן וואָגזאַל. ער האָט גענומען אַ בילעט, אַריין אין וואַגאָן און זיך וועג געזעטצט אין אַ ווינקעלע. ער האָט באַלד אַרויסגענומען אַ באַוועלגע טיכעל אין קאָ־סטעלאַך און אָנגעפאַנגען וויינען—דאָס ערשטע מאָל נאָכדעם ווי ער האָט געוויינט, זייענדיג אַלט פיערצעהן יאָהר, ווען זיין מוטער איז געשטאָרבען פון אַ נערפענפיעבער.

אַנדערסאָן איז געפֿאָהרען מיט׳ן קוריער־צוג נומר 137. אויף דער סטאַציאָן ש. בע־געגענט זיך דיעזער צוג מיט׳ם פּאַסאַזשירען צוג נומר 142. בשעת דער צוג נומר 137 קומט אָן אויף די סטאַציאָן, קומט אוים דעם צוג נומר 142 אבצוגעהן. אַ מאָל לויפעןביידע ציגע פֿאַרביי איינער דעם אַנדערען, אַ מאָל שטעהען זיי 20,15 מינוט איינער געגען דעם אנדערען.

דער צוג נומר 137 מיט אַנדערסאָן איז האַסטיג צו געגאַנגען צו דער סטאַציאָן ש. און דער צוג 142 איז געשטאַנען מיט אָבגע־שרויפטע טאָרמאַזען און האָט זיך גיעקליבען אָבצוגעהן.

גרויסער גאָטט! לאָטעס בלויע שאַל אין קופּע פֿון דריטען קלאַסס!.... ווען איי־נער איז פֿערליעבט, עקסיסטירען פֿיר איהם ניט קיין פּאַסאַזשירען, קיין דיענסט לייטע און קיינע אייזענבאַהן געזעטצע! אַנדערסאָן איז אַרויסגעשפּרונגען אויף די פּלאַטפֿאָרם פֿון זיין וואַגאָן, האָט זיך איינגעבויגען צו דער בלויען שאַל אין צוג נומר 142 און האָט אַ געשריי געטהאָן מיט אַ שטימע, אין וועלכער עס האָט זיך געהערט פֿיעל יאָהרי־גע אַנגסט, הערצשמערצען און אינערליכע ליעבע:

— לאָטע, ווילסט זיין מיין ווייב?

לאָטע האָט זיך פֿעעשעממט פֿון די שפּאָ־

…ישע בליקען וואָס האָבען אָנגעשטעלט אויף איהר די רייזענדע, — צום גליק זייען זיי ניט געוועזען קיין פּולע, — און עס איז איהר איינגעפאַלען צו מאַכען אַ ביסעל אָנשטעל, ווי די מאַרכען זייען געוואויהנט. אָבער אין איהר אונשולדיגען ריינען הערצען איז אין דעם זעלבען אויגען בליק איין אַנדער געדאַנקען ערשיינען: צו שפּיעלט זי דאָ ניט מיט׳ן גליק פון איהר גאַנצען לעבען? דעריבער, אָבוואָהל זי האָט זיך געשאָמט און איז געוואָרען רויטה, האָט זי איינפאַך שנעל און אָפענהערציג געזאָגט:

—יאָ, קאַרל.

— טו געה שוין אַרויס! — האָט אַ געשריי געטאָהן אַנדערסאָן.

זי האָט איהם געפאָלגט.

זיי זייען שנעל, געאַרמט, אַריינגעגאַנגען אין זאַל פון ערשטען קלאַס. דאָ האָט זיך ענדליך לאָטע צוגעדריקט צום טרייען הערצען, וואָס האָט אַזוי לאַנג און אַזוי שטאַרק נאָך איהר געבאַנגט.

אָבער אין מיטען דרינען האָט זיך די יונגינקע פערליבטע, דאָס שאָנינקע מאַרכען, וואָס וואַר אויפגערעגט אין איהרע בעסטע געפיהלע, — אין מיטען דרינען האָט זי זיך עטוואָס ערמאָהנט: זי האָט אויפגעהויבען איהרע שאָנע, פייכטע אויגען און האָט

אַ געשריי געטהאָן מיט איינע אונבעשרייבלי־
כע אונרוהע:

— מיין רייזע־זאַק!

הערר אַנדערסאָן האָט איהר אָבער גאָ
ניט געאַנטוואָרטעט. וואָס פיר אַ ווערטה
האָבען פיר איין אָקאָנאָם וואָס ליעבט או
וויים, דאָס מאָן ליעבט איהם, אַלע רייזע־
טאַשען, וועג־ביטלען און אַלע זאָק אויף דער
וועלט?

ISIDOR HURWITZ
LIBRARY
OF THE
J. C. R. S.